STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11319

# TIF IN DER TAYGE

Yente Mash

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יענטע מאַש

# טיף אין דער טײַגע

מײַן לעבנס־באַגלייטער
דוד גורוויץ,
מיט האַרציקע דאַנקען פאַר
זײַן פילזײַטיקער מיטהילף

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון
„ישראל־בוך״־הילפספאָנד פאַר ייִדיש שאַפן אין לאַנד.

יענטע מאַש

# טיף אין דער טײַגע

דערציילונגען

פאר שושנה בורק
מיט פריינדשאפט
און גוטע ווינטשן
י. מאש

19.12.1990

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפסקאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשנ"א — 1990

יעל מאָש

# הרחק בטייגה

סיפורים

יענטע מאָש

# טיף אין דער טײַגע

דערציילונגען

YENTE MASH

# TIF IN DER TAIGHE

**Stories**

הילע געצייכנט: מאָלערין אירינאַ מאָרוז

©
כל הזכויות שמורות

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש-שאַפונג
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת. ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

נדפס בישראל תשנ"א
Printed in Israel 1990

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704



דאָס בוך „טיף אין דער טײַגע״
איז געהייליקט דעם ליכטיקן
אָנדענק פון מײַנע עלטערן
שפרינצע און הערש רויטמאַן —
די אומגעקומענע אין סיביר,
ווי אויך דעם אָנדענק פון מײַן
חרוב־געוואָרן שטעטל זגוריצע,
וואָס אויף בעסאַראַבער ערד.

✶

דעם 13־טן אויפן 14־טן יוני 1991 ווערט 50 יאָר זינט יענער שווידערלעכער נאַכט, ווען, לויטן באַפעל פון סטאַלינען, דעם „פאָטער פון פעלקער״ איז „גלענצנדיק״ דורכגעפירט געוואָרן איינער פון די גרעסטע טראַנספערן, וועגן וועלכן די געשיכטע וועט האָבן אַ מאָל צו דערציילן. די אַקציע האָט זיך אָנגערופן „ספּעץ־פּערעסעלעניע״ און אירע קרבנות זענען געווען אומשולדיקע מענטשן פון די פריש אַנעקסירטע צום ראַטן־פאַרבאַנד אין 1940 טעריטאָריעס: בעסאַראַביע, ליטע, לעטלאַנד און עסטאָניע. די מאַרטירערס האָט מען געשטעמפּלט מיטן גרויזאַמען צייכן „בורזשוי״ אָדער „קאַפּיטאַליסט״ און, אַלס אַזעלכע נישט גילטיקע פאַר דער סאָוועטישער מאַכט עלעמענטן, צוגענומען בײַ זיי דאָס פאַרמעגן, נאַציאָנאַליזירט זייערע שטיבער מיטן גאַנצן הויז־באַשטאַנד און זיי אַליין אויפגעהויבן פון די אײַנגעזעסענע ערטער און פאַרשיקט קיין סיביר.

די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ באַזונדערער אכזריותדיקייט — מ׳האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער עלטער,

מיט קראַנקייטן און אַנדערע אויסנעם־באַדינגונגען. פיל פון די אַרויסגעשיקטע האָבן אויסגעהויכט די נשמה אין וועג און געפונען זייער אייביקע רו אויף אומבאַקאַנטע פעלדער. דאָס ערגסטע פון אַלעמען איז געווען דאָס צעברעכן די פאַמיליעס. גלײַך פון אָנהייב האָט מען אָפּגעטיילט די מענער, זיי פאַרנומען, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אין די לאַגערן אויפן אוראַל און די פרויען מיט די קינדער געפירט, אין וואַגאָנען פאַר בהמות, טויזנטער קילאָמעטער די ווײַט פון דער היים. אַ גרויסן חלק פון זיי האָט מען „באַזעצט" אין דער טײַגע און געצוווּנגען אַרבעטן בײַם דעראָבערן „זשיוויצע" פון די סאָסנע־ביימער. פיל זענען אויס־געשטאָרבן דאָרט פון הונגער, קעלט און שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען, באַזונדערס פון צווישן די עלטערע מענטשן און די קליינע קינדער. אַ טייל פון די יונגע און געזונטע האָט זיך דערנאָך אײַנגעגעבן אַנטלויפן פון דאָרט און זיך באַזעצן אין די נאָענטע שטעט.

וועגן דער אָפּעראַציע „ספּעץ־פּערעסעלעניע" און אירע קרבנות איז זייער ווייניק, אויב בכלל, דערמאָנט געוואָרן אין דער כראָניק, שוין אָפּגערעדט פון דער ליטעראַטור.

מיר איז באַשערט געווען אין מײַן פריער עלטער דורכצוגיין, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע, די שבעה מדורי גיהנום אין סיביר, וויל איך מיט דעם בוך אויספילן מײַן חוב בנוגע די אויף אייביק פאַרבליבענע אין דער טײַגע און אָפּשפּיגלען אין מײַנע דערציי־לונגען בילדער און עפּיזאָדן פון אונדזער לעבן אין דער פאַרשיקונג.

**יענטע מאַש**

## מײַן מאַמעס ניגון

קריך אַראָפּ, קריך אַראָפּ,
מײדעלע פֿונעם אויוון,
מ'האָט געבראַכט דיר, מ'האָט געבראַכט דיר
שיכעלעך צו פֿאַרקויפֿן.

נאָר דערהערט איר קול גאַנץ פֿרי
פֿלעג איך גלײַך אויפֿשפּרינגען,
מײַן מאַמע האָט איעדן קינד
אַן אַנדער ליד געזונגען.

האָב איך געפּרוווט מײַן טעכטערל
אויך אַזוי פֿאַרוויגן,
האָט דאָס רוסישע בײַ איר
פֿאַרשטעלט מײַן מאַמעס ניגון.

בעט איך איצט מײַן אײניקל
זאָגט זי: — אדרבא,
זי וועט ייִדיש רעדן שיין
ווען זי וועט זײַן אַ באָבע.

# דער חתן־בוים

אויפן וועג שטייט אַ בוים
שטייט ער איינגעבויגן
אַלע פייגל פונעם בוים
זענען זיך צעפלויגן.

**איציק מאַנגער**

אונדזער בעסאַראַבער געגנט האָט זיך אַ מאָל אויסגעטיילט מיט אירע וועגן ווי יעדער קאַליקע מיט זײַן מום. נישט קיין וועגן, נאָר אַ קללה.

צופֿוסנס פֿון דער גרויסער רוסישער אימפעריע פֿון איין זײַט און מיט דער צווייטער ענג צוגעשפּאַרט צו רומעניע, וואָס האָט עקשנותדיק געוואָלט זיך אָנרופֿן נאָר „גרויס רומעניע", איז אונדזער קאַנט, איינגעקלעמט צווישן די צוויי טײַכן מיט כּמעט תנ"כישע נעמען — פּרוט און דניעסטער, געווען דאָס אייביקע כּפּרה־הינדל, מיט וועלכן מ'האָט געוואָלט אויסקויפֿן אַלע חטאים און אויסגלײַכן אַלע שכנישע מחלוקתן. האָט מען זיך מערער געוואָרפֿן ווי געריסן איבער דרינעם. עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. איידער מ'האָט זיך צוגעוווינט צו דער נײַער שפּראַך און צו די נײַע געזעצן, האָט מען שוין ווידער געדאַרפֿט דינען אַ נײַעם מלך. ווער־מען איז דעריבער אין זינען געלעגן זיך אומצוקוקן אויף די באַדערפֿעניש פֿון אַזאַ מין הפקר־שטח? זענען די וועגן געווען ווי די הויזן בײַ אַ וויכאַוואַניק — צעריסענע, צעפּליקטע, מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, מיט בערג און מיט גריבער, מיט בריקלער, וואָס האָבן זיך געטרעסעט און אַרויסגעטרעסעט די נשמה בײַ די פּאַסאַזשירן. נאָר אַזוי איז מען געפֿאָרן, איעדער לויט זײַנע אינטערעסן. ס'האָט קיין מאָל קיינעם נישט אָפּגעהאַלטן זומער דער שטויב, וואָס מ'האָט געקאָנט פֿון אים דערשטיקט ווערן, האַרבסט־צײַט דאָס בעכטען אין דער בלאָטע ביזן גאַרטל און ווינטער, אַז גאָט האָט געהאָלפֿן, אַ זאַווערוכע, וואָס פֿלעגט

פֿאַרשיטן און פֿאַרווייען, אַז מ׳האָט שוין אין גאַנצן קיין וועג נישט אָנגעזען. אמת, נאָך יעדער נסיעה האָט מען לאַנג נישט געקאָנט די „צעבראָכענע" ביינער אויסרוען, אָדער מ׳איז געלאָפֿן אין שול אַרײַן גומל בענטשן, אַזעלעכס פֿלעגט אויך טרעפֿן, נאָר אַזוי איז מען געפֿאָרן און אַזוי האָבן בעלי־עגלות געצויגן זייער בידנע פּרנסה, קיין מאָל נישט פֿאַרלוירן דעם בטחון אין דעם וואָס לעבט אייביק און קיין מאָל אויך נישט דורכגעלאָזט אַן אָפּצולאַכן און חוזק מאַכן פֿון אַ גוייִש פּורל, וואָס פֿלעגט זיך טרעפֿן אין וועג, צוגעשפּאַנט צו אַ פּאָר אָקסן.

די איינציקע וועגצייכנס זענען געווען די קערניצעס, נאָענט צו די מאָלדאַווישע דערפֿער, באַצירטע מיט געקרייציקטע יוזלעך און באַשוועגצלטע פֿון גלח, וויפֿל מאָל זיי פֿלעגן גיין מיט די הייליקע בילדער זייערע בעטן אויף רעגן. פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ אַזעלכע קערניצעס האָבן ייִדישע בעלי־עגלות נאָר געפּאָיעט די פֿערד זייערע און... אַז עמעצער האָט אַ מאָל בשתיקה אַליין אַ טרונק וואַסער געטאָן, האָט מען שוין איבער אַזאַ וואַסער קיין ברכה נישט געמאַכט. און אפֿשר האָט מען יאָ געמאַכט, ווער קאָן שוין הײַנט וויסן?

★

אויף דעם שליאַך, וואָס האָט געפֿירט פֿון אונדזער שטעטל זגוריצע קיין דראָקיע, די סאַמע נאָענטסטע אײַזנבאַן־סטאַנציע, עט־עט אַרויס דעם שטעטל, אַ סך ווײַטער פֿון דער מיל און פֿון שימענאָוויטשעס הויף, נאָענט שוין צום דאָרף ניקאָרעשט, איז געשען איינער פֿון דעם רבונו־של־עולמס תומר־נופֿלדיקע וווּנדער און דער מסופּענער באַרג־אַרויף האָט פּלוצעם זיך געענדיקט מיט אַ פּליין, אַ גלײַך שטיק פֿעלד (די פּאָליאַנע האָט מען עס גערופֿן), ווו מענטש און בהמה האָבן אָפּגעאָטעמט לײַכטער. אין סאַמע מיט פֿון דער פּאָליאַנע, וווּנדער איבער וווּנדער, איז געוואַקסן און זיך צעוואַקסן מיט די יאָרן אַן איין־און־איינציקער בוים. אַ ניסן־בוים. ווער האָט אים דאָרט פֿאַרזעצט? גאָטס דרכים! אַ ניסל איז מסתּמא פֿון ערגעץ אָנגעפֿלויגן מיטן ווינט, די רעגנס האָבן

אין דער ריכטיקער צײַט באַוואַסערט די ערד און דער בחור האָט אָנגעהויבן וואַקסן. און ווײַל ס'האָט אים קיינער נישט געשטערט, האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דער הייך וויפל זײַן שטאַם האָט אים דערלויבט און גענומען זיך צעשפּרייטן אין דער ברייט, צעוואַרפנדיק זײַנע געזונטע צווײַגן אין אַלע זײַטן אין אַ פּינקטלעכן ראָד, ווי אַ שירעם. ווי גרויס, אָבער, און שיין דער בוים איז געווען, אַזוי קליין און אײַנגעשרומפּן זענען געווען די פּירות זיינע. ווילדע ניסלעך האָט מען זיי גערופן, חזיר־ניסלעך. פּסול צום עסן. ס'איז אַוודאי געווען מיט אַ מיין פון זײַן ליבן נאָמען — נישט קריכן אויפן בוים און ברעכן זײַנע צווײַגן, נאָר געניסן פון זײַן שיינקייט, אָפּרוען אין זײַן שאָטן און לויבן דערבײַ גאָט פאַר זײַן קלוג אָנפירן מיט דער וועלט.

דאָס איז געווען דער חתן־בוים. איך ווייס נישט ווי אַזוי אין אַנדערע שטעטלעך, נאָר אונדזערע זגוריצער ייִדן, אַז זיי האָבן עמעצן אַ צונאָמען געגעבן, נישט וויכטיק — אַ מענטשן, להבדיל אַ בהמה, אָדער אַפילו אַ בוים אין פעלד, איז עס געווען ווי אַ גלעזער שנײַדט צו מיט זײַן דימענטל אַ שויב צו אַ פענצטער — גלאַט, שאַרף, אַקוראַט צו דער מאָס און גייט שפּיגלט זיך אין זײַן אַרבעט. חתונות אין שטעטל זענען געווען נישט קיין זעלטענע געשעעניש. אַלע חתונות, אָבער, האָבן געהאַט כּמעט די זעלבע צורה: דער זעלבער רב האָט חופּה וקידושין געגעבן נעבן דער „רויטער" שול, דער זעלבער ווײַסבוך האָט געשפּילט מיט זײַן קאַפּעליע כּלי־זמר און געפירט דערנאָך חתן־כּלה דורך אַלע גאַסן אַהיים. בײַם רײַכערן גראַד האָט מען דערלאַנגט אַ פערטל עוף אויף אַ מענטשן, בײַם געמיינערן — אַ פערטל עוף אויף צווייען, דאָס איבעריקע האָט געוווּסט נאָר דער בעל־שמחה אַליין. אַן אויסנעם און אַ באַזונדערן חן האָבן דערפאַר געהאַט די חתונות, ווען דער חתן איז געווען נישט קיין היגער. דאָס הייסט נישט חלילה קיין אויסלענדישער, אויך אונדזערער אַ בעסאַראַבער, נאָר פון אַן אַנדער שטעטל. דעמאָלט פלעגט זיך אָנהייבן רעשן פון אין דער פרי. און כאָטש ס'איז שוין פון טעג און פון וואָכן באַשטימט

געווען, איין מאָל פֿאַר אַלעמען, ווער ס'וועט פֿאָרן באַגעגענען דעם חתן, פֿלעגט זיך אָבער שטענדיק, אין דער לעצטער מינוט, אַרויסווײַזן אַז מ'האָט גראָד פֿאַרגעסן אין אַ פּאָר וויכטיקע געסט, וואָס וואָלטן אין לעבן נישט מוחל געווען אַזאַ באַליידיקונג און מ'איז געלאָפֿן אָן אַ נשמה זוכן אַ נײַעם געשפּאַן מיט אַן אָנטרײַבער און אָפּגעאָטעמט פֿרײַ ערשט ווען די אַלע נאָענטע קרובים, מערסטן טייל יונגוואַרג, זענען שוין געזעסן אויסגעזעצט אין די מיט קולי־מעס, בלומען און גלעקלעך באַפּוצטע בוידן, איבערשרײַענדיק זיך מיט געלעכטערן און מיט קוויטשערײַען, גרייט זיך אַ רײַס טאָן פֿון פּלאַץ, ווי נאָר דער צייכן וועט געגעבן ווערן. אין יענעם טאָג איז דער חתן־בוים נישט אַראָפּ פֿון די ליפּן. דאָס איז געווען זײַן טאָג.

— למען השם, נישט פֿאַרגעסן בײַם חתן־בוים אַרויסנעמען פֿון די קוישן דעם לעקעך און בראָנפֿן!

— למען השם, נישט פֿאַרגעסן בײַם חתן־בוים זיך בײַטן מיט די פֿלעצער און אַרײַננעמען צו זיך אין די בריטשקעס געסט פֿון חתנס־צד.

— בײַם חתן־בוים!

— בײַם חתן־בוים!

דער צעיאָכצטער מחותן, נישט ווויסנדיק וואָס נאָך אָנצוזאָגן, האָט שוין בלויז געמאַכט מיט די הענט און געשריגן — בײַם חתן־בוים! גלײַך ווי נישט אַלע האָבן געוווסט אַז דער חתן־בוים איז די באַשטענדיקע, מ'קען זאָגן אָפֿיציעלע לעצטע סטאַנציע פֿון אַלע חתנים פֿאַר זייער אָנקומען אין שטעטל צו דער חתונה. דאָרט פֿלעגט מען זיך אָפּשטעלן, אָפּרוען, אויסגלײַכן די בײַנער און די צעקנייטשטע קליידער, אויסשפּאַנען אַ פֿערד און שיקן אַ רײַטער אָנזאָגן די בשׂורה, אַז דער חתן איז שוין דאָ. דעמאָלט פֿלעגט זיך די שירענגע בוידן פֿון כלהס־צד אַ רײַס טאָן פֿון אָרט און פֿליען מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ מקבל־פּנים זײַן די מחותנים. אײַ, וויפֿל בראָנפֿן, וויפֿל לעקעך, וויפֿל בלומען און יידישע פֿרייד דער בוים האָט זיך עס אָנגעזען פֿאַר זײַן בליענדיק לעבן! גיי ווייס, אַז

נישט לאַנג וועט עס דויערן און דער חתן־בוים וועט טיילן מיט זײַנע ייִדן אויך זייער ביטערן גורל.

✶

ערשט אין אַ יאָר אַרום נאָכן אומקערן זיך פון סיביר האָט אסתּרקע געקאָנט זיך אויסקלויבן פאָרן אויף קבר־שטעטל, ווי מ׳האָט עס דעמאָלט גערופן. צוגעגרייט און אָנגעזאָגט דעם מאַן טויזנט מאָל ווי אַזוי זיך מטפּל זײַן מיטן פּיצל קינד, האָט זי געכאַפּט דעם מאַנטל מיטן טאַש און איז אַוועק. אומזיסט האָט מען איר געהאַלטן אין איין אויסרעדן, אַז ס׳איז נישטאָ זיך וואָס צו אײַלן, אַז זי וועט גאָרנישט אָנוווערן, אַז ס׳איז דאָרט גאָרנישט נישט געבליבן. צופיל „גאָרנישט״ האָט זי געהערט אין די רייד, האָט זי דעם שוידערלעכן „גאָרנישט״ געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן. און זי האָט אים געזען.

ווען נאָך גוטע עטלעכע שעה פאָרן האָט דער אויטאָבוס זיך ראַפּטעם אָפּגעשטעלט נעבן עפּעס אַ טאַבליצקעלע און דער שאָפער האָט מיט אַ פּרעמדר קול אויסגערופן — זגוריצע... איז אסתּרקע אַ דערשראָקענע אויפגעשפּרונגען פון באַנק. דער שאָפער, וואָס איז שוין געוווינט געווען צו די נאָכמלחמהדיקע פּאַסאַזשירן מיט זייערע געוואַלדן און געוויינען, האָט בלויז איבערגעחזרט — זגור־ריצע און, נאָך איידער זי האָט רעכט באַוויזן אַרויסגיין פון אויטאָבוס, האָט ער פאַרמאַכט הינטער איר די טיר און אַוועק ווײַטער.
אסתּרקע איז געבליבן שטיין איינע אַליין אין מיטן פעלד, ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם טאַבליצקעלע, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צו אַ דריקל און איר אויסגעזען ווי אַ סטראַשידלע, נאָר וואָס ס׳האָט געפעלט דער שוואַרצער קאַפּעליוש, אַ טיפן זיפץ געטאָן און גענומען שפּאַנען מיט דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו די געציילטע עטלעכע שטיבער, וואָס האָבן זיך אָנגעזען פון דער ווײַטנס.

דאָס איז, הייסט עס, אַלץ וואָס איז פאַרבליבן פון איר היים, פון איר שטעטל! דעם גרויסן ווייטיק האָט זי דערפילט נאָך פאָרנדיק אין אויטאָבוס, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן אויסגעפּלאַסטערטן

שאַסיי. פון די ווײַטע קינדער־יאָרן איז איר מיט אַ מאָל אויפ־געשווומען אין זכרון און שוין נישט אָפּגעשטאַנען פון איר דעם גאַנצן וועג דאָס מעשׂהלע „תתחדש" פון „לשון וספר", וואָס זי האָט געלערנט נאָך אין שולע און אַלע מאָל זיך באַגאָסן מיט טרערן אויף דעם אָרעמען ייִנגעלע, ווען די מלאכים האָבן אויס־געזונגען צום ערשטן מאָל דאָס באַגערטע וואָרט „תתחדש" אויף זײַנע נײַע תכריכים, ווען מ'האָט אים געפירט צו קבורה, ווען ס'איז שוין געווען צו שפּעט, ווען ער האָט שוין דעם „תתחדש" נישט געקענט הערן.

— תתחדשי, זגוריצע, תתחדשי!

זי האָט אָנגעהויבן שפּאַנען גיכער גובר צו זײַן די טרערן, וואָס האָבן זי געשטיקט. נישט וויינען! נאָר נישט וויינען. קוקן, זען און געדענקען. אין דעם ים ווילדע גראָזן האָט זי צום אַלעם ערשטן אָפּגעזוכט, ווי מ'האָט איר אָנגעזאָגט, איסאַק קויפמאַנס קערניצע און באַלד זי דערקענט לויטן שפּיציקן דעכל און לויט דעם פּריזבעלע אַרום איר, וואָס דער קאַרגער איסאַק האָט דווקא נישט געזשאַלעוועט קיין געלט און קיין טרחה עס אָפּצוטינקעווען און אָפּקאַלכן אין דער צײַט און שטענדיק נאָר געשריגן און געזידלט די פּריקאַשטשיקעס, וואָס פּלעגן זיך זומער, אין די הייסע „טרו־קענע" טעג, באַלעווען בײַ דער קערניצע און אָפּגיסן זיך מיט עמערס וואַסער. זיי האָבן, מאָלט אײַך, אויך קיין כּבוד אויף אים נישט געלייגט, נאָר ער, מיט זײַן טויבקייט, האָט זייערע קללות נישט געהערט, צו אַלעמענס געלעכטערן. איצט האָט די קערניצע זיך קוים אַרויסגעזען צווישן די בוריאַנעס, דאָס דעכל פאַרזשאַ־ווערט, דאָס פּריזבעלע צעפאַלן. אסתרקע האָט פאַרבויגן די שטעכל־קעס, צוגעגאַנגען נעענטער און אָנגערירט מיט דער האַנט די קאָרבע. זי האָט אַפילו קיין סקריפּע נישט געטאָן. פון דער קערניצע האָט זי געמאָסטן מיט טריט, געחשבונט אין מוח און באַלד אָפּגעזוכט דאָס פּלאַץ ווו זייער שטוב איז געשטאַנען. נו, אַוודאי, אַ סימן — ט'איז דער קעלער. ווען זי האָט נישט מורא און לאָזט זיך אַראָפּ אויף די טרעפּ, וואָלט זי געוויס נאָך געטראָפן דאָרט די צוויי

אײַזערנע קאַסטנס — אײנער פאַר מילכיקס און דער צװײטער פאַר פלײשיקע מאכלים, נאָר דער קעלער האָט מיט זײַן לײדיק שװאַרץ פאַרשטײנערט מויל אָנגעװאָרפן אויף איר אימת־מות, האָט זי אָפּגעטרעטן. איבערן װעג האָט זי זיך אָנגעשטויסן אין אַ פאַרזשאַװערטער צוגעקאָװעטער סעטקע, האָט זי באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס איז ברוך פריװומאַנס הויף, װײַל נאָר בײַ אים, דעם רײַכן זשעליאַזניק, איז די פאַמעניצע געװען צוגעדעקט מיט אַזאַ אײזערנער דעק. און אָט איז אַ שטײנערנע פאַרענטשע פון איר מומע ליבעס טאַרנאַץ פאַר דער שטוב, װוּ איר מאַמע מיט דער מומען פלעגן זיצן אין די פאַרנאַכטן, אָפּרוען פון שטוב־אַרבעט און נישט מיד װערן נאָך אַ מאָל און װידער אַ מאָל איבערקײַען אײנע און די זעלבע געשיכטעס. זײ זענען שוין לאַנג בײדע אויפן עולם־האמת און בײדע צו קבר־ישראל נישט געקומען, הײַנט װאָס טויג שוין די גאַנץ פאַרבליבענע פאַרענטשע? אַזוי האָט זי געבלאָנקעט פון שטײן צו שטײן אויף דעם גרויסן בית־הקברות, אויף דעם „פה נקבר" פון אירע יונגע יאָרן און אײדער זי האָט זיך אומגעקוקט איז זי שוין געװען בײַ דער בריק. נאָר די בריק איז געװאָרן אַ בריקל, זיך געשאָקלט און געסקריפּעט אונטער די פיס. פּלוצעם האָט זי זיך דערמאָנט — דער חתן־בוים! װי אַזוי האָט זי געקענט אין אים פאַרגעסן? אמת, באַגעגענען חתנים איז זי קײן מאָל נישט געפאָרן, קודם איז זי נאָך געװען צו יונג און ס'זענען שטענדיק געװען בילכערע פון איר, צװײטנס האָט זי זיך גערעכנט פאַר אַ שטיקל „פאַרגעשריטענער" און נישט געהאַלטן פון די אָפּגעשטאַנענע נאַרישע מנהגים. זי, אסתרקע, האָט זיך איר אײגענעם חשבון מיט דעם בוים. פון דאַנעט, פון דער פּאַליאַנע, האָט זי געזען צום לעצטן מאָל איר שטעטל, איר לעבעדיק שטעטל. דאָ, בײַם חתן־בוים האָבן אירע עלטערן זיך געזעגנט מיט זגוריצע אַ פּנים שוין אויף אײביק.

דאָס איז געװען דעם 14־טן יוני 1941.

✶

זי געדענקט.

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ קלאַפּ. פון אַ געוויינטלעכן קלאַפּ אין דער דרויסנדיקער טיר. איינס אַ זייגער בײַנאַכט. איר טאַטע, פון וועמען דער שלאָף האָט זיך לחלוטין אָפּגעטאָן אין די נעכט זינט די אָפּטע אַרעסטן, וואָס די נײַע סאָוועטישע מאַכט האָט אָנגעהויבן דורכפירן איבער די אַזוי גערופענע „נישט גילטיקע עלעמענטן", איר טאַטע, וואָס פלעגט מיט זײַן ביז ווייטיק אָנגע־שטרענגטער שמיעה אויפכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך אין דרויסן, איז גלײַך אויפגעשפרונגען פון געלעגער און אַרויס אין פאָדער־צימער.

— ווער איז ?

— איך ר' הערש, איך, בערל רופא.

דערהערט אַ היימיש קול, האָט ער אָפּגעזיפצט און גענומען אויפקייטלען די טיר. דעמאָלט זענען זיי אַרײַן. פינף געזונטע ענקאַ־ווערדיסטן, מיט ברייטע גאַליפע־הויזן, שטיוול „גאַרמאָשקעס", מיט די הענט בײַ די קאָבורעס, גרייט אַ פנים אַרויסכאַפּן די רעוואָלווערן אין פאַל אַז מ'וועט זיך זיי ווידערשטעלן. דערזען דעם אַלטן ייִדן מיט דער ווײַסער באָרד, וואָס האָט געציטערט פון שרעק, האָבן זיי צוגענומען די הענט פון די זײַטן און נאָר באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן : אָן פאַניקע, פאַפּאַשאַ, אָן געוואַלדן ! צינדט אָן דאָס ליכט, וועקט אויף אײַערע בני־בית, טוט זיך אָן און נעמט זיך צונויף אין וועג אַרײַן.

— אַלע ? ?

— אַלע.

— פאַרוואָס ? וואָס אַזעלעכס האָבן מיר געטאָן ? וווהין וועט איר אונדז פירן ?

— אָן פראַגעס, פאַפּאַשאַ ! דאַוואַי, דאַוואַי !

די פּאָר שעה, וואָס מ'האָט זיי געגעבן אויף צוגרייטן זיך אין וועג אַרײַן געדענקען זיך אסתרקען ווי איין גרויסער קאָשמאַר. פון אַלע קינדער איז שוין נאָר זי, די מיזינקע, געווען אין דר'היים. זי געדענקט די בהלה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, דאָס איבערקע־

רעניש, די צעשפּרייטע טישטעכער און לײַלעכער אין וועלכע מ׳האָט געוואָרפן און צונויפגעבונדן דאָס בעטגעוואַנט, וועש, קליידער, וואָס אַ פּאָר פון די ענקאַוועדיסטן, זעענדיק דאָס פּאַרלווירנקייט פון די מענטשן, האָבן אַליין געהאָלפן אַרויסשלעפּן פון די שאַפעס און צונויפלייגן אין פּעק. אַלע טירן און אַלע שופלאָדן זענען געווען צעפּראָלעט. מ׳האָט געשלעפּט וואָס ס׳איז געקומען צו די הענט. זי געדענקט איר טאַטן, ווי ער האָט זיך געטראָגן איבער דער שטוב, קיין זאַך אין די הענט נישט גענומען און נאָר אַלע מאָל אַ קוק געגעבן אויף דער מאַמען מיט אַ פּאַרגליווערטער פראַגע אין די אויגן. אָט איז ער בײַ דער הינטערשטער טיר, וואָס פירט אין הויף אַרײַן און אָט לויפט ער צוריק, ווידער לאָזט ער זיך צו דער טיר, נאָר ניין, ער טרעט ווידער אָפּ. שפּעטער ערשט האָט אסתרקע זיך דערוווּסט, אַז דאָס גאַנצע געלט, וואָס מ׳האָט אָפּגעלייזט פון דעם פיבערדיקן אויספאַרקויפן די קלייט, האָט איר טאַטע באַהאַלטן אין קורניק בײַ די הינער, אונטער אַ ציגל פון וואַנט. וואָס אַ שטייגער ערגערס פון דעם, וואָס איז שוין געווען, האָט נאָך געקענט געשען ווען ער נעמט אַרויס דאָס געלט? דער פּחד, אָבער, די מורא איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט נישט געקענט זיך באַשליסן און געלאָזט פאַרפאַלן גיין דעם גאַנצן אָפּצאָל פאַר אַזוי פיל יאָרן האָרעוואַניע. צום סוף, געדענקט זי, האָט בערל רופא, וואָס איז אַליין געווען בלאַס ווי די וואַנט, זיך געחתמעט אויפן פּראָטאָקאָל, אַז אַלץ, הייסט עס, איז דורכגעפירט געוואָרן לויטן געזעץ און מ׳האָט אַרויסגעטראָגן די קלימיקעס.

אין דרויסן איז געווען שטאָק פינצטער. די בליץ-לאָמפּן, וואָס פלעגן שטענדיק באַלויכטן די גאַסן אין די נעכט, זענען געווען אויסגעלאָשן. אַלץ האָט געקלאַפּט צום טאַקט. שטיל ווי אין אַ קבר. קיין שאָרך, קיין לעבעדיק נפש. נאָר דאָס פורל וואָס האָט געוואָרט פאַר דער שטוב. דער גלאַזונער האָט פאַרשלאָסן די טיר מיט אַ נײַעם שלאָס, אַרײַנגעלייגט דעם שליסל צו זיך אין קעשענע און געגעבן אַ צייכן דעם גוי ער זאָל רירן. ערשט נאָענט צו דער בריק האָבן אָנגעהויבן זיך אויסשיילן פון דער פינצטער סילועטן

פון נאָך פורלער, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער זעלבער ריכטונג. קלאָר, זיי זענען געווען נישט די איינציקע.

צו ביסלער האָט אָנגעהויבן טאָגן.

— פעטער הערש, האָט זיך דערטראָגן פון אַ נאָענט פורל.

— רבקהלע, דו אויך? די קינדער?

— אָט זענען זיי, פעטער, די גרויסע פאַרברעכערס מײַנע, זיי שלאָפן דאָ נעבן מיר. די באָבע איז אויך מיט אונדז.

אין פורל איז געזעסן די מומע גיטל, אַ ייִדענע פון אַכציק יאָר, אײַנגעוויקלט אין גראָבע שאַלן, כאָטש ס'איז געווען זומער אין דרויסן. באַלד האָט מען דערקענט ברוך גורוויץ מיט זײַן פרוי, אין אַן אַנדער פורל ליפּע ליפשיץ מיט זײַן פרוי, וועלוול געלמאַן, שמואל גאָטליבער, אברהמקע שילקרויט, קוני סטאָליאַר, חיים ליטוואַק און נאָך און נאָך ייִדן, וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין דער רשימה פון די „בורזשויעס", וועלכע די אָרטיקע מאַכט האָט גע־מוזט אויף גיך צונויפשטעלן און צושטעלן צו יענער באַשטימטער נאַכט כּדי אויסצופילן דעם באַפעל פון צענטער און דורכפירן מיט אַלע פּישטשעווקעס די אַקציע פון אַרויסשיקן — „ספּעץ־פּערעסעלעניע".

זיי, די געטראָפענע, האָבן נאָך דעמאָלט גאָרנישט נישט גע־ווּוסט וועגן דעם גרויסן אומגליק וואָס רוקט זיך אָן און געוויייטיקט זייער אייגענעם בראָך, געקלאָגט און געפרעגט דעם אייביקן פאַרוואָס.

די פורלער האָבן זיך געצויגן איינס נאָכן אַנדערן. דורכגע־פאָרן די בריק, די מיל איז שוין געבליבן אַרונטער, שימענאָוויטשעס הויף, און די פערד האָבן שווער געסאָפּעט און געשלעפּט די אָנ־געפּאַקטע פורן דעם שווערן באַרג אַרויף. דאָס ערשטע מאָל פאַר אַלע יאָרן, אַז מ'איז אַרויפגעפאָרן דעם באַרג און נישט געגאַנגען צו פוס, כּדי צו פאַרגרינגערן די פערד די משׂא. מ'האָט שטרענג פאַרבאָטן אַראָפּגיין פון די פורן. ערשט אויף דער „פּאָליאַנע" האָבן אַלע פורלער, לויטן באַפעל, זיך אָפּגעשטעלט נאָענט איינס צום אַנדערן, כּדי מ'זאָל קאָנען בעסער אַכטונג געבן אויף זיי, און

דעמאָלט האָט מען שוין דערלויבט אַראָפּקריכן. אַלע האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין איין געזעמל.

— וואָס וועט זײַן מיט אונדז? וווּהין פירן זיי אונדז מיט די פּיצלעך קינדער?

— ווער קאָן וויסן?

— וואָס־זשע איז מען שטיין געבליבן?

— און וווּהין אײַלט איר זיך? דעם צוג האָט איר שוין במילא פאַרשפּעטיקט.

דערווײַל האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון אַלע זײַטן אָנגעלאָ־דענע פורלעך פון די אַרומיקע דערפער. אויף אַלע פורן זענען געשטאַנען גרויסע הילצערנע סאָפּקעס אָדער גרויסע קאַסטנס, אין וועלכע די פּויערים האָבן געפירט זייער האָב און גוטס. זיי האָבן, אָבער, געפירט מיט זיך אויך זעקלעך קאַרטאָפליעס, פּאַפּעשוי־מעל, אָדער אַפילו ווייצנמעל, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן פונעם פאַריעריקן גערעטעניש.

— ווי דען, ווי מיר? מורא געהאַט אַן איבעריקע זאַך אַרײַנ־צולייגן.

— ווייס־איך־וואָס, דער זעלבער גורל וואַרט אויף אונדז אַלע.

— זאָגט נישט. זיי וועט אַלע מאָל זײַן גרינגער, זיי זענען געוווינט צו שווערער אַרבעט און מיר וואָס?

— גאָט וועט אונדז העלפן.

— ער האָט אונדז שוין געהאָלפן.

פּלוצעם איז געוואָרן אַ גערויש צווישן עולם. וואָס איז? — נאַטשאַלסטוווע פאָרט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער. דאָ האָט ראָסיע ראַבינאָוויטש, די קלוגע און געבילדעטע ראָסיע, וועמעס מאַן, דער ציוניסט, איז געווען דער ערשטער קרבן בײַ די אַרעסטן, ראָסיע, דער שײַנדליק פון דער משפּחה און פונעם גאַנצן שטעטל, האָט אָנגעהויבן משוגענערווייז אַרומלויפן, פּאַכן מיט די הענט און שרײַען אויף אַ קול: ייִדן, מיר זענען בײַם חתן־בוים, איר זעט נישט? חתנס־צד קומט אָן! באַגעגנט דעם חתן מיט לעקער און בראָנפן! וואָס שטייט איר, ייִדן? זי האָט אַ ריס געטאָן

די קאַסינקע פון איר קאָפּ און אַ סנאָפּ שוואַרצע געקרײַזלטע האָר האָט זיך איר צעשאָטן אויף דער פּלייצע. „לאָמיר אַלע אין איינעם, אין איינעם", האָט זי געזונגען און טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן, „דעם חתן מקבל־פּנים זײַן"... איר מוטער, די אַלטע טאָבע, איז צו איר צו: קינד מײַנס, וואָס איז מיט דיר? באַרויק זיך, אום גאָטעס ווילן!

— פאַרפאַלן, מאַמע. אַ־לעס פאַר־פאַלן!

— גאָט, וואָס שווײַגסטו דאָרט?

✶

אסתרקע האָט שווער געאָטעמט בײַם אַרויפציען דעם באַרג און איז אַרויס אויף דער פּאָליאַנע. ווו־זשע איז דער חתן־בוים? פון דער ווייטנס האָט זי דערזען דעם רעשט, וואָס איז פון אים פאַרבליבן. באַדעקט מיט אַ שווערער שיכט ערד איז געלעגן איין העלפט פון בוים און די צווייטע העלפט איז פאַרטריקנט געבליבן שטיין, אויסגעקרומט ווי אַ פראַגע־צייכן, מיט די צווײַגן פון דער רעכטער זײַט אַריבערגעוואָרפן אויף דער לינקער. דער בוים האָט ווי געוואָלט מיט די איבערגעבליבענע צווײַגן און בלעטער פאַר־דעקן און באַשיצן די צעקאַרעוואַטשעטע זײַט זײַנע, האָט ער זיך אײַנגעבויגן, ווי אַ הונט קאַרטשעט זיך אײַן אין אַ קנויל כּדי צו דערלאַנגען מיט דער צונג און באַלעקן די ווונד אויף דער הינטער־שטער זײַט קערפּער.

אסתרקע ווייסט וועגן גרויסן אומגליק, וואָס איז געשען דאָ אין די ערשטע טעג פון קריג. אין דער גרויסער בהלה זענען ייִדן געלאָפן ווי די פאַרסמטע מײַז ,ווער קיין סאַראָקע, כּדי זיך אַריבער־שיפן איבערן דניעסטער און ווער ס'איז געלאָפן קיין דראָקיע צו דער אײַזנבאַן. פּלוצעם האָט מען דערהערט דאָס זשומען פון אַנקומענדיקע עראָפּלאַנען. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום בוים זיך צו באַהאַלטן. אַ מעסערשמידט האָט אַ דונער געטאָן מיט באָמבעס, צעשפּאַלטן דעם בוים אויף צווייען און מקבר געווען די מענטשן אונטער אים.

אַזוי וועט זײַן מיט יעדן, וואָס וועט פּרווון אויסבאַהאַלטן ייִדן.

# מקום מנוחה

גרויס און מעכטיק איז דער טײַך אַב. זאַט מיט יאָרן און מיט דערפאַרונג, טרײַבט ער געלאַסן זײַנע וואַסערן. נישטאָ זיך וואָס צו אײַלן. גלײַך ווי ער ווייסט פון פאָרויס וואָס ס׳וואַרט אויף אים בסוף הדרך, דאָרט אויפן ווײַטן צפון. וויל ער אויסנוצן די חיי־שעה, געניסן פונעם קורצן פאַרלויפיקן זומער און, אויב נישט אָנוואַרע־מען זיך ווי ס׳געהער צו זײַן, איז כאַטש אַ שפּיל טאָן זיך מיט די זון־שטראַלן, וואָס איידער זיי באַווײַזן זיך אין זייער גאַנצער קראַפט און צערטלעכקייט, פאַרשווינדן זיי אונטער דער געדיכטעניש פון דער טײַגע. באַטיושקאָ אַב, ווענדן זיך צום טײַך די סיביריאַקעס און פאַרגרעסערן אַזוי אַרום זײַן קורצן נאָמען. באַטיושקאָ, אונדזער שפּײַזער און באַשיצער! ער, דער באַטיושקאָ, ווערט נישט נתפעל פון די געבעטן און פון דער חניפה און טוט זיך זײַנס אין דער באַשטימטער צײַט — קאָרמעט טאַקע ווי אַ פאָטער, נאָר אויך ווי אַ פאָטער שטראָפט ער מיטן גאַנצן כּוח. די אַרטיקע קענען און ווייסן שוין אַלע זײַנע קאַפּריזן. זיך אויסגעלערנט מיט די יאָרן ווי אַזוי זיך באַגיין מיט אים אַפילו אין דער סאַמע שטורעמדיקסטער תּקופה זײַנער, ווען ער בונטעוועט זיך, בושעוועט מיט אַלע כּוחות, רײַסט פון זיך דעם אײַזפּאַנצער, וואָס האַלט אים געקאָוועט אַ לאַנגן שווערן ווינטער, הייבט אויף אײַז־קריעס ווי שטיבער די גרייס, אַזש אַ ווילדער שוים זעצט אים פון די ליפּן. אין דעם צײַטאָפּשניט איז ער שווידערלעך אין זײַן משוגעת — גייט אַרויס פון די ברעגן, פאַרפלייצט און פאַרניכטעט, רײַסט אַרויס מיט די וואָרצלען, ברעכט, פאַרטיליקט און שלעפּט מיט מיט זיך וואָס ס׳טרעפט אין וועג: בײַמער, שטיבלעך, פאַרבלאָנדזשעטע בהמות, פּלאַטן, טראָט־וועס, גאַנצע ספּלאַוון. דעמאָלט שטעקט ער אָן מיט זײַן צערודערט־קייט די סאַמע מוטיקסטע צווישן די געוואַגטע און לאו דווקא נאָר יונגע און לאו דווקא בלויז מענער און רופט פאַרמעסטן זיך מיט

אים אין טײַװולאַנישער קרעפּטיקייט, באַװעגלעכקייט און רירעװודי־קייט, װער װעמען װעט גובר זײַן און אַרױס מיט מערער רוח. איז נישט אַזױ צוליב דעם פּאַרמעסט אַליין װי צוליב דעם רוח טאַקע, שטעלן זײ זיך אײַן דאָס לעבן און לאָזן זיך אַרױס איינציקװײַז, אין שמאָלע שפּיציקע לאָדקעס, שליופּקעס רופט מען זײ אָדער טשעלנאָקעס, מיט שטריק, קייטן און האַטשיקעס אױף לאַנגע דראַנ־גען כּדי צו דערגרייכן, אָפּהאַלטן און פאַרקערעװען צו זיך אַ חלק פון דעם גרױסן רױב — סלופּעס, באַלקנס, שטאַנגען, פּלאַכעס און קלענער למיניהם. דאָס איז פאַר זײ טײַערער בױ־מאַטעריאַל, װעלכן ס'איז שװער צו קריגן אױף אַן אַנדער אופן. כװאַליען זײ זיך שטייענדיק אין די שיפלעך, װאַקלען זיך און ראַנגלען זיך צװישן די שװידערהאַפטיקע קריעס, אין געיעג נאָכן פאַנג. קוקנדיק אױף זײ, אַפילו פון דער װײַטנס, פאַרדרייט זיך דער קאָפּ.

✶

צו די דאָזיקע מקומות פירט מען איצט אױף אַ גרױסער באַרזשע די אַרױסגעשיקטע, די פריש־געבאַקענע, שפּאָגל־נײַע „ספּעץ־פּערעסעלענצעס״. צו אַ שװערער און פאַרדרייטער נאָמען פאַר בלױז פרױען און קינדער. די מענער, װי באַװוסט, די ראשי־המשפּחה, האָט מען שױן לאַנג פון זײ אָפּגעטיילט און איין גאָט װייסט װוּ זײ געפינען זיך און װאָס איז אױסגעפאַלן אױף זייער גורל, דרייט זיך דער קאָפּ און ס'שװינדלט אין די אױגן, כאָטש ס'איז ערשט אָנהייב אױגוסט און דער אָב פליסט נאָך דערװײַל שטיל און רויִק צװישן זײַנע הױכע ברעגן. נאָר טאַקע אָט די ברעגן, װאָס באַהאַלטן זיך פון יענער זײַט האָריזאָנט, פאַרנעמען איצט אַלע תּפילות אין זייערע הערצער. גאָט אין הימל, שיקט זיך אַז דו האָסט גוזר געװען אױף אונדז װאַנדערן אָן אַ סוף און קיין מאָל צו קיין ברעג נישט צוקומען?

נאָך לאַנגע װאָכן פון שלעפּן זיך אין די פאַרעיפּושטע לאַסט־װאַגאָנען, מיט שמאָלע פאַרקראַטעטע פענצטערלעך אונטער דער סטעליע, אָן לופט, אָן אַ לעפל געקעכטס, מיטן אָפּטריט־עמער אין מיטן װאַגאָן, נאָך דעם שװידערלעכן הקדש, איז דער פאַרװאָרפע־

נער סיבירער קאַלכאָז „נײַער וועג״, וואָס האָט קוים געציילט אַ פּאָר צענדליק שטיבלעך, געווען דער ערשטער מקום־מנוחה זייער־ער, ווו מ׳האָט געקענט זיך אַ ביסל אויסגלײַכן, אַרומקוקן, אַרומ־וואַשן, אַרומרייניקן און זשעדנע אײַנאָטעמען אין זיך פרישע לופט. האָט מען גערן אָנגענומען דאָס אַרויסגיין אַרבעטן אין פעלד און זיך געפלײַסט אויסצולערנען ווי אַזוי אַרומגראָבן מיט די סאַפּעס קוסטן קאַרטאָפל, נאָר אַזוי אַז מ׳זאָל נישט טרעפן מיט די סאַפּעס אין די קאַרטאָפל גופא, אָדער, וואָס נאָך ערגער, אין די אייגענע פיס. האָט, אָבער, געדויערט נישט קיין סך און ס׳איז ווידער אָנגע־פאָרן נאַטשאַלסטווע, וואָס מיט די ברייטע גאַליפע־הויזן, און גע־הייסן בײַ נײַס זיך צונויפנעמען אין וועג אַרײַן. דער „געניאַלער״ מוח איז אַוודאי נישט אויסן געווען צונויפפירן צוזאַמען פאַרבי־טערטע קאַלכאָזניקעס מיט פרישע ספּעץ־פּערעסעלענצעס.

שלעפּט זיך די באַרזשע איבערן אָב שוין העכער אַ וואָך צײַט. ציט זיך און ציט און מ׳זעט נישט קיין עק. אַלע האַלטן אַז די שיף באַוועגט זיך גאָר אין גאַנצן נישט, אַז זי שטייט אויף אַן אָרט, ווײַל נאָר וואַסער און הימל, הימל און וואַסער זעט מען פאַר די אויגן און די באַרזשע... נישט מער ווי אַ פּודעלע שוועבעלעך אין דעם גרויסן חלל. און ווי די שוועבעלעך אַזוי אויך די מענטשן — קאָפּ אויף קאָפּ, מיט די קינדער, מיט די זקנים, מיטן גאַנצן האָק און פּאַק, ווער אויף דער דעק, אויף דער פּאַלובע, און ווער אין סאַמע בויך פון דער באַרזשע, אין טריום, און מ׳האַלט זיך אין איין שפּאַרן, וועמען פון זיי איז ערגער. שייך ערגער!? אַלעמען איז ביטער. ווידער פאַרלײַזיקט געוואָרן, ווידער קריגט מען זיך איבער אַ שטיקל פּלאַץ, ווידער הערן זיך געוואַלדן איבער קליי־ניקייטן, איבער נאַרישקייטן. אַז ס׳איז יעדן אָנגעזאָליעט אויפן האַרצן, אַז מ׳ווייסט נישט ווען, ווי אַזוי און בכלל צי מ׳וועט אַ מאָל געהאָלפן ווערן!

איז זיך מיישב די קלוגע שפּרינצע און אַלע אין דער פרי, ווען ס׳איז אָממערסטן אָנגעצויגן די אַטמאָספער, מחמת צעבראָכנקייט פון דער נאַכט, און הייבט אָן דערציילן מיט אַלע פּיטשעווקעס די

חלומות, וואָס זי האָט געזען בײַנאַכט. ווערט צו ביסלעך שטיל און מ׳סטאָמפּעוועט זי אַרום, מ׳וויל הערן. באַקומט זי קוראַזש און גיסט צו, אָבער זייער פּאַרזיכטיק, כּדי נישט קאַליע צו מאַכן, עטוואָס פּאַרב צו אירע חלומות. און מ׳גלייבט איר, שפּרינצען, זאָלט איר זען. וואָס פּלוצעם ווערט זי אָפּנאַרן? און די באַקענטע נעמען און באַקענטע פּלעצער, וואָס זי דערמאָנט מיט אַזוי פיל סודותדיקער פאַרדרייטקייט, מיט רמזים פולע מיט האָפענונג, זענען ווי אַ באַלזאַם פאַר די אַנגעווייטיקטע הערצער. ערגעץ־ווו איז מען זי אַפילו חושד, נאָר מ׳מאַכט זיך נישט ווויסנדיק. קיינער ווערט נישט האָבן די העזה איר עס צו זאָגן. מ׳דאַרף וויסן, אַז שפּרינצע איז פון שטענדיק באַרימט געווען מיט איר געבענטשטן חתוך־הדבור, מיט איר רײַכער, זאַפטיקער, מיט פּסוקים און שפּריכווער־טער פּאַרפּראַוועטער שפּראַך, מיט איר קאָנען איבערגעבן בילדער און סיטואַציעס, אַז מ׳האָט ממש געזען אַלץ פאַר די אויגן, ווער זשע ווערט וואָגן איר איבערשלאָגן אָדער געבן אָנצוהערן, אַז ס׳איז אַ ביסעלע איבערגעכאַפּט די מאָס? פאַרקערט, אַלע זענען מוויל און אויערן, הערן זי מיט פאַרגעניגן און בעטן זי נאָך און נאָך דערציילן סתּם מעשׂיות פון דער היים, פון אַ מאָל, ווײַל אַלע מעשׂיות בײַ איר ענדיקן זיך שטענדיק מיט דעם זעלבן אויספיר: בטחון קינדער, דער גאָט, וואָס האָט אַרויסגעפירט אונדזערע אבות־אבותינו פון מצרים, דער זעלבער ווערט אויך אונדז פון דאַנעט אויסלייזן, במהרה בימינו, אמן!

אַזוי שטעלט זי דעם טאָג. נישט אויף לאַנג, פאַרשטייט זיך. די נויט, דאָס ענגעניש טוט זיך זײַנס. ווי אָבער צעקריגט און צעדורקעט מ׳זאָל נישט זײַן, טרעט מען נישט אָפּ איינער פונעם אַנדערן, מ׳האַלט זיך צוזאַמען, אָפּגעזונדערט, אויף וויפל ס׳איז נאָר מיגלעך, פון אַנדערע גרופּעס מענטשן. אינטערעסאַנט איז, אַז אַפילו די גויים פון די אַמאָליקע שכנישע דערפער זוכן אויך ווי ווײַט מיגלעך זיך האַלטן נאָענט צו די זגוריצער, מישן זיך נישט אויס מיט זיי, חלילה, נאָר לאָזן אויך נישט אַרויס פון אויג. פאַרט באַקענטע פּנימער, וואָס זיי געדענקען גוט פון די יאַרידים יעדן

דאַנערשטיק אין שטעטל. הײַנט די שפּראַך? אַ גוי נעמט נישט אַזוי גרינג און לערנט זיך אויס אַ נײַע שפּראַך. דערצו ווייסן זיי נאָך אַ זאַך, אַז נעבן אַ ייִדן ווערט מען נישט פֿאַרפֿאַלן, אַ ייִד בײַ אַ נויט גיט זיך שטענדיק אַן עצה. טשאַטעוועו זיי נאָך און פּאָר אַ גוט וואָרט זענען זיי גרייט אַפֿילו „אַנטלײַען" אַ זשמעניע פּאַפּעשוימעל צו דערקוויקן דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל היימישער מאַמעליגע. נאַרישע גויים! נאָך פֿאַרשטייען זיי נישט, אַז ס'איז נישט אַ מאָל, אַז דער אומגליק האָט אַלע אויסגעגלײַכט, אַז דאָס אומבאַוווּסטע דריקט איצט אויף אַלע אין דער זעלבער מאָס. אַלע ווילן איצט בלויז איין זאַך — וואָס גיכער אַרויס פֿונעם גיהנום, פֿון דער באַרזשע. ווו ס'זאָל שוין נישט זײַן, אַבי פֿילן די ערד אונטער די פֿיס. און טאָמער איז ווייניק, האָבן זיי נאָך אַ צושמעלצונג דערצו, אַ פֿרישטש, ווי מ'זאָגט, אויף דער מכּה. דאָס איז די אַלטע מאַדאַם גאַרבער. אָפּגעלעבט כּמעט נײַנציק יאָר אין זגוריצע, האָט זי זיך אויסגעקליבן גוססן אויף דער באַרזשע. דאָס הייסט, נאָך אין קאָל־כּאָז איז קלאָר געווען אַז זי איז פֿאַרבײַ, נאָר דאָ, אויף דער שיף, האָט מען שוין באַשײַמפּערלעך געזען, אַז הײַנט־מאָרגן וועט זי אויסגיין. איז מילא, אַ מענטש לעבט נישט אייביק. וואָס, אָבער, וועלן זיי טאָן, טאָמער פֿאַרמאַכט זי די אויגן איידער מ'וועט צוקו־מען צו אַ ברעג און די „באַנדיטן" וועלן הייסן זי אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער? אַ קשיה אויף אַ מעשׂה! אַ גרויסע זאַך בײַ זיי! ציטערט מען און מ'פּלאַטערט און מ'בעט גאָט ער זאָל זיך דער־באַרעמען און צוּוואַרטן מיט דער יציאת־נשמה ביז זיי וועלן זיך ערגעץ צושלאָגן און קענען טאָן איר רעכט כּדת וכדין. צוליב דער מאַדאַם גאַרבער, טאַקע, איז זייער גרופּע געווען די ערשטע בײַם אַראָפּשטײַגן פֿון דער באַרזשע, ווען מ'האָט זי סוף־כּל־סוף צוגע־אַנקערט צו עפּעס אַ שטיקל אויסגעטאָפּטשעט פּלאַץ, מיט אַ טאַבליצע אויף אַ הויכן סטאָלב: „קיפּרושקאַ".

✶

אויב דער וואַלד, דער „כימלעסכאָז", וווּהין מ'האָט זיי געבראַכט, איז געווען דער גיהנום עלי אדמות, איז קיפּרושקאַ

געווען דער פּרוזדור צו אים. און ווי אַ פּרוזדור איז דאָס דערפל געווען שמאָל און אויסגעצויגן מיט זײַנע צען־צוועלף שטיבלעך לענגאויס דעם טײַכל מיט דעם זעלבן נאָמען. דאָס דערפל איז געווען ווי דער האַלדז בײַ אַ בוטל, וואָס קוים פּאַלט מען אַרײַן אין אים, שווער קריכט מען שוין פון דאָרט אַרויס אַ גאַנצער. אייגנטלעך האָט אפשר קיפּרושקאַ נישט פאַרדינט דעם שלעכטן נאָמען, וואָס מ׳האָט איר צוגעזעצט, אָפּגערעדט אַז קיין שייכות צו זייער אומגליק האָט זי נישט געהאַט, נאָר גיי פרעג דעם „צעבראָ־כענעם״ ווער איז יאָ שולדיק און ווער נישט. אַלע זענען שולדיק. ערשטנס זענען די מענטשן דאָרט געווען „סטאַראָווערצעס״ (אַלט־גלויביקע), געזונטע קאַצאַפּעס מיט רויטע בערד און נאָך רויטערע אָנגעפּרעסענע פּנימער און האָבן קיינעם פון דער אָנגעקומענער „טשאַטרע״ אַפילו אויף דער שוועל צו זיך נישט אַרויפגעלאָזט, אָפּגערעדט פון געבן עמעצן אַ טרונק וואַסער פון זייערע „כשרע״ כּלים, צווייטנס, אַז מ׳האָט זיך פאַר זיי געקלאָגט, געוואָלט אַרויס־רופן אַ ביסל מיטלײַד, האָבן זיי אַלע מאָל געענטפערט — „פּרי־וויקניעטיע״, דאָס האָט געדאַרפט הייסן — דער רוח וועט אײַך נישט נעמען, איר וועט זיך צוגעווינען, און דערציילט דערבײַ ווי אַזוי מ׳האָט זיי אַליין געבראַכט אַהער צוריק מיט צען יאָר, מיט דער ערשטער, אַזוי צו זאָגן, אַרויסשיקונג, „ראַסקולאַטשיוואַניע״ האָט עס דעמאָלט געהייסן, זיי אָפּגעלאָזט אין וואַלד, וואָס איז נאָך לחלוטין ריין געווען פון מענטשן, און זיי געזאָגט: לעבט ווי איר קענט. זענען טאַקע די ערשטע צײַט פיל פון זיי אויסגעשטאָרבן, די ייִנגערע, אָבער, און די געזונטע האָבן גענומען העק אין די הענט, געוואַליעטביימער, אויפגעשטעלט שטיבער און הײַנט־צו־טאָג לעבן זיי שוין ווי מענטשן, מיט אַ בהמה בײַ דער שטוב, מיט אַ חזירל, עטלעכע עופות. גאָט צו דאַנקען, ציילעמען זיי זיך, נישטאָ זיך וואָס צו קלאָגן. דאָס צווייטע מאָל, לאָבן זיי, וועט מען זיי שוין נישט אַרויסשיקן, ניטאָ וווהין! גיי רעד מיט זיי, אַ גדולה האָט זיי געטראָפן!

דערווײַל זיצט מען אויף די פּעקלעך אונטערן פרײַען הימל,

מ׳קעמפּט מיט די קאַמאַרן און מ׳וויל עסן. דאָס טרוקענע ברויט רײַסט שוין אין האַלדז, אַפילו ווען מ׳פאַרטרינקט עס מיט אָקריפּ. ווײַזט זיך אַרויס, אַז די מאָלדאַוואַנען זענען גאָרנישט אַזעלכע תּמעוואַטע, ווי זיי האָבן ליב זיך צו פאַרשטעלן. אָנגעטאָפּט דעם דופּק און, דווקא שוין אָן דער הילף פון די ייִדן, געפאַלן אויפן שׂכל — בוקן זיך פאַר די שוועלן און צײַלעמען זיך אַזוי לאַנג, ביז מ׳דערלאַנגט זיי עפּעס אין דער האַנט. וואָס זאָלן די ייִדן טאָן? קיין מזוזות צום קושן איז דאָ בײַ קיינעם נישט פאַראַן. גיט מען אַוועק אַ נײַ העמד, אַ פּאָר הויזן פאַר אַ שיסעלע קאַרטאָפליעס, אַ פּאָר ציבעלעס, אַ ביסל מילך, מ׳צעלייגט פײַער און מ׳קאָכט וואַרעמעס. נאָכן עסן גייט מען צו „תשליך״, מ׳לאָזט זיך אַראָפּ דאָס בערגל, מ׳טוט זיך אויס, מ׳באַקלייבט די קליידער און מ׳וואַרפט אַרײַן די לײַז אין דעם טײַכל „קיפּרושקאַ״. גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד.

די מאַדאַם גאַרבעֶר האָט מען אײַנגעאָרדנט אין אַן אָפענער קאַמער, וואָס מ׳האָט מיט טרערן און פאַר גוט באַצאָלטס אויסגע־בעטן בײַ אַ קאַצאַפּ. יעדנפאַלס אונטער אַ דאַך. ליגט זי איצט אויף אַ שטרויען־ווייך געלעגער און וואַרט אויפן טויט. די צוויי טעכטער אירע, אַליין שוין ווײַט נישט קיין יונגע, זיצן פוןביידע זייטן און שווײַגן. קודם איז נישטאָ וואָס צו רעדן, והשנית זענען זיי שוין לאַנגע יאָרן צעקריגט. ברוגז. מ׳רעדט נישט איינע מיט דער אַנדערער. אַ מעשׂה מיט אַ שנירל בורשטין, אָדער פּערל און אפשר נאָך עפּעס, וואָס איינע האָט יאָ באַקומען צו דער חתונה און די צווייטע נישט, קען מען זיך נישט מוחל זײַן עד היום, כאָטש ס׳איז אַ געשיכטע פון אַ קימאַ־לן מיט יאָרן און פאַר דער צײַט זענען זיי ביידע געוואָרן שיינע גבירנטעס פאַר זיך, אַ סימן — מ׳האָט ביידע משפּחות אַרויסגעשיקט! נאָר איינס צום אַנדערן קערט זיך נישט אָן, ברוגז איז ברוגז. חוץ דעם איז שיינדל, די עלטערע, זייער פאַרביטערט. אַרויס פון דער רײַך־אָנגעפּראָפּטער שטוב, מ׳קען זאָגן, מיט גאָרנישט. זיך אַ פּנים אין גאַנצן פאַר־לוירן און נישט מיטגענומען, ווי אַנדערע, ווערטפולע זאַכן, וואָס

וואָלטן זײ דאָ אַ ביסל אַרויסגעהאָלפֿן. די קינדער אירע, שוין גענוג גרויסע, האָבן אין דר'הײם נישט אונטערגעזאָגט, נישט גע־האָלפֿן, דאָ, אָבער, האָלט מען זי אין אײן יאַדען, אין אײן גריזשען, גלײַך ווי זי אײנע איז שולדיק אין אַלעמען, און ווײַזן איר אָן אויף דער מומען, ווי זי גײט אַרום מיט אַ גרויסן בוזעם, נישט אַנדערש זי באַהאַלט דאָרט דאָס גאַנצע צירונג דער באָבעס. זיצן זײ, די צוויי שוועסטער, אָנגעבלאָזן און שווײַגן. קײנער לײגט זיך שוין אַפֿילו נישט אַרײַן אין שלום. נמאס געוואָרן. אַרויסגעוואָרפֿענע רײד. זײ האָבן געשוויגן אַפֿילו ווען די מוטער האָט סוף־כּל־סוף אויסגעהויכט די נשמה. נאָך דעמאָלט האָט מען שוין אויף זײ נישט געקוקט און איבערגענומען די אַלטע ברשות הרבים. מ'האָט זי אָפּגעהויבן, אויפֿגעקאָכט וואַסער און זי מטהר געווען, אײַנגע־וויקלט אין אַ ווײַס לײַלעך, אָנגעצונדן ליכט צו קאָפּנס און געגרײט זיך צו דער לוויה.

דאָס פֿירן אַ מענטשן צו זײַן אײביקער רו האָט פֿון תּמיד־אָן אַרויסגערופֿן בײַ די באַגלײטער פֿיל צער, ווײטיק און טרויער, נאָר דאָס הײליקע־אָרט מיט די קברים אַרום, די חברה־קדישא מיט דער גוט אײַנגעפֿונדעוועטער צערעמאָניע, די הספּדים מיט די שבחים, דאָס באַוויינען דעם טויטן, ווער שמועסט אַז ס'איז נאָך געווען אַ „שײנער קדיש" דערצו, איז אָפּגערעדט, אַז ס'פֿלעגן זיך נאָך געפֿינען בעלנים מקנא צו זײַן דעם בר־מינן מיט זײַן „גרויסאַרטיקער" לוויה. איצט שטעלט אײַך פֿאָר דאָס בינטל פּרויען מיט קינדער זיך מתעסק זײַן מיט אַ מת דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? מ'האָט זי אַראָפּגעלאָזט, פֿאַרשיט דעם גרוב און געקוקט אײנער אויפֿן אַנדערן, ווי אײנער רעדט, און וואָס ווײַטער? אַלע האָבן פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געשוויגן. דאָס שטילקייט האָט זיך פֿאַרצויגן צו פֿיל און אָנגעהויבן אַזש גרילצן אין די אויערן. ס'האָט שוין געשמעקט אַפֿילו מיט חילול־המת און מיט חילול פֿון דעם ביסל זעלבסט־ווירדע, וואָס איז נאָך אין זײ פֿאַרבליבן. אסתרקע האָט עס דער־פֿילט מיט אַלע אירע רמ"ח אברים. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף

די אומגליקלעכע זגוריצער אירע, וואָס שטייען פאַרטראַכט אין זיך, נאָר גלײַך ווי זיי ווילן דאָ, בײַם פרישן קבר, זיך דערגרונטע־ווען אין אָן אמתן ווען פון זיי איז ערגער, זי האָט דערזען די גויים, וואָס קוקן מיט אָפּשײַ פון דער ווײַטנס און ס'האָט איר ביז ווייטיק פאַרקלעמט דאָס האַרץ פאַר די טאַטעס, וואָס זענען אַזוי ווײַט פון זיי, פאַר די מאַמעס, וואָס זענען אַזוי אומבאַהאָלפן, פאַר די יינגלעך און מיידלעך, וואָס וועלן פאַרשוואַרצט ווערן אין די וועלדער אין די סאַמע שענסטע יאָרן זייערע, פאַר די אַלע מענטשן אַרום, וואָס ווער ווייסט וויפל פון זיי וועלן אַזוי־אַ בלײַבן אויף אייביק אין דער טײַגע, און זי האָט מיט אַ מאָל פאַרגעסן ווער זי איז און וואָס זי איז, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פונקט ווי איר טאַטע, מיט דעם זעלבן נוסח, אויסגעלאָזט אויף אַ קול: **אֵל מלא רחמים, שוכן במרומים**... אַלע זענען דערציטערט געוואָרן, **המצא מנוחה נכונה לנשמת**... **מאַדאַם גאַרבער**... **בגן־עדן**... פּלוצעם האָט זי אָפּגעהאַקט און אַ הייב געטאָן מיטן אַקסל: איר מאַמע, וואָס איז געווען זיכער אַז דאָס איבעררייסן איז איבערן וואָרט „מאַדאַם", וואָס האָט זיך בפירוש אַהער נישט געפּאַסט, האָט איר אַ זאָג געטאָן, נאָר אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן: נישקשה, נישקשה, קינד מײַנס, אויב דער רבונו־של־עולם האָט געקאָנט דערלאָזן מ'זאָל אונדז פאַרשיקן קײַן סיביר, וועט ער מוזן זיך אויסלערנען פאַרשטיין נישט נאָר לשון־קודש. דערהערט די ווערטער „פאַרשיקן" און „סיביר", האָבן אַלע אויסגעבראָכן אין אַ שוידערלעכן יאָמער.

דאָס אײַז האָט זיך געריררט. אסתרקע האָט אָפּגעאָטעמט פרײַער. אַ סברה, אַז דאָס איז געווען אַלץ וואָס זי האָט בכלל געדענקט פון דער **מלא**, ווײַטער האָט זי פּשוט די ווערטער נישט געוווּסט, נאָר ס'איז שוין געווען נישט וויכטיק.

# דער „זקן" פון איוודעל־לאַג

מײַן טאַטן האָבן אַלע בײַ אונדז געהאַלטן פאַר אַ קלוגן, און אַז אַ שטעטל מיט ייִדן פאַרגינען זיך אויף איינעם צו זאָגן אַז ער איז אַ קלוגער מענטש, מעגט איר זײַ שוין היילי גלייבן. זעט איר, טאָמער קרוינט מען עמעצן מיטן נאָמען „חכם", דעמאָלט דאַרפט איר אָנשפּיצן די אויערן — צי מיינט מען עס נישט אַ מאָל בלשון סגי־נהור. נאָר גראָדע צו מײַן טאַטן האָט דאָס קיין שייכות נישט געהאַט, ער איז באמת געווען אַ קלוגער און גאָרנישט קיין פאַרשלאָפענער. אין די יונגע יאָרן, האָט מען דערציילט אַפילו, איז ער געווען גאָר אַ גרויסער אויפטוער הן אין מסחר, הן אין קהל־זאַכן, נאָר די רעוואָלוציע מיט די פּאָגראָמען אין אוקראַינע האָבן געמאַכט אַש און פּאַרעך פון זײַן פאַרמעגן און ער האָט געמוזט פון דאָרט אַנטלויפן כּל עוד נשמתו בו. מיט די הוילע צען פינגער, נאָר מיט עקשנותדיקער ענערגיע האָט ער ווידער אויפגעשטעלט אין בעסאַראַביע אַ היים פאַר זײַן הויזגעזינד און צווישן יאָ און ניין טאַקע צוגעשטעלט נאָך אַ פּאָר קינדערלעך, וואָס האָבן אים אַ פּנים אויסגעפעלט צום מנין.

איך האָב אים שוין פאַרכאַפּט אויף די עלטערע יאָרן, מיט אַ גרויער באָרד און מיט אַ גרויען קאָפּ געדיכטע קורץ געשוירענע האָר, נאָר אַלץ נאָך מיט אַ גלײַכער פּלייצע און מיט אַ פעסטן שפּאַן. די געשעפטן זײַנע האָט ער שוין, צו יענער צײַט, איבער־געגעבן אין די הענט פון די עלטערע צוויי זין. זיי האָבן געפירט די קלייט און ער פלעגט שוין מערסטן טייל נאָר פאָרן אין די גרויסע שטעט נאָך סחורה, זיך חשבונען מיט די קרעמערס און אונטערהאַלטן מיט זײַן נאָמען די פירמע.

אויף די עלטערע יאָרן האָט ער ליבערשט באַקומען די שטוב, די ווירטשאַפט. ער פלעגט אויפשטיין אַ גרויסן פאַרטאָג און ביז דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעשלאָפן פון שלאָף, איז בײַ אים געווען אַלץ אָפּגעטאָן־צוגעראַמט אין הויף, אָנגעהאָדעוועט די עופות,

אויסגעקערט פֿאַר דער שטוב עט־עט ביז אין דער מיט גאַס, אָנ־געהאַקט שפּענער און געשטעלט אַפילו דעם סאַמאָוואַר. ווען קרעמערס פֿלעגן מיט אַ גרילץ אויפֿהייבן די אײַזערנע ראָלן און צעפּראַלען די טירן פֿון זייערע קלייטן, פֿלעגט שוין דער טאַטע צוריק קומען פֿון דער שול, נאָכן דאַווענען שחרית, אָפּטרינקען אַ גלאָז טיי און גיין זיך אַ ביסל „צושפּאַרן".

מיט דער ערשטער הקפה, פֿלעגט די מאַמע אַ שמייכל טאָן.

מיר איז געפֿעלן געווען, וואָס מיט מײַן טאַטן קומט מען זיך האַלטן אַן עצה, מ׳קומט צו אים מיט אַן אויסגלײַכעניש און דער טאַטע פּסקנט אַזוי קלוג און מיט יושר, אַז ביידע צדדים גייען אַוועק צופֿרידן און גיבן זיך די הענט בײַם צעשיידן.

ווידער געדענק איך אַזאַ פֿאַל: בײַ אונדזערן אַ שכן, משה שמוקלער, איז געשטאָרבן די מוטער, אַן אַלטע ייִדענע שוין, חוה האָט זי געהייסן. די חברה־קדישא האָט זיך, ווײַזט אויס, פֿאַר־קאַטשעט צו באַקומען אַ גרויסע אפּותיקה און אָפּגעשטעלט דעם משהן אַזאַ טאַקסע, אַז ער האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ. ער איז געלאָפֿן צו זיי, זיך געדונגען, געבעטן, אַ נעבטיקער טאָג! דערווײַל ליגט די חוה אַ טאָג און צוויי און מ׳טוט איר נישט איר רעכט. אויפֿן דריטן טאָג קאַיאָר איז אַרײַנגעפֿאַלן צו אונדז דער משה שמוקלער מיט אַ געוויין — ר׳ הערש, העלפֿט מיר, איך קום אום. אַזאַ בושה, אַזאַ חרפּה! מײַן טאַטע האָט אָנגעהויבן סאָפּען דורך דער נאָז, גיך אַרויפֿגעצויגן אויף זיך דעם סערדעט און אַזוי אַוועק, אַז מ׳האָט נאָר געזען די פּאָלעס פֿליִען אין דער לופֿטן. אַרײַן אין דער „קהילה", האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש: גזלנים, רוצחים וואָס איר זענט! איר ווילט אומברענגען אַ גאַנצע משפּחה? גייט זעט ווי די קינדער דאָרט זענען איבער־געשראָקן אויף טויט. חלול המת? חלול השם? איך וועל אײַך ווײַזן! איך גיב אײַך אַ שעה צײַט, טאָמער פֿאַרגלײַכט איר זיך נישט און ברענגט נישט דאָס מת צו קבורה, ווייסט איר גוט, אַז איך בין נישט קיין הינקענדיקער שנײַדער און זיך מתעסק זײַן מיט אַ טויטן קען איך נישט ערגער פֿון אײַך. אין אַ האַלבער שעה

אַרום האָט מען שוין געהערט בערל שמש אויסשרײַען: גייט צו מת מצווה!

דאָס האָט געקענט מײַן טאַטע.

ער האָט זיך געהאַט זײַן „פילאָסאָפישן" קוק אויף דער וועלט, געהאַלטן אַז דער מענטש בײַט זיך נישט מיט די יאָרן, מיט די מעלות און חסרונות וואָס ער ווערט געבוירן, מיט די זעלבע ווערט ער פאַרלוירן, פאַרקערט, זיי פאַרשטאַרקן זיך נאָר מיט דער צײַט. למשל, פלעגט ער זאָגן, פון אַ קלוג קינד וואַקסט שטענדיק אויס אַ ייִד אַ חכם און אַ „פלאַטשיקער", נעבער, ווערט שוין אויף דער עלטער אַן אָפּגעריסענער נאַר. צי אַ שטייגער אַן „אויסגע־רעכנטער" כּלומרשט יונגערהייט, ווערט אומבאַדינגט דערנאָך קאַרג ווי אַ הונט, פּונקט ווי אַ „קליינער דימענט" ווערט, לא עלינו, ביטער ווי דער טויט.

אַ שם האָט מײַן טאַטע געהאַט מיט זײַן דאַווענען. נישט קיין חזן פון פאַך, האָט ער, אָבער, געהאַט אַ זעלטענע באַרכעטנע שטימע, געפילט אַ גרויסן טעם אין די תּפילות און אַלע יאָרן געדאַוונט בײַ זיך אין שול פאַרן עמוד. מבֿינים פלעגן טאַקע קומען צו „אונדז אין שול" אַרײַן הערן מײַן טאַטן דאַווענען, באַזונדערס אין די ימים־נוראָים. אַפילו נישט איבעריק גלויביקע יונגעלײַט פלעגן זיך שטופּן צו די אָפענע פענצטער כּדי צו הערן מײַן טאַטנס „כּל־נדרי". און דאָס אַלעס איז געווען אַן אַ גראָשן געצאָלטס. דאָס גאַנצע געלט פון דער „שיסל" איז שטענדיק געגאַנגען אויף די באַדערפענישן פון דער שול און אויף אָרעמעלײַט. ס'פלעגט געמאַכט ווערן פון פריער די רשימה: וועמען אַ פורל האָלץ אויף ווינטער, וועמען אַ זאַק קאַרטאָפליעס, אַ וואַרעם מלבוש און אָרעמעלײַט פלעגן אים ווינטשן דאָס אייביקע לעבן.

מײַן טאַטנס פּראַווען אַ סדר! אין ווײַסן קיטל מיט דער סאַמע־טענער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, פלעגט ער זיצן אָנגעשפּאַרט אויף דעם ווײַס־געשפּרייטן הסב־בעט ווי אַן אמתער מלך. די בני־בית אַרום טיש זענען געווען ווי אַ גוט אײַנגעלערנטע קאַפּעליע, וועגן וועלכער דעם טאַטנס קוק בלויז האָט באַדייט נישט ווייניקער ווי

דאָס שטעקעלע אין דער האַנט פון אַ דיריזשאָר. ווען מ׳האָט געדאַרפט, האָט מען געלאָזט דעם טאַטן אַליין „זאָגן״ און אין דער געהעריקער מינוט האָט מען אונטערגעכאַפּט און „געזאָגט״ באַגלייך מיט אים. מיר, די קלענערע, פלעגן זיך נישט קענען דער־וואַרטן מ׳זאָל שוין אַ מאָל ענדיקן לייענען די הגדה און אָפּט מאָל אַנטשלאָפן ווערן. דערפאַר, אָבער, איז מען ווידער לעבעדיק געוואָרן, נאָך דער מלכותדיקער סעודה, ביים זינגען די זמירות. אונדזערע זמירות! דער טאַטע פלעגט פרעגן מיט אַ ניגון וואָס קלינגט מיר נאָך היינט אין די אויערן: שלשה־עשר מי יודע? און דער עלטסטער ברודער האָט נישט געלאָזט ענדיקן די פראַגע און אַריין מיטן ענטפער, מיט דעם זעלבן ניגון — שלשה־עשר אני יודע און ס׳איז אַוועק אַ גאַלאָפּ, אָבער אַ גוט אויסמושטרירטער, אָן שום איבערהיפּערן. דער טאַטע האָט שוין נאָר נאָכגעפּאָלגט אין געדאַנק, נישט קענענדיק זיך פאַרמעסטן מיט די יונגע כוחות און געשעפּט, בשעת־מעשה, נחת פון די קינדער, וואָס פאַרשעמען נישט דעם שטאַם. נאָך „שני לוחות הברית״ פלעגט זיך די קאַפּעליע מיט אַ מאָל אָפּשטעלן און לאָזן דעם טאַטן אַליין פאַרענדיקן מיט אַ צוקלונג: אחד אלהינו שבשמים ובארץ.

און דאָס אַלץ איז אָפּגעווישט געוואָרן, פאַרשוווּנדן אין איין אויגנבליק. ס׳איז געקומען דאָס „היילקע״ 40־טע יאָר און די סאָוועטן האָבן איינס און צוויי געמאַכט אַן עק צו אַלעמען. אַ יאָר צייט האָט מיין טאַטע זיך געשפּילט מיטן מלאך־המות אין באַהעל־טעניש, גוט געוווּסט אַז דאָס מאָל איז די שפּיל אַ פאַרלוירענע — דאָס צווייטע מאָל וועט ער זיך שוין פון זייערע נעגל נישט אויס־דרייען, און אַזוי איז עס טאַקע געווען — צום יאָר האָט מען אונדז פאַרשיקט קיין סיביר.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען מיין טאַטן דעם 15־טן יוני 1941, אויפן צווייטן טאָג נאָכן אַרויסשיקן. אויף דער ערשטער סטאַנציע פון יענער זייט דניעסטער האָט מען אָפּגעטיילט די מענער פון זייערע משפחות און זיי אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער ריכטונג. די געוואַלדן און די געוויינען ביים צעשיידן זיך האָבן

געגרייכט עד לב השמים, נאָר ס׳איז געווען אין־קול ואין־עונה. מאָלט אײַך, אַז מיר, דעמאָלט אַ נײַנצן־יעריק מיידל, האָט זיך דווקא יאָ אײַנגעגעבן, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אויסוויינען און אויסבעטן מ׳זאָל דעם טאַטן פון אונדז ניט אָפּטיילן, מחמת ער איז שוין אַן עלטערער מענטש. מ׳האָט אים געלאָזט אין וואַגאָן און מיר האָבן פאַר פרייד געוויינט און געקושט זיך. די פרייד האָט, אָבער, געדויערט נישט לאַנג, ער האָט זיי דאָרט אַ פּנים אויסגע־פּעלט צום צעטל, איז מען ווידער אַרײַן און דאָס מאָל האָבן שוין קיין שום טרערן נישט געהאָלפן. מ׳האָט דעם טאַטן גיך אַרויסגע־פירט און פאַרהאַקט הינטער אים די אײַזערנע טיר. איך האָב קוים באַוויזן צונויפצולייגן אַביסל וועש און אַנדערע קלייניקייטן, דאָס אַלץ אין אײַלעניש צונויפגעבונדן אין שבתדיקן טישטעך, וואָס איז מיר גראָד געקומען צו די הענט, און דאָס בינטל אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער. אַ סאָלדאַט האָט עס אויפגעהויבן און איבערגע־געבן מײַן טאַטן. איך האָב זיך געדראַפּעט, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, געוואָלט זיך מיט אים געזעגענען כאָטש פון דער ווײַטנס, נאָר כ׳האָב שוין געזען בלויז פּלייצעס פון מענער, וואָס האָבן זיך דערווײַטערט פון אונדז, געטריבענע און אַרומגערינגלטע פון אַלע זײַטן מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. פּלוצעם האָב איך צווישן דעם ערב־רב פון אויסגעבויגענע רוקנס אָפּגעזוכט מײַן טאַטן און אים דערקענט לויטן בינטל אין זײַן האַנט, דעם בינטל פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעשטעקט און אַזוי נעבעכדיק זיך נאָכגעטעלעבענדעט די רויטע פּליושענע קוטאַסן פון אונדזער שבתדיק טישטעך.

✶

פירט אָבער דער רבונו־של־עולם אַזוי זײַן רימל, אַז אין יאָרן, אין צענדליקער יאָרן אַרום זאָל איך נאָך אָפּנעמען, דורך אַ ווילד־פרעמדן מענטשן, אַ גרוס פון מײַן טאַטן, פון זײַנע לעצטע טעג פאַר זײַן טויט.

דאַרף זיך אַזוי טרעפן, אַז אין איינעם אַ טאָג, שוין דאָ אין ישׂראל, האָבן מיר זיך באַגעגנט, בײַ אונדזערע באַקענטע, מיט אַ פּוילישן ייִדן. דערהערט מיר זענען בעסאַראַבער, האָט ער זיך

גאָר דערפרייט, מחמת, האָט ער אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, ער האַלט דווקא יאָ פון בעסאַראַבער. בעסאַראַבער יידן, האָט ער געזאָגט, זענען אַ באַזונדער פאָלק, טאַקע פשוטע מענטשן, נישט קיין איבערגעשפיצטע, אָבער זייער האַרציקע. גראָד מיט יידן פון אונדזערע קאַנטן איז אים אויסגעקומען דורכצוגיין צוזאַמען די שבעה מדורי גיהנום אין די לאַגערן בײַ די סאָוועטן, אין די ווייסטע פערציקער יאָרן. אַזעלכע זאַכן פאַרגעסן זיך נישט, מ׳טראָגט זיי אין האַרצן אַ גאַנץ לעבן. אַט וועט ער אונדז דערציילן, אויב מיר האָבן גאָרנישט קעגן, וועגן איינעם אַזאַ יידן און דערמיט אפשר אָפּצאָלן אַ נישט געדעקטן חוב זײַן ליכטיקן אָנדענק. שיקט זיך אַז ער וועט טאַקע קיין מאָל נישט אָנטרעפן אויף דעם אַלטנס אַ קרוב אָדער סתם אַ בן־עיר?

און דער פוילישער האָט אָנגעהויבן בזה הלשון: געשען איז דאָס אין האַרבסט 1942 אין לאַגער „איוודעל״, וואָס אויף אוראַל. מיט אונדז אין איין באַראַק האָט זיך געפונען אַ בעסאַראַבער ייִד. אויסגעזען האָט ער, מיט זײַן ווײַסער באָרד, ווי אַ זקן און אפשר האָבן מיר, די יונגע, אים אָפּגעשאַצט עלטער ווי ער איז אין אַן אמתן געווען. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר אַלע דאָרט האָבן אים גערופן דיעד, זיידע, ווער מיט אָפּשײַ פאַר זײַן עלטער און ווער מיט שפּאָט, מיט גיפטיקן חוזק הלמאי אַזאַ איינער, וואָס האָט שוין, אַזוי־צו־זאָגן, זײַנס אָפּגעלעבט, פלאָנטערט זיך נאָך זיי אונטער די פיס און קאָפּטשעט די לופט מיט זײַן אָטעם. אויף אַרבעט אויסער דער זאָנע האָט מען אים שוין נישט געטריבן, אים געלאָזט אין באַראַק אויפן פּאָסטן פון אַ שומר. וואָס אַזעלכעס ער האָט געדאַרפט דאָרט היטן האָט ער נישט געוווּסט, נאָר אַ שומר, זאָל זײַן אַ שומר, אַבי באַרעכטיקן דאָס טעגלעך שטיקל ברויט מיט דעם שיסעלע באַלאַנדע אין דער פרי און פאַרנאַכט. האָט ער, אָבער, נישט געקענט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און אַליין זיך געזוכט אַרבעט — געראַמט, געקערט און אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט. ס׳איז נאָך געווען אַ זאַך דערבײַ — בשעתן אויסקערן פלעגט ער צונויפנעמען איבערגעבליבענע צעטרעטענע שפּיצן פון די באַנקרוטקעס, זיי

אָפּטרעסען פון שטויב, צעוויקלען און זיך צונויפּשיטן אַ ביסל מאַכאָרקע צום רייכערן. יאָ, דאָס רייכערן איז בײַ אים געווען זײַן גרויסע לײַדנשאַפט, וויכטיקער ווי דאָס עסן. דעם הונגער האָט ער נאָך געקענט אָפּנאַרן מיט אַ צי טאַבעקע, נאָר אַז דאָס ביסל מאַכאָרקע האָט אים אויך געפעלט, איז ער געווען אַ פאַרלוירע־נער מענטש. איז וואָס האָט ער געקענט טאָן, אַז פאַרקויפן פון זיך האָט ער שוין נישט געהאַט וואָס? פלעגט ער אַוועקגעבן אָפּט מאָל זײַן ציטעריקע פּײַקע ברויט פאַר אַ ביסל מאַכאָרקע און אָפּשטופּן דעם טאָג נאָר מיט דער קאַלעמוטנער באַלאַנדע. קיין רחמנות האָט דאָרט נישט עקזיסטירט, מ׳האָט קוים רחמנות געהאַט אויף זיך אַליין. די שווערע אַרבעט, דאָס הונגערן און די שווידער־לעכע באַדינגונגען האָבן געמאַכט פון די מענטשן אויס־מענטשן. ווי די הינט האָט מען זיך געוואָרפן אויף יעדן דעראַבערטן ביין און נישט געוואָלט וויסן פון אַ צווייטן, וואָס קוקט אויף דיר מיט זשעדנע אויסגעהונגערטע אויגן. געווען אַזעלכע, באַזונדערס צווי־שן די פּוילישע, וואָס פלעגן פאָרט נאָך עפּעס קריגן צום קײַען, טאָקע בײַ די וועכטערס, מיט וועלכע מ׳האָט געשלאָגן בלאַט פאַר גאָלדשטיקלעך אָדער אַנדערע ווערטפולע חפצים, וואָס מ׳האָט אַרײַנגעשמוגלט אין לאַגער אײַנשטעלנדיק זיך דאָס לעבן. די מער־הייט, אָבער, זענען אַרומגעגאַנגען אויסגעדייוורטע ווי לעבעדיקע מתים.

דער ייִד האָט גוט פאַרשטאַנען די לאַגע און דעריבער געזוכט וואָס ווייניקער זיך וואַרפן אין די אויגן, זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און זיך צו קיינעם נים געמישט. האָט מען זיך געווענדט צו אים מיט אַ פראַגע, פלעגט ער אויפהייבן דעם קאָפּ, ענטפערן קורץ צו דער זאַך און ווידער אים אַראָפּלאָזנדיק, בלײַבן ווי פאַרשטאַרצט, פאַרטיפט אין זײַנע מחשבות. אַזוי פלעגט ער אָפּזיצן די אויפדער־נעכט און קוים זיך דערוואַרטן דעם קלונג, מיט וועלכן מ׳איז מודיע געווען אַז ס׳איז צײַט גיין שלאָפן. מיט אַ קרעכץ און מיט אַ זיפץ פלעגט ער אַרויפקריכן אויף דער נאַרע, זיך איבערדעקן און באַלד אַנטשלאָפן ווערן כּדי אין אַ פּאָר שעה אַרום זיך אויפ־

כאַפּן פון קעלט, פון די שווערע ריחות, פון די האַרטע ברעטער, וואָס האָבן געקוועטשט די אַלטעביינער זײַנע. ווײסנדיק אַז בײטאָג איז שטרענג פאַרבאָטן זיך צולייגן, פלעגט ער מיט שרעק אַריבער־ציען דעם בושלאַט איבערן קאָפּ, אַרויפלייגן פון אויבן דאָס טישטעך מיט די קוטאַסן און פּרוּוון ווידער אײַנשלאָפן, נאָר לויט זײַן הוסטן און קרעכצן האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז ס'האָט זיך אים נישט אײַנגעגעבן. דער הוסט, דאָס איז בײַ אים געווען ווי אַ קללה פון גאָט, אַ מין יאַדעשליוועך הוסט, וואָס פלעגט אויפוועקן אַלע פון שלאָף און אָנצינדן אין זיי אַ רוצחישן ווילן אויפשטיין און דערשטיקן דעם אַלטן, וואָס לאָזט זיי נישט רוען דורך די נעכט. פלעגט ער זיך אײַנקאָרטשען אין צווייען, פאַרקוועטשן מיט דער האַנט דאָס מויל כּדי אײַנצושטילן דעם הוסט און בעטן דערבײַ גאָט ער זאָל זיך אויף אים מרחם זײַן און מאַכן אַן עק שוין צו זײַן נישטיק לעבן. אַזוי בײַנאַכט. אין דער פרי, אָבער, ווען אַלע פלעגן פאַרלאָזן דעם באַראַק און ער פלעגט בלײַבן איינער אַליין, האָט אַ מין חרטה־געפיל אָנגעפילט זײַן האַרץ און בײַם דאַווענען שחרית האָט ער געבעטן מחילה בײַם רבונו־של־עולם פאַר זײַנע בײַנאַכטיקע זינדיקע געדאַנקען. געבעטן און געוויינט.

זײַן כּוס פון יסורים איז, אָבער, ווי־זט אויס, געווען נאָך נישט פול מיט אַן אויג. אין איינעם אַ פרימאָרגן, בשעת ער איז געשטאַנען אַזוי אײַנגעוויקלט אין טלית און זיך באַגאַסן מיט טרערן, האָט פּלוצעם אַ סקריפּע געטאָן די טיר און ס'האָט זיך באַוויזן אַן אורקע, פון די אורקעס, וואָס מיר אַלע האָבן געציטערט פאַר זיי און געזוכט וואָס ווייניקער מיט זיי זיך באַגעגענען, פון די אורקעס מיט די פינקעס, וואָס שטעכן אַ מענטשן האָט בײַ זיי אויסגעמאַכט עלעהיי הרגענען אַ פליג. ס'קען זיך מאַכן אַז ער האָט צופעליק אַהער פאַרבלאָנדזשעט, נאָר דערזען דעם אַלטן אין זײַן ווײַסן „באַלאַכאָן", איז אויף אים מיט אַ מאָל אָנגעפאַלן אַ גרויסע פרייד, אַ משוגענע תאווה צו פאַרווײַלן זיך, טרײַבן לצנות איבער דעם „זשידאָווסקי פּאָפּ" אין סאַמע מיט פון זײַן עבודת־קודש. האָט ער אַזש אַ הירזשע געטאָן פון גרויס התלהבות, מיט איין

שפּרונג אים אַרונטער אונטערן טלית, קאָמיש אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון צווישן דעם אַלטנס פּיס און געגומען קאַרטשען העוויות, ברעכן פּיסקעס און באַמבלען מיט דער צונג, ווי איינער רעדט, ער בעט אויך צו גאָט און וויינט פאַר אים. דאָ האָט ער מיט אַ מאָל אײַנגעגראָבן די נאָז אין טלית און זיך אויף אַ קול אויסגעסמאַרקעט. דער ייִד האָט אַ פאַרגליווערטער זיך אַראָפּ־געלאָזט אים אויף די פּלייצעס.

— נו ניעט!... דאָס טויג נישט, און ער האָט אים אַ שלײַדער געטאָן פון זיך. דער ייִד איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער אויפן דיל. דער אורקע האָט אויסגעשפּיגן צווישן די ציין — ניע וואַליאַי דוראַקאַ, סטאַרעי כרען,* איך האָב נאָר געוואָלט זיך אַ שפּיל טאָן מיט דיר און דו... נו, כוואַטיט, גענוג הייסט עס. דערזען, אָבער, אַז דער אַלטער רירט זיך נישט און ווײַזט נישט קיין סימנים פון לעבן, האָט ער אים אויפגעהויבן, ווי מ׳הייבט אויף אַ קינד, און אים אַרויפגעלייגט אויפן געלעגער. — נו פּראָשטשאַי דיעד, האָט ער זיך פאַר אים פאַרנייגט, ניע פּאָמינאַי ליכאָם!** דעם באַלאַכאָן וועל איך פון דעסטוועגן יאָ נעמען, דו וועסט אים במילא שוין לאַנג נישט דאַרפן און איך וועל זיך מאַכן פון אים פּערוואָקלאַסני אַניטשעס. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם טלית און איז אַוועק.

דאָס אַלץ האָט אונדז דער באַנדיט אַליין פאַרנאַכט דערציילט און זיך געלייגט מיטן האַרץ צו דר׳ערד, ער האָט געוואָלט מ׳זאָל אים גלייבן, אַז ער האָט אַפילו בדעה נישט געהאַט דעם אַלטן שלעכטס צו טאָן, גלאַט געוואָלט זיך אַ ביסל פּאַטיעשען. ער האָט זיך געדרייט, געמאַרדעוועט און לסוף אַפילו אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שטיק ברויט און אויסגעשטרעקט דעם אַלטן. דער ייִד האָט געשוויגן גלײַך ווי נישט אים מיינט מען.

פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן צאַנקען ממש ווי אַ ליכט. ער איז געוואָרן שוואַכער פון טאָג צו טאָג, געציטערט פון קעלט,

---

* מאַך זיך נישט משוגע, אַלטער תרח.

** זײַ געזונט, זיידע... דערמאָן מיך נישט צום שלעכטן.

אַפּילו אין די וואַרעמע זומער־טעג און כּסדר זיך אײַנגעהילט אין דעם טישטעך, דאָס אײינציקע וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט. אין זײַן אומבאַהאָלפנקייט פלעגט ער אַזוי אַרויפשלעפּן אויף זיך דאָס טישטעך, אַז אײביק איז אים אויסגעקומען אַ רויטער קוטאַס פּונקט אויפן שטערן, ווי אַ של־ראש, און דערמיט אַרויסגערופן געלעכ־טער און שפּאָט בײַ די אַרומיקע. די גויים האָבן אים אַ נאָמען געגעבן — דער „יאָלד מיטן טראָלד". אויף רוסיש האָט עס געקלונגען עקלדיק, נאָר דער אַלטער האָט נישט רעאַגירט אויף די געלעכטערן. צי ער האָט נישט געהערט, צי ער האָט נישט פאַר־שטאַנען זייער נבול־פּה און אפשר האָט ער יאָ געהערט און יאָ פאַרשטאַנען, נאָר געווען אויף אַזוי פיל קלוג און נישט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן צו זייער מדרגה און זיך מיט זיי אויסטענהען.

און דאָ האָט מיט אַ מאָל אַ שײַן געטאָן די זון פאַר אים. אין אײנעם אַ טאָג האָט ער באַקומען אַ בריוו פון זײַנער אַ טאָכטער. אַ בריוו גאָר פון אוזבעקיסטאַן. אַ פּנים די טאָכטער איז געווען אַהין עוואַקואירט. ס'איז געוואָרן אַ גערודער צווישן די לאַגער־ניקעס — איין קלייניקייט, אַ בריוו פון דער פרײַהייט! מ'דאַרף וויסן, אַז קיינער אין לאַגער האָט נאָך דעמאָלט קיין ידיעות פון זײַנע אייגענע נישט געהאַט, האָט מען דעם בריוו אויפגענומען ווי אַ בריוו צו זיי אַלע און אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, אַרומ־געריגנלט דעם אַלטן און צום הונדערטסטן מאָל געלייענט דעם בריוו אויף אַ קול. דער ייִד האָט מורא געהאַט אַפילו צו גלייבן אין זײַן גליק. ער האָט זיך געפילט עפּעס ווי שולדיק פאַר די אַרו־מיקע. מיט גאָרנישט האָט ער נישט אַרויסגעוויזן זײַנע האָפענונגס־איבערלעבענישן, סײַדן בײַם דאַווענען זיך מערער געשאָקלט אין דער פרי און פאַרנאַכט. פון צײַט צו צײַט פלעגט זיך יאָ באַווײַזן אויף זײַן פּנים אַ סימן פון אַ שמייכל, וואָס האָט געקלעקט בלויז אויף עטוואָס אויסצוגלײַכן די ענג פאַרצויגענע ליפּן זײַנע, אָבער נישט מער. און דאָך... און דאָך האָט ער איין מאָל נישט אויסגע־האַלטן. דאָס איז געווען ווען ער איז געבליבן פּנים־אל־פּנים מיטן ייִדישן דאָקטער אונדזערן.

— העלפֿט מיר, דאָקטער, זיך צוריקשטעלן אויף מײַנע פֿיס, האָט ער זיך צו אים געווענדט. איך האָב באַקומען אַ בריוו פֿון מײַנער אַ טאָכטער. איר ווייסט נישט, דאָקטער, וואָס פֿאַר אַ טאָכטער דאָס איז. אַז זי האָט געקענט אין דעם תּהו־ובֿהו מיך אָפּזוכן, וועט זי בײַגן דעם הימל צו דר׳ערד און מיך פֿון דאַנעט אַרויסנעמען. העלפֿט מיר, דאָקטער, איך זאָל נאָך דערלעבן כאָטש איין קינד זען פֿאַר מײַן טויט. מיט וואָס האָט דער דאָקטער, מ׳שטיינס געזאָגט, געקענט אים העלפֿן? סײַדן מיט דעם, וואָס ער האָט אים אויסגעהערט ביזן סוף.

דערווײַל האָבן זיך דערנענטערט די ימים־נוראָים. אַזוי ווי ס׳האָט זיך צונויפֿגענומען אין אונדזער און אין שכנותדיקן באַראַק אַ צוויי מנינים ייִדן, האָבן מיר אונטערגעשמירט ווען מ׳האָט באַדאַרפֿט, אָפּגעדונגען אַ ווינקל אין דער סטאָליאַרקע און זיך געשטעלט דאַווענען.

— דערפֿאַר זענט איר אַזאַ שוואַך פֿאָלק, ווײַל איר פֿאַרלאָזט זיך צו פֿיל אויף אײַער שטאַרקן גאָט, האָבן געפּרוווט ברומקען אייניקע פֿון די קריסטן.

אָן דעם מיר זאָלן געווען זיך אַפֿילו צונויפֿרעדן, האָט דער ייִד, ווי אַ זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכע זאַך, זיך געשטעלט צום עמוד.

איך האָב שוין געהערט אין מײַן לעבן שיין דאַווענען, האָט פֿאַרגעזעצט דער פּוילישער ייִד, נאָר דאָס דאַווענען פֿון דעם ייִדן וועל איך נישט פֿאַרגעסן וויפֿל איך וועל לעבן. פֿון וואַנעט ער האָט גענומען כּוח אַזוי צו דאַווענען איז פֿאַר מיר פֿאַרבליבן אַ רעטעניש ביז הײַנט צו טאָג. דאָס גאַנצע האַרץ זײַנס, דאָס צעבראָ־כענע, האָט ער אַרײַנגעלייגט אין דער תּפֿילה. זײַן שטימע האָט זיך געראַנגלט — אָט איז זי געווען שטיל, געלאַסן און געבעטן רחמים בײַם רבונו־של־עולם און אָט איז זי זיך פֿאַרגאַנגען אין הויכע טענער, מיט וועלכע ער האָט ווי געוואָלט שפּאַלטן די הימלען און שרײַען און פֿאָדערן זיי זאָלן זיך ענדלעך אומקוקן אויף דעם פֿאָלק, וואָס מאַטערט זיך שוין טויזנטער יאָרן. יאָ, דאָס איז געווען נישט קײַן געוויינטלעכער דאַווענען. אַ בלאַסער, אַן אויסגעמאַטערטער האָט

ער זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קעסטל, נישט האָבנדיק קיין כּוח אַפילו צו גיין אויפּפּאַסטן. דעם אַנדערן טאָג בין איך צו אים צוגעגאַנגען זען וואָס ער טוט, ווי ער פילט זיך. ער איז געזעסן ווי געוויינטלעך און זיך געשאָקלט אין טאַקט צו זײַנע מחשבות.

— ר׳ הערש, האָב איך זיך צו אים געווענדט, איר האָט אונדז פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן מיט אײַער דאַווענען, זאָל אײַך גאָט העלפן ווי איר ווילט אַליין. קיין געלט האָבן מיר נישט, איז נעמט צו אָט דאָס גאָלדענע פינגערל, איך וועט עס פאַרקויפן און זיך אונטערהאַלטן אַ ביסל דאָס חיות און איך האָב אים אַרײַנגעלייגט דאָס פינגערל אין זײַן האַנט. דער ייִד האָט אַ פּנים צו ערשט נישט פאַרשטאַנען וואָס איך וויל פון אים. ער איז געזעסן מיט דער אָפּגענער האַנט און איבערגעפירט זײַן בליק פון מיר אויף דעם חפץ. ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען ס׳איז צו אים דערגאַנגען, האָבן צוויי גרויסע טרערן זיך באַוויזן אין זײַנע אויגן און זיך אַראָפּגעקײַקלט אין זײַן ווײַסער באָרד אַרײַן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אויף וועלכער ס׳האָט געבלישטעט דאָס פינגערל און, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, זיך אָנגערופן: איך קען דאָס בײַ אײַך נישט נעמען, ליבער פריינד.

— ס׳טייטש, ר׳ הערש?

— ס׳איז אַ פּשוטע זאַך דערבײַ, האָט ער געענטפערט. אַ גאַנץ לעבן האָב איך געדאַוונט בײַ אונדז אין קלויז פאַרן עמוד. דאָס פאַרגעניגן האָט קיינער קיין מאָל בײַ מיר נישט געקענט צונעמען, נאָר גאָט איז מיר אַן עדות, אַז קיין מאָל האָב איך דעם שׂכר־דאַווענען נישט גענומען פאַר זיך. אַזוי האָב איך זיך געפירט אַלע מײַנע יאָרן, איז לאָזט מיך שוין אַזוי אויך ענדיקן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז דער ייִד געשטאָרבן.

✶

אַלע אַרום זענען געזעסן ווי פאַרגליווערטע. איך האָב געשלונגען לופט כּדי גובר זײַן דעם קניפּ אין מײַן האַלדז. קיין ספק איז מער נישט געווען — דאָס איז געווען מײַן טאַטע, זכרונו לברכה, הערש רויטמאַן פון זגוריצע, וואָס אויף בעסאַראַבער ערד.

# ברויט

ווי נאָר ס׳הייבט אָן שאַריען אויף טאָג, קומען זיי גלייך אָן. זיי — דאָס מיין איך דעם ייִדן מיט זײַן פערד, אָדער, בעסער געזאָגט, דאָס פערד מיטן ייִדן, מחמת מיט זײַן גרייס און מיט זײַנע געזונטע היפּטן, וואָס שפּילן ממש אונטער דער געלער גלאַנצנ־דיקער פעל, פאַרשטעלט דאָס פערד שוין אין גאַנצן זײַן בעל־הבית, דעם קליינוווקסיקן תימנער ייִדן, מיטן ציגענעם בערדל און מיט די לאַנגע געקרײַזלטע פּאות.

דאָס פערד נייטיקט זיך שוין נישט, אַ פּנים, אין קיין בײַטש, עס פאַרקערעוועט אַליין צום קאַסטן און שטעלט זיך אָפּ, ווי איינער רעדט: קריך אַראָפּ, מיר זענען אָנגעקומען. דער ייִד לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן, שפּרינגט גיך און געשווינד אַראָפּ פון זײַן וועגעלע און נעמט זיך צו דער עבודה. קודם־כּל קלײַבט ער אויס אַ היפּשע בולקע און איז מכבד מיט איר זײַן פּרנסה־געבער. דאָס פערד נעמט אויף דאָס ברויט מיט יִראת־הכּבוד, באַשמעקט עס פון אַלע זײַטן, זאָגט אָפּ בשעת־מעשׂה אויף זײַן פערדיש לשון דעם המוציא לחם מן הארץ און שטעלט זיך קײַען אויף אַלע ציינער. דער ייִד איז אָבער אויך נישט צוויי פאַר אַ גראָשן, ער קען די מלאכה, קלײַבט ער צונויף און סאָרטירט אויס אין די קאַרטאָנען, וואָס שטייען אָנ־געגרייט אין וועגעלע, באַזונדער ברויט, באַזונדער חלה, בולקעס, זעמעלעך, פּיתות און צו מאָל אַפילו אויך היימיש געבעקס, וואָס שמעקט שוין נישט אויפן אַנדערן טאָג אונדזערע צעבאַלעוועטע, לײַכטזיניקע אחינו בני־ישראל.

וואָס ער טוט מיט דעם ברויט? וואָס איז שוין די נפקא־מינה?! אַבי ער נעמט עס אַוועק פון דעם שמוץ, פון די אומריינע קעץ, וואָס נישטערן אין די מיסטקאַסטנס, און דער עיקר פון די מענטש־לעכע אויגן, וואָס קוקן מיט צער און מיט ווייטיק אויף דער ברויט־

טראַגעדיע, וואָס שפּילט זיך אָפּ טאָג־טעגלעך דאָ ביַי אונדז אין לאַנד.

אין צווישן האָט דער ייִד זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט, וואַרט ער אויס אַ וויַילע ביז דאָס פערד טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ — אַ סימן אַז ס'האָט געענדיקט בענטשן און דעמאָלט פאָרן זיי אַוועק און פאַרקערעווען געוויס צו אַ צווייטן קאַסטן.

איך קוק זיי נאָך און ס'שווימען אויף פאַר מיַינע אויגן בילדער, וואָס זענען טיף איַינגעקריצט אין מיַין זכּרון און וועלן שוין אַזוי באַגלייטן מיך ביזן סוף פון מיַין לעבן.

✶

דאָס יאָר 1943. אין סאַמע ברען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. איין גרויסער ווייגעשריי שטייט איבערן גאַנצן לאַנד, פון איין עק רוסלאַנד ביזן צווייטן. דער טויט קלאַפּט כּסדר אין די טירן און ברענגט אַלע מאָל אין אַן אַנדער שטוב דעם ברוינעם קאָנווערט מיטן מלוכה־שטעמפּל — די ידיעה אַז אַ פאָטער אָדער אַ זון איז „העלדיש געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד ביַים אויספילן זיַין חוב צום פאָטערלאַנד". וויעט מען עד לבֿ השמים, שפּאַלט מען די הימלען מיט די קולות און געוויינען, קאָרטשעט מען זיך פון ווייטיק און... אויף מאָרגן פאַר טאָג לויפט מען פאַרנעמען אַן „אָטשערעד" נאָך ברויט.

ברויט!!! ברויט איז הייליק! ברויט טאָר מען נישט פאַרשפּעטיקן. ברויט איז דער ווידערקול פון טויט. נישט איינער האָט אין יענע יאָרן אויסגעהויכט די נשמה און געזען אַוודאי אין זיַין גסיסה־חלום אַ שטיקל ברויט.

דער מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין גאָלע אויגן, ווען ס'קומט צו זיַין ריי. קיין כּוח אין דער וועלט איז נישט אין שטאַנד אָפּצורײַסן די אויגן פון דער פאַרקויפערינס הענט, בשעת זי וועגט אים אָפּ, לויט זיַינע קאָרטן, דעם חלק ברויט פאַר זיַין משפּחה אויף אַ גאַנצן מעת־לעת — צו 500 גראַם פאַר די וואָס אַרבעטן און 200 גראַם פאַר די נישט־אַרבעטנדיקע. דאָס ברויט איז פאַרמישט אויף קליַיען און קאַרטאָפל, איז עס קלעפּיק און ס'גייט שווער

אויף דער וואָג, אָבער צו דעם האָט מען זיך שוין פון לאַנג צוגע־וווינט, גלײַך ווי מ׳האָט אין לעבן קיין אַנדער ברויט נישט געגעסן. דער עיקר איז, מ׳זאָל געבן דאָס ברויט, און יעדעס שטיקעלע וואָס מ׳לייגט צו צום לאַבן, צינדט אָן אין האַרצן אַ פונק האָפענונג: אפשר פאַרט!

אין דער היים זיצט דערווײַל דאָס הויזגעזינד אַרום טיש און וואַרט. ווען די מאַמע באַווײַזט זיך סוף־כּל־סוף אויף דער שוועל, חזרט זיך איבער די געשיכטע: אַלע אויגן און אייגעלער זענען צוגעקאָוועט צו דער מאַמעס הענט, ווען זי טיילט אײַן פון דעם לאַבן יעדן זײַן חלק אויפן טאָג. צום חלק ברויט געהערן אויך די ברעקלעך וואָס קרישען זיך אָפּ בײַם אָפּשנײַדן דאָס רעפטל, שעמט מען זיך נישט און מ׳שאַרט זיי צונויף און גלײַך אין מויל אַרײַן. אַזוי איז מען זיכער אַז זיי וועלן נישט פאַרלוירן גיין און מ׳האָט דערבײַ נישט מורא אַז עמעצער וועט לאַכן פון דיר, אָדער זאָגן אַז דו ביסט אַ זולל־וסובאניק... אַלע טוען דאָס זעלבע. די ברעקלעך האַלט מען אין מויל לאַנג, לאַנג, מ׳קייעט זיי און מ׳זויגט זיי און מ׳נעמט דערווײַל נישט צו די אויגן פון דער מאַמעס הענט, וואָס שנײַדן נאָך און טיילן. קיינער רירט זיך נישט פון אָרט ביז מ׳ענדיקט נישט אײַנטיילן דאָס ברויט. דעמאָלט שלינגט מען אַראָפּ און מ׳באַמערקט נישט דערבײַ, אָדער מ׳מאַכט זיך נישט־זעענדיק, אַז גראָד דאָס לעצטע רעפטל, דער חלק וואָס די מאַמע לאָזט פאַר זיך, איז אַ סך קלענער פון זייערן. נאָר אויף קלענער מאַכט מען קיין פּירוש נישט, און חוץ דעם — דערויף איז זי דאָך אַ מאַמע! די גרויסע אײַלן זיך צו דער אַרבעט, דערלאַנגט מען גלײַך צום טיש די זופּ און ס׳ווערט פרייליך אויפן האַרצן, ווער שמועסט ווען צווישן די הירזשענע גרויפּן באַווײַזט זיך אויך אַ שטיקל קאַרטאָפל אָדער בוראַק. פון די ערדענע שיסעלער זעצט אַ מחיהדיקע פּאַרע, די הילצערנע לעפל פינקלען פאַר די אויגן, מ׳שעפּט דאָס זופּעכץ, מ׳בריט זיך און מ׳קוויקט זיך און מ׳סאָפּעט פון פאַרגעניגן — וואָס הייסער די זופּ, אַלץ זעטיקער איז זי.

פון צובײַסן ברויט צו דער זופּ קומט אַפילו קיין רייד נישט.

די זופּ עסט מען באַזונדער און דאָס ברויט... דאָס ברויט פּראַזשעט זיך צו דערוויל אויף דער פּליטע און, האָט קיין יסורים נישט, יעדעס שטיקל ברויט ליגט זיך מיט זײַן סימן. דאָס צוגעזשאַרעטע שטיקל ברויט גייט דערנאָך פֿאַר אַ געבראָטנס, פֿאַר געבעקס, אָדער וואָס איר פֿאַרלאַנגט, מ׳דאַרף נאָר דערבײַ צומאַכן די אויגן און זיך דערמאָנען אין דער היים.

על־פּי יושר, דאַרף מען דעם חלק ברויט טיילן אויף צווייען און לאָזן זיך אַ שטיקל אויף פֿאַר נאַכט, נאָר גיי זיי אַ גיבור און באַרע איבער דעם יצר־הרע, אַז עס נאָגט כּסדר בײַם האַרצן. האַלט מען נישט אויס דעם נסיון און מ׳ציט אַזוי לאַנג פֿון דער פּײַקע ביז מ׳כאַפּט זיך אַז דאָס גאַנצע שטיקל ברויט איז נעלם געוואָרן און לאָזן אויף אַ צווייט מאָל איז שוין נישטאָ וואָס. טוט מען אַ זיפֿץ, נאָר איינציײַטיק טוט מען זיך אַ גלעט בײַם בײַכל, ווי איינער רעדט: דערווײַל בין איך זאַט און אויף מאָרגן זאָל זיך גאָט זאָרגן. נאָר... ס׳גייט אַריבער אַ שעה, צוויי און דאָס מאָגערע עסן וועפּט זיך אויס ווי נישט געווען און מ׳איז שוין ווידער אַ מאָל הונגעריק. פּרוּווט מען גובר זײַן דעם הונגער, ווער מיט אַרבעט, ווער מיט שפּילן, נאָר גראָד דאָס שטיקל ברויט, וואָס מ׳האָט געקענט אָדער געדאַרפֿט אָפּשפּאָרן, עקבערט אין מוח: אײַ, ווען איך האָב איצט כאָטש אַ שטיקעלע, כאָטש אַ פּיצעלע פֿון דעם ברויט! זידלט מען זיך אַליין מיט די ערגסטע ווערטער און מ׳שווערט זיך און מ׳גיט זיך דאָס וואָרט, אַז מאָרגן... נאָר דער מאָרגן קומט און, אויסגעהונגערטע פֿון די נעכטנס, האַלט מען ווידער נישט אויס און מ׳מאַכט שלום מיטן גורל און מיט דעם „שוואַכן כאַראַקטער". אַפֿילו אַ קינד ווייסט, אַז עס האָט באַקומען ברויט וויפֿל ס׳איז אים „פּאַלאַזשענאָ" און דאָס קלינגט ווי „אָנגע־צייכנט מן השמים", נעמט עס אָן דעם גזר־דין מיט פֿאַרשטאַנד און קלאָגט זיך נישט, וויינט נישט און מאָנט נישט נאָך.

✶

צעזייטע און צעשפּרייטע איבער די הרי־חושך האָט אין אָט דער ביטערער צײַט אָפּגעריכט גלות־סיביר, פֿאַר אייגענע אָדער

פֿאַר טאַטע־מאַמעס נישט געשטויגענע און נישט געפֿלויגענע זינד, דער פֿאַרלוירענער שבט — די „אַרויסגעשיקטע". ס'איז שוין שווער געווען, נאָך צוויי יאָר עבֿודת־פּרך, צו דערקענען אין די יצורים, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין וואַלד, אָנגעטאָן קרוע־בלוע, אַרומגעבונדענע מיט שטריק די בגדי־מלכות זאָלן זיך נישט צעפֿאַלן, מיט מאַסקעס קעגן די קאָמאַרן אויף די פּנימער און מיט עמערס און לאָפּעטקעלעך אין די הענט, די אַמאָליקע שיינע יונגע ווײַבלעך אָדער מיידלעך־גימנאַזיסטקעס, וואָס מ'האָט אין דער היים קיין ווינט נישט געלאָזט אויף זיי בלאָזן. אויסגעהונגערטע, אויס־געדײַוועוועטע, ווײַט פֿון אַ וועלכן ס'איז מענטשלעכן יישובֿ, אָפּגעזונדערטע פֿון מענטשן, האָבן מיר געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אויך דער רבונו־של־עולם האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט ערגעץ אין די הויכע, געדיכטע קרוינען פֿון די סאָסנעבײמער און אין גאַנצן מוותר געווען אויף אונדז. דערפֿאַר טאַקע האָט זײַן פֿאַרטרעטער, אונדזער נאַטשאַלניק, געוועלטיקט איבער אונדז לויט דעם געזעץ פֿון דער טײַגע, ביד־חזקה, פֿאַר דער מינדסטער עבֿירה אונדז פּשוט אַרויס־גענומען די נשמה. ס'רעדט זיך אַזוי, די נשמה! וואָס האָט ער שוין, מ'שטיינס געזאָגט, געקענט אויפֿטאָן מיט דער נשמה? אָבער אַז ער פֿלעגט בײַ אונדז צונעמען דאָס שטיקל ברויט... אָ, דעמאָלט האָט ער אונדז באמת אומגליקלעך געמאַכט און ער האָט געהאַט וואָס צו פֿרעסן. האָט מען געמוזט צוּוואַרפֿן דעם הונט אַ ביין און אים געחנפֿעט, געווענדט זיך צו אים שטענדיק מיטן גאַנצן מורה־מורינו־טיטול, און דער עיקר פֿאַרלאָפֿן אים די וועגן, ווען נאָר ער האָט באַוויליקט אַ רוף צו טאָן: אָנגעהאַקט און אַרײַנגעטראָגן אים האָלץ, געהייצט אים די פּליטע, געוואַשן זײַן וועש, גערױמט אים דאָס צימער און געשײַערט דעם דיל מיט זאַמד, ביז ער פֿלעגט פּערלען פֿון גלעקייט. אַלץ האָבן מיר געטאָן כּדי צו ברעכן זײַן האַרץ, ער זאָל אַזוי נישט מקפּיד זײַן בײַם אָפּוועגן די עמערס זשיווויצע, וואָס פֿלעגן אונדז אָפּרײַסן די כּוחות בײַם צונויפֿנעמען און אַהיים טראָגן, אָדער קוקן צווישן די פֿינגער בײַם איבערמעסטן דעם קובאָמעטער האָלץ, וואָס מיר פֿלעגן אָנזעגן און אָנהאַקן, און

נישט אַנוויַזן טאָמער האָבן מיר אַ מאָל דערשטוקעוועט מיט אַ שטיקל קאָרע.

אַחוץ דעם ברויט פלעגן מיר באַקומען פון „קיך" צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פרי און פאַר נאַכט, צו שיסעלער זופּעכץ, געקאָכט פון דעם געדעכטעניש וואָס פלעגט זיך אָפּזעצן פון איַנ־געוויקטער גערשטן־סיטשקע. דאָס געקעכטס איז געווען הייס און ס'פלעגט פאַרקלעפּן אונדזערע אַזוי אויך נישט געלעכערטע קיש־קעס, בכל־אופן האָט עס אָפּגענאַרט דעם הונגער אויף אַ קורצער ציַיט. דאָס איבעריקע איז געווען מן ההפקר. מיר פלעגן צונויפ־נעמען, גייענדיק אין וואַלד, אין די טאָרבעס, וואָס האָבן שטענדיק געהאָנגען אויף אונדז פון ביידע זיַיטן: שוואָמען, קאָלבאַ — אַ מין ווילדער קנאָבל וואָס מבינים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אויסגעפּרוּווט מיטל קעגן צינגאַ און דער עיקר... דער עיקר זענען געווען די יאַגעדעס, אַזעלכע וויַמפּערלעך פון פאַרשיידענע מינים: טשערניקאַ, ברוסניקאַ, קיסליצע און — דאַנקען השם־יתברך, וואָס כ'האָב שוין פאַרגעסן ווי אַזוי זיי האָבן דאָרטן נאָך געהייסן. די יאַגעדעס — דאָס איז געווען אונדזער מן, נאָר מיט איין אונטער־שייד: אונדזער מן איז נישט געפאַלן מן־השמים, אונדזער מן האָט מען געדאַרפט קלייבן און כּדי אים צו קלייבן האָט מען געדאַרפט וויסן וווּ ער וואַקסט און געוואַקסן איז ער דווקא אויף די זומפּן, און אַזוי ווי מ'פלעגט גיין מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, פלעגט ער פאַרפירן טיף אין וואַלד און אַך און וויי איז געווען צו דעם, וואָס האָט זיך געלאָזט אַליין אין וואַלד אַריַין, אָפּט מאָל האָט געטראָפן אַז ער איז שוין צוריק נישט געקומען. אַזוי איז געשען מיט מיַין מאַמען זכרונה לברכה. זי איז אַוועקגעגאַנגען דעם 20־טן אויגוסט 1943 צונויפקליַיבן אַ ביסל יאַגעדעס און פאַרבליבן אין דער טיַיגע אויף אַלע אייביקייטן. ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט און באַנומען מיַין אומגליק האָב איך אויפגעהויבן אַ גרויס געוואַלד און אַלע מענטשן פון אונדזער אוטשאַסטאָק, אין שפּיץ מיטן מיַיסטער, האָבן זיך געלאָזט אין וואַלד אַריַין מיט לאַמטערנס, שטעקענעס און מיט אַ ביקס, זוכן

מײַן מאַמען. מ׳האָט געשריגן, געקלאַפּט, געפּײַפּט, געשאָסן אין דער לופט זי זאָל זיך פון ערגעץ אָפּרופן, אָבער אומזיסט. שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט. אַן אויסגעמאַטערטע, אַן אויסגעשעפּטע פון וויינען און שרייען, בין איך אַרײַן אין אונדזער קליין צימערל און זיך אַנידערגעלייגט אויף אונדזער איינציק בשותּפותדיק געלעגער. פּלוצעם האָב איך דערפילט עפּעס אונטערן קישן. איך הייב אויף דאָס קישן און דאָ... בין איך זיך פאַרגאַנגען אין אַ שרעקלעכן יאָמער: דאָרטן איז געלעגן, אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַס טיכעלע, מײַן מאַמעס אָפּגעשפּאָרט שטיקעלע ברויט.

ס׳זענען פון דעמאָלט אַריבער שוין 43 יאָר און איך בין זיך איצט מתוודה צום ערשטן מאָל, אַז כ׳האָב נאָך אין יענער נאַכט אויפגעגעסן מײַן מאַמעס שטיקל ברויט. באַגאָסן דאָס ברויט מיט ביטערע טרערן און אויפגעגעסן.

✶

קוק איך אין די פאַרטאָגן און טראַכט: גאָט, מײַן גאָט, וויפל מענטשלעכע לעבנס האָט מען געקענט ראַטעווען מיט דעם ברויט וואָס מ׳וואַרפט דאָ בײַ אונדז אַרויס טאָג־איין־טאָג־אויס? און נאָך ערגער טראַכט איך: ייִדן קלײַבן אויס אויף שבת ווײַסע, פּעבקע געפלאָכטענע חלות, מ׳לייגט זיי אַוועק אויבנאָן אויפן געגרייטן טיש, מ׳דעקט זיי צו מיט אַ ווײַס אויסגענייט טישטעכל, דערנאָך בײַ אָנגעצונדענע ליכט, מאַכט מען איבער זיי אַ ברכה... און אויף מאָרגן נעמט מען די געבענטשטע חלה און מ׳וואַרפט זי אַרויס אין מיסטקאַסטן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַזאַ ברכה?

# אַליין

אוי, בייסיקער פראָסט
אויף סיבירער ערד,
דו פאַרפריר אונדז נישט,
מיך און אויך מײַן פערד.

**(פון אַ רוסיש פאָלקסליד)**

גאַליע האָט אַ דריי געטאָן מיט די אַקסלען, די וואַשקעס זאָלן זיך איר אויסלייגן פונקט אויף דער מיט פּלייצע, זיי אַפּירגענומען אויף פאָרנט און פאַכמענעריש פאַרפעסטיקט אונטער די אָרעמס. פאַר די עטלעכע יאָר „סיביר״ האָט זי גוט אויסגעלערנט די „תורה״ פון איַינשפּאַנען זיך צו אַן אָנגעלאָדן שליטעלע, אַזוי אַז די שווערקייט בײַם שלעפּן די משׂא זאָל איר פאַלן נישט בלויז אויף די הענט, נאָר רעגלמעסיק אויפן גאַנצן קערפּער, ווי בײַ אַ פערד להבדיל. איז כּדי זיך צו מאַכן אַ ביסל האַרץ און פאַרטרײַבן דעם פּחד, האָט זי טאַקע מעשׂה־פערד שטיפעריש אַ דריגע געטאָן מיט די פיס אין די צוויי גרויסע אונטערגענייטע וואַליקעס און געפּרוווט אַפילו זיך צעהירזשען, נאָר דער אַלטער וואַסילי האָט זי שטרענג אָפּגעשטעלט — ניע באַלוי, דיעווקאַ! דאָס הייסט, וויצל זיך נישט אַזוי שטאַרק, מויד איינע, טרײַב נישט קיין קאַטאָוועס מיטן גורל, ווען ס׳שטייט דיר פאַר אַזאַ לאַנגער, שווערער וועג. געעפנט פאַר איר די קאַליטקע און אַ זאָג געטאָן — ס׳באָגאָם! — בלײַבט געזונט, דיאַדיאַ וואַסילי, און דערמאָנט מיך נישט צום שלעכטן, האָט גאַליע זיך געזעגנט אויפן אָרטיקן שטייגער, אויפהייבנדיק צו אים די האַנט אין דער גרויסער הענטשקע און געריררט פון פּלאַץ.

אין דרויסן האָט קוים־קוים ערשט אָנגעהויבן שפּראָצן אויף טאָג, נאָר דער אויסגעטרעטענער וועג האָט זיך גוט אָנגעזען אין אָפּשײַן פון ווײַסן שניי, וואָס האָט געפינקלט אַרום און אַרום. ערגעץ־ווו האָט זיך שוין געהערט אַ סקריפּע פון אַ טיר, אָדער

ס׳האָט אַ בליץ געטאָן די שײַן פֿון אַ לוטשינקע דורך אַ פֿאַרקאָוועט פענצטערל, נאָר דאָס גאַנצע דערפֿל איז נאָך געווען פֿאַרזונקען אין פֿאַרטאָגיקן שלאָף. די שטיבלעך האָבן איר אויסגעזען ווי שרעטעלעך פֿון די קינדער־מעשׂהלעך, מיט גרויסע ווײַסע שפּיציקע מיצלעך, אַריבערגעשלעפּטע איבער די אויערן, שרעטעלעך, וואָס פּיפּקען זייערע ליולקע־ציביקעס כּדי אַ ביסל זיך צו דערוואַרעמען. און דער רויך פֿון די קוימענעס לייגט זיך דווקא נישט אין פֿלאָסטן, נאָר, ווי אויף צו להכעיס, הייבט ער זיך אין דער הייך, גלייך צום הימל. אַ סימן אויף פֿראָסט. נישט אומזיסט האָט דער אַלטער וואַסילי, אַרײַנלויפֿנדיק פֿאַר טאָג און צוהאַלטנדיק די הויזן, אַ זאָג געטאָן „קרעפּטשאַיעט״, ער שטאַרקט זיך, הייסט עס, דער פֿראָסט און געכאַפּט אויפֿן פּלאַץ אַ פּסק פֿון זײַן ווײַב, פֿון דער טיאָטיע פּאַשאַ, פֿאַר שווער מאַכן מיר אויפֿן האַרץ, פֿאַרן לאָזן זיך אין וועג אַרײַן.

— גיי שוין, גיי, אַלטער נאַר. וואָס אַ מענטשן פֿאַלט אײַן? נעם קריך שוין בעסער אַרויף אויפֿן אויוון, האָסט זיך מסתּמא אָפּגעפֿרוירן דעם גאַנצן אונטערחלק.

— דײַן חלק איז געבליבן גאַנץ, האָט ער זיך דווקא נישט פֿאַרלוירן.

— באַלד כאַפּסטו מיטן שײַטל האַלץ איבערן נאַרישן פּיסק דײַנעם.

— זידל זיך נישט, אַלטע קאָטשערע, אויפֿן ניכטערן מאָגן, דאָס געקעכטס וועט דיר חלילה נאָך זויער ווערן דאָרטן.

— נישקשה, וועסט עסן, זיך באַלעקן און מאָנען נאָך...

אַ מענטש פֿון דער זײַט וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס קריגן זיי זיך און באַלד וועלן זיי אָנהייבן דורסן איינער דעם צווייטן, גאַליע, אָבער, ווייסט שוין גוט, אַז נישט נאָר וואָס זיי קריגן זיך נישט, נאָר פֿאַרקערט, דאָס איז בײַ זיי אַ מין צערטלען זיך, נוסח סיביר. אַ סיביריאַק און נאָך אַן אַלטער דערצו וועט נישט נעמען פּלוצעם זינגען דעם ווײַב לויבגעזאַנגען, ער מעג ווי גוט וויסן בײַ זיך, אַז זי פֿאַרדינט זיך כּשר דעם „מאָלאָדיעץ־באַבאַ״ שוין נאָר

פֿאַר איר אויפֿשטיין די ערשטע, ווען אַלע כראָפּען נאָך אויף די גערלעגערס, פֿאַר דעם אײַנהייצן און דערוואָרעמען די כאַטע, פֿאַר איר פֿאָרען זיך פֿון קאַיאַר מיט די גרויסע טשוהונען, כאָטש ס'פֿאַר־לויפֿן איר זאַשפֿערעס אין די פֿינגער פֿון דעם אײַז־קאַלטן וואַסער.

גאַליע שפּאַנט איצט און שמייכלט דערמאָנענדיק זיך די קאָ־מישע סצענע אין דער פֿרי. אַפֿילו מיט דעם איבערווערטלען זיך איז זי זיי איצט מקנא און נישט פֿאַר זיך, פֿאַרשטענדלעך, נאָר פֿאַר אירע טאַטע־מאַמע, וואָס מ'האָט זיי צעשיידט פּונקט אויף דער עלטער, ווען זיי נייטיקן זיך אַזוי איינער אין צווייטן. קאַרג געווען דאָס אַרויסשיקן, דאָס פֿאַרטרײַבן אָן אַ פֿאַרוואָס, אָן אַ פֿאַרווען פֿון דער אײַנגעזעסענער היים, האָט מען נאָך געדאַרפֿט אָפּטיילן און אָווקענעמען פֿון זיי די מענער, צעבערעכן די משפּחות אַזוי, אַז זיי זאָלן שוין קיין „תחית־המתים" נישט קענען אויפֿשטיין. אינטערעסאַנט, ווער פֿאַרשאַרפֿט עס אַזוי דעם „געניאַלן מוח" און זאָגט אים אונטער אַלע מאָל נײַע אכזריותדיקע מיטלען צו פּײַניקן מענטשן? ס'איז, אָבער, נישט דאָס פּלאַץ און נישט די פּאַסיקע צײַט פֿאַר אַזעלכע געדאַנקען, וואָס רופֿן אַרויס טרערן. טרערן און פֿראָסט, וואָס קען זײַן ערגער? תרעומות צום רבונו־של־עולם איז אויך גוט צו האָבן אויף אַ מער זיכערן פּלאַץ, זיצנ־דיק אין שטוב, צום בײַשפּיל, אָדער, נאָך בעסער, ליגנדיק אויפֿן געלעגער אונטער דער וואָרעמער קאָלדרע, ווי למשל זונטיק אין דער פֿרי, ווען מ'דאַרף נישט אויפֿשטיין צו דער אַרבעט און מ'קען זיך פֿאַרגינען דעם לוקסוס פֿון אַרײַנלאָזן זיך אין חקירות מכּוח וועלט־ענינים.

גאָט און זײַן משפּט איז גערעכט, גערעכט,\
מ'טאָר קיין מאָל נישט זאָגן — גאָט טוט שלעכט,\
גאָט ווייסט וואָס ער טוט\
אומזיסט שטראָפֿט ער קיינעם נישט\
גאָט און זײַן משפּט איז גערעכט.

זי שווײַגט שוין איצט, די מאַמע אירע, זי זינגט שוין מער נישט קיין קופּלעטן פון די אַמאָליקע טעאַטער־שטיק, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט נאָכצווזינגען און נאָכצומאַכן, ווי פאַרנומען זי זאָל נישט געווען זײַן מיט איר שטוב־אַרבעט. זי רעדט שוין בכלל איצט ווייניק. איז וואָס־זשע טראַכט זי, אויב אַזוי, איר קלוגע מאַמע, וועגן גאָט און וועגן זײַן משפּט ?... נאָר גייענדיק אין וואַלד, וויל דווקא גאַליע נישט האָבן צו טאָן מיטן רבונו־של־עולם, זי וויל דווקא ער זאָל יאָ זײַן דאָרט אויבן, ערגעץ אויף די הימלען, האַלטן זײַן רעכטע האַנט איבער איר און זי דורכפירן דעם וועג בשלום, מער וויל זי איצט גאָרנישט. זי און די שפּײַז־פּראָדוקטן, וואָס זי האָט דערװאָרבערט מיט אַזוי פיל מי און דערנידערונג אין די פּאָר טעג פון אַרומשלעפּן זיך איבער די דערפער. נאָר, אַן עק! געגוג! גענוג קלאָגן זיך און וויינען זיך אין רחמנות צו זיך אַליין. זי איז דאָ נישט די איינציקע.

וויפל זאָל איצט זײַן דער זייגער ? בערך זעקס, האַלב זיבן און אפשר טאַקע זיבן. שווער צו זאָגן. די לבנה, וואָס האָט ערשט־אָ אַ פאַרפרוירענע אַרויסגעשטעקט די נאָז פון איר פעלץ, האָט אַ פּנים טאַקע נישט געקענט זיך דערוואַרטן די זון, די יחסנטע, זאָל קומען זי פאַרבײַטן אויפן פּאָסטן און אַנטלאָפן זיך וואַרעמען. אַ נאַרישע לבנה! זי אויף איר אָרט, אַ שטייגער, וואָלט זיך אַ גאַנצן ווינטער דאָ נישט באַוויזן, נאָר אָפּגעשלאָפן עלעהיי אַ בער ערגעץ אין אַ וואַרעמער נאָרע און קיינער, מיר דאַכט, וואָלט זיך נישט געכאַפּט אַז זי פעלט. נישט מ'נייטיקט זיך אין איר שײַן, אָפּגערעדט פון איר וואַרעמקייט און אויף זי מקדש צו זײַן זענען אויך קיין בעלנים אין סיביר נישט פאַראַן. נישט מער־פּאַלאָזשענאָ ! פּאַלאָזשענאָ אַ נאַכט־שומר. און ווי באַלד פּאַלאָזשענאָ איז קריך אין געהאַקטע ווונדן אויפן הימל און אָקאַלייע דאָרט פון קעלט. אַפילו פּאָר די פאַרליבטע פּאָרלעך טויג זי נישט. ווער קען זיך עס קושן מיט פאַרפרוירענע ליפּן? גאַליע שמייכלט, פאַרשטעלנדיק זיך ווי אַזוי מ'קושט זיך דאָ, בײַ דער שײַן פון דער לבנה, מיט ווײַסע אָפּגע־פרוירענע נעז. קושן זיך! בײַ אירע צוואַנציק יאָר האָט זי שוין

לאַנג פּאַרגעסן דעם טעם פון אַ הייסן קוש אויף אירע ליפּן. ווער טראַכט איצט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי ליבע, ווען דאָס לעבן זשיפּעט קוים? גוט וואָס קיינער פון אירע אַמאָליקע פּאַרערערס זעט זי נישט אין איר איצטיקן הולך און שוין נאָר ביים דעם דאָזיקן געדאַנק, גלייבט זי אויטאָמאַטיש אויס די פּלייצע און רוקט אַ ביסל אַרויף די קאַסינקע, וואָס האַלט איר פּאַרצויגן דעם שטערן, כּדי דאָס שאַלעכל זאָל זיך איר נישט אַראָפּרוקן פון אָנשטרענגען זיך ביים שלעפּן דאָס שליטעלע. נאַרישקייטן! וועמען קען זי דאָ באַגעגענען? און פון דער אַנדערער זייט, טראַכט זי, וואָלט זי זיך דווקא נישט אָפּגעזאָגט פון אַ מיטגייער און וואָלט זיך כּלל פּאַר אים נישט געשעמט, ווייל דער מיטגייער וואָלט געוויס אויסגעזען נישט בעסער פון איר. יאָ, אַ מיטגייער וואָלט נישט געשאַדט. און נישט מחמת זי האָט מורא צו גיין אַליין... וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? וועגן גזלנים הערט מען נישט אין די מקומות, גזלנים האָבן ליב רייכע קרבנות און דאָ... מ׳שטיינס געזאָגט, מער ווי מיט אַ טאָרבע קאַרטאָפּליעס קען מען זיך מיט גאָרנישט נישט פּאָזשיווען, לווינט זיך נישט פּאַטשקען די הענט. חיות רעות זאָל זי זאָגן? חיות רעות דרייען זיך נישט אַרום אויף די וועגן און, די מינוט זאָל נישט זיין, טאָמער חלילה יאָ, איז שוין קיין נפקא־מינא נישט אַליין אָדער אין צווייען. נאָר גראָד וועגן חיות רעות וויל זי נישט טראַכטן, זיי זענען נישטאָ און שוין. פּונקט ווי די פייגל. אַ סך פייגל זעט זי דאָ אין וואַלד? אַפילו איינעם נישט אויף אַ רפואה. אַי... וואָס־זשע גייט דער וואַלד־וועכטער פון דריטן אוטשאַסטאָק מיט זיין הונט „לאַיקאַ״ אַלע טאָג אויף יאַגד? דאָס איז שוין זיין זאַך. ער קען דעם וואַלד ווי זיינע צען פינגער און אויך נישט אויף די אויסגעטרעטענע וועגן, דאַרף מען פאַרשטיין, כאַפּט ער זיינע האָזן, וועווערקעס, סוסליקעס און אפשר אויך גרעסערע חיות, וואָס זי וויל אַפילו זייערע נעמען נישט דערמאָנען. ניין, נישט אויף די וועגן. איז וואָס־זשע דאַרף זי דעם מיטגייער? צוליב היימלעכקייט? ווייס־איך־וואָס! ער וואָלט זי נאָר אַרויסגעשלאָגן פון אירע געדאַנקען, געקלאָגט זיך, אַז ער האָט גאָרנישט נישט פּאַרקויפט,

אָדער פאַרקערט, ער וואָלט זיך אויסגעשטעלט אַז ער האָט דאָרט געמאַכט גאָלדענע געשעפטן און געוואָלט דערווײַל דערוויסן זיך ווי אַזוי איז איר דאָס מאָל געגאַנגען, און זי האָט נישט ליב אַז מ׳קריכט איר אין דער נשמה און אַז מ׳שלעפט זי בײַ דער צונג. בלויז דער מאַמען אין דר׳היים וועט זי אַלץ דערציילן פּאָדראָבנע און אַפילו צוגעבן פון זיך, די מאַמע זאָל אָנקוועלן, זי אַרומנעמען און זאָגן: אַ לעבן אויף דײַן קאָפּ, גאָלדעלע, מיר זאָל זײַן פאַר דיר!

אוי מאַמע, ווען דו זאָלסט וויסן ווי שווער און קאַלט מיר איז!

און דער פראָסט פאַרשטאַרקט זיך טאַקע נישט אויף קיין קאַטאָוועס. די זון שײַנט דווקא, נאָר ס׳איז אַ זון מיט ציין, זי בײַסט און שרפעט אָן רחמנות און זי מוז אַלע מאָל אַרויסנעמען די האַנט פון דער הענטשקע כּדי זיך רײַבן די פאַרפרוירענע באַקן. די טיאָטיע פּאַשאַ האָט איר טויזנט מאָל אָנגעזאָגט נישט רײַבן מיט דער הענטשקע דאָס פּנים, ווײַל זי קען זיך אָנמאַכן גרויסע צרות און נאָך האָט זי איר אָנגעזאָגט — זי זאָל אַכטונג געבן דאָס שאַלעכל נישט אַריבערשלעפּן איבערן מויל, ווי קאַלט ס׳זאָל איר נישט זײַן, ווײַל די פאַרע פונעם מויל וועט איר פאַרפרוירן ווערן אויפן שאַלעכל, און דעמאָלט איז זי אַ פאַרפאַלענע. „אַ גוי פאַרלענגערט דעם גלות״... און דאָס זאָגט מען שוין בײַ ייִדן אין בעסטן פאַל! און ווער האָט בכלל „אויסגעטראַכט״ דעם גלות? בעסער וועגן דעם נישט קלערן. הײַנט, ווי געזאָגט, וויל זי זיך מיט גאָט נישט קריגן. קלענערע נאַטשאַלניקעס פון אים האָבן נישט ליב, אַז מ׳פרעגט בײַ זיי צו פיל קשיות.

איז וואָס־זשע וועט זי פאַרט דערציילן דער מאַמען? קודם וועט זי איר דערציילן, אַז זי האָט כּמעט אַלע זאַכן, וואָס זי האָט מיטגענומען, אויסגעביטן דווקא נישט שלעכט, מ׳קען אַפילו זאָגן גאַנץ נישקשה און דאָס איז דער עיקר שבעיקר. אַז סך הכּל האָבן זיי מערסטן טייל אַליין נישט וואָס צו עסן, בייזערן זיי זיך און טרײַבן די „בעטלערס״ ווי די הינט, נאָר איידער מ׳באַווײַזט עפּענען

דאָס מויל און אין די שטיבער ווו די קאַרטאָפּליע איז נישט קיין געציילטע ווייסן זיי שוין אַליין נישט וואָס זיך אָנצובאָטן פאַר זייערע פּראָדוקטן. גיב זיי שאַלעכלעך, הויזן, רעקלעך און ווו זאָל מען זיי נעמען די הויזן מיט די רעקלעך אַז מ׳האָט זיי שוין לאַנג אויפגעגעסן? נאָר פון דעסטוועגן האָט זי זיך אַן עצה געגעבן, געכאַפּט דעם סטרי, פּאַרט אַ קרעמערס אַ טאָכטער. צו דער פאַר־לעגערטער סחורה, וואָס מ׳האָט זיך געקווענקלט בײַם קויפן זי, האָט זי צוגעלייגט אַ ביסל פּאָדעם, אַ קלעצעלע „מאַקאַראַ״, אַ פּאַסמעלע „מולינע״, אַ שטיקל טאַשמע, פון די קלייניקייטן וואָס האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט בײַ זיי פון דער אַמאָליקער גאַלאַנ־טערייקראָם זייערער. פון נאָדלען איז אָפּגערעדט, אַ נאָדל איז בײַ זיי מיט גאָלד גלײַך. בײַ וועמען ס׳איז נאָך פאַראַן אין שטוב אַ נאָדל, איז זי אײַנגעשטעקט אין אויסגעניייטן האַנטעך אַרום דער איקאָנע און מ׳נוצט זיך מיט איר נישט זייער אָפט. אַ קאָלכאָזניצע ווייסט נישט אַזוי שטאַרק וואָס הייסט פאַרריכטן אַ מלבוש, לייגן אַ לאַטע, אָפּגערעדט פון מערעזשען זאָקן. זי צירעוועט, אין בעסטן פאַל, צונויף דעם לאָך און האַלט דערבײַ די נאָדל אין דער האַנט פונקט ווי זי האַלט די פען ווען זי דאַרף אונטערחתמענען איר נאָמען.

און דאָך אַזוי מאַכן זיי דעם אָנשטעל אַז אַלץ איז אין אָרדע־נונג, קלאָגן זיך נישט און די גאַנצע שולד פאַרן דלות וואַרפן זיי אַרויף אויף דער מלחמה. שווער צו זאָגן ווי אַזוי ס׳איז געווען ביז צו דער מלחמה, נאָר איצט פײַפט שוין אין גאַנצן דער ווינט איבער די פּאָלקעס אין דעם „סעלפּאָ״ און פון דעם כלומרשט אַמאָליקן „גוטס״ זענען פאַרבליבן נאָר די סלאָוויקלעך קרעם „מע־טאַמאָרפאָזאַ״, וואָס די פּאַרקויפּעריןן שטעלט זיי אַלע מאָל איבער אין פאַרשידענע צוזיענדיקע פּיראַמידעס. אַפילו דער טרוינוי אָדע־קאָלאָן איז נעלם געוואָרן, אַ סברא אַז מ׳טרינקט אים במקום בראָנפן. נישט געקוקט דערויף, אָבער, איז די קלייט אַ קלייט, כאָטש ס׳הענגט מערסטן טייל אַ גרויסער שלאָס אויף דער טיר און פון דער פאַרקויפּעריןן שמועסט מען נישט, יענע פאָלט נישט

אַראָפּ בײַ זיך, גייט אַרום מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ, נישט צוצו־טרעטן, רעדט אויף אַ קול, קלינגט מיט די שליסלען און אַלע טראָגן איר אַנטקעגן דעם וואַרוואַרא פֿאַנטעלעימאָנאָוונאַ מיט גרויס אָפּשײַ, ווײַל זי איז אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט נאַטשאַלסטווע אין ראַיאָן און, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, ברענגט זי פּאַרט אַ מאָל „עפּעס" אין קלייט אַרײַן, דאַרפֿן זיי דעמאָלט אָנקומען צו איר חסד.

דער עיקר, אָבער, ווײַט די מאַמע אָנקוועלן פֿון די בריוו אירע, וואָס זי האָט געשריבן פֿאַר די קאָלכאָזניקעס צו זייערע זין אויפֿן פֿראָנט. צוליב די בריוו טאַקע האַלט זי שוין דאָס צווייטע מאָל „סטאַנציע" בײַ דעם אַלטן פּאַרפּאָלק און איז פֿאַרזאָרגט בײַ זיי מיט אַ שיסעלע באָרשט, אָדער מיט עטלעכע הייסע געשמאַקע קאַרטאָפּליעס. דער אַלטער וואַסילי האָט אַזש אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל, זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און גענומען זיך צײלעמען פֿאַר התפּעלות בײַם איבערלייענען זיי דאָס אָנגעשריבענע. — אַט דאָ־יאָט! אַט סטערוואַ! און דאָס איז בײַ אים די העכסטע מדרגה פֿון שעצן און לויבן. אַלע אירע קענטענישן און די גאַנצע פֿאַנטאַזיע אירע האָט זי אַרײַנגעלייגט אין די בריוו. נאָך אַלע גרוסן און פּאָקלאָנען פֿון דער גאַנצער משפּחה, פֿון אַלע שכנים, קרובים און סתם גוטע־פֿרײַנד מיט אַלע זייערע קינדער, אַפֿילו מיט די פּיצלעך אין די וויגן, וואָס זי האָט געדולדיק אויסגעהערט און פֿאַרשריבן, האָט זי ערשט אָנגעהויבן צעפֿירן זיך די הענט און דערציילן מיט אַלע פּינקטלעכקייטן וועגן גערעטעניש וואָס זיי האָבן דאָס יאָר אַראָפּגענומען, וועגן דער קו וואָס גיט זיי, ברוך־השם, מילך צו דער זעט, נישט מער — געוועזן אַ ביסל שווערלעך בײַם קאָסיען די גראָז, דער טאַטע איז שוין אַלט און די כּוחות דינען אים שוין נישט ווי אַ מאָל, נאָר גאָרנישט... מ'טאָר זיך נישט קלאָגן, זיי וועלן, מיט גאָטס הילף, אויסהאַלטן און איבערקומען די שווערע צײַט, די מלחמה זאָל זיך נאָר ענדיקן און די זין זאָלן זיך אומקערן בשלום אַהיים. אָבער „אָפּקומען" די „מלחמה" מיט שהי־פּהי, פּילט גאַליע, וואָלט געוועזן אַ גרויס פֿאַרברעכן סײַ פֿאַר דער

מלחמה, סײַ פאַר איר אַליין. אַזאַ „קאָזער״ אַרויסלאָזן פון די הענט!? און זי שטרענגט אָן דעם זכּרון און הייבט אָן שיטן ווי פונעם אַרבל פון אַלעמען וואָס זי האָט אַ מאָל געלערנט און געקענט אויף אויסנווייניק, כּולל איר מאַמעס „גאָט פון אברהם״ אין איר אייגענעם וואַריאַנט, און זי בעט דעם גאָספּאָדי־באָזשע, אַז אַלע אונדזערע פּאַראוונדעטע סאָלדאָטן זאָלן געזונט ווערן און אַלע געזונטע זאָלן פון פּוליעס אָפּגעהיט ווערן און דער באָזשע זאָל אונדז געבן דאָס הײַנטיקע יאָר מיר זאָלן פון דער מלחמה אויסגעלייזט ווערן און אונדזערע סאָלדאָטן זאָלן זיך אומקערן מיט אַ גרויסן נצחון אַהיים. אמן! זי פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און באַשליסט בײַ זיך אַז אַלץ איינס געזינדיקט, מעג זי שוין בראָקן ביזן סוף — אַלע טויערן פונעם הימל זענען אָפן, זאָלן קיין מאָל נישט ווערן פאַרשלאָסן; אונדזער תּפילה, אונדזער געבעט זאָל אַרויפקומען און פאַרן כּסא־הכּבוד אָנגענומען ווערן. דאָ טאַקע, בײַ די ווערטער, האָט דער אַלטער וואַסילי אָנגעהויבן זיך ציילע־מען און געלאָפן צוגיסן אַ ביסל קעראָסין אין לאָמפּ, זי זאָל קענען נאָך אַ מאָל איבערלייענען דאָס אָנגעשריבענע. דעם לאָמפּ צינדט מען אָן נאָר אויף צו שרײַבן און לייענען דעם בריוו און אַלע זיצן דערבײַ מיט אויסגעצויגענע העלדזער און גלאָצן די אויגן צו די אותיות, וואָס לייגן זיך אַזוי לײַכט און גיך אויף דעם פּאַפּיר, גלײַך ווי אַ כּישוף איז אַרײַן אין הענטל־פען. נאָכן צווייטן מאָל איבערלייענען לעשט מען אויס דעם לאָמפּ און נאָך לאַנג־לאַנג, שוין בײַ דער שײַן פון אַ לוטשינקע, האַלט מען נאָך אין איין איבערקײַען און קאָמענטירן דעם בריוו און ווי לאַנג קרענקען מײַנע שׂונאים צי זיי האָבן אַפילו אָנגעהויבן זיך אָנצושטויסן דעם מקור פון דעם אַלעמען. אויפן אַנדערן טאָג אין אָוונט האָבן זיך שוין באַוויזן נײַע קליענטקעס, וואָס האָבן נעבעך אויך געוואָלט אַ „בריוו פונעם האַרצן״ און געבראַכט אונטערן שאַלעכל צו ביסלעך קעראָסין וועגן לאָמפּ און צו אַ רעדל פּאַרפּרוירענע מילך פאַר דער „שרײַבערין״. דאָס האָט אָפּנים די טיאָטיע פּאַשאַ זיי אָפּגעשטעלט די טאַקסע. זי, גאַליע, האָט זיך נישט געמישט צו די

ענינים, פֿאַרנומען געווען מיט דער מוזע, צוגעטראַכט נאָך און נאָך פֿאַרשידענע געפֿליגלטע פּראָזעס.

איז וואָס־זשע וועט די מאַמע עפּעס זאָגן אויף אירע בריוו? ס'קען זיך נאָך זייער שיין מאַכן זי זאָל גאָר ברוגז ווערן פֿאַר איר „גאָט פֿון אברהם", וואָס זי האָט פֿאַרשלעפּט צו די גויים, איז דערויף וועט זי איר זאָגן: מאַמע, מאַך זיך נישט נאַריש, דײַן „גאָט פֿון אברהם" וועט גאָרנישט נישט שאַטן, איך ווייס אויך אַז וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לײַט איז צו לײַט, נאָר ס'טרעפֿט אַ מאָל אַז גראָד וואָס ס'איז גוט פֿאַר גאָט איז נאָך בעסער פֿאַר מענטשן און חוץ דעם, וועט זי איר זאָגן, ווייסן מענטשן ווי צו שעצן אַ גוט וואָרט און צאָלן אויפֿן אָרט, מזומן, און דיר, פֿאַר דײַנע כּשרע תפֿילות, האָט גאָט אָפּגעצאָלט מיט אַן אָרט אין סיביר. אפֿשר נישט פּונקט טאַקע מיט די ווערטער, נאָר בערך אַזוי וועט זי איר זאָגן. אוי, ווי דערלעבט מען שוין די מינוט זיך אויס־צוטענהען מיט דער מאַמען!

און דערווײַל... דערווײַל פֿילט זי, אַז די נשמה ווערט איר שוין פֿאַרפֿרוירן פֿון קעלט, ס'ברענט איר אַזש די בלעך פֿונעם האַרץ. פֿון קומען הײַנט אַהיים צו דער מאַמען קען אַפֿילו נישט געמאָלט זײַן, הלוואי זי זאָל זיך כאָטש דערשלעפּן ביזן דריטן אוטשאַסטאָק. ביזן „דריטן" וועט זי אויך האָבן געמאַכט פֿינף און צוואַנציק קילאָמעטער. גאַנצע פֿינף און צוואַנציק אויף אַזאַ פֿראָסט; מ'זאָל עס איר אַ מאָל געווען זאָגן! און פֿונעם „דריטן" ביז צו זיך אויפֿן „אַכטן" זענען נאָך אויך גוטע צען צוועלף ווערסט, ווער האָט עס דען כּוח? ניין, זי וועט נעכטיקן אויפֿן „דריטן" בײַ מאַסיען און מאַסיע וועט איר צוטראָגן אַ הייס טעפּעלע טיי, פֿאַר־ווייסט מיט אַ ביסל מילך, נישט אַזוי כּדי זי צו דערקוויקן, ווי איר צו ווײַזן אַז בײַ זיי טרינקט מען נישט, חס־וחלילה, הוילן אָקרעפּ ווי בײַ אַנדערע, נאָר שטענדיק פֿאַרווײַסט מיט מילך. אַ גאַנצע חכמה געוואָרן דאָ אין וואַלד! אַז סך־הכּל האָבן אַלע אין דער אַלטער היים זי געהאַלטן פֿאַר אַ „פֿלאַטשיקער", נאָר אַז מ'האָט מזל, דאַרף מען, ווײַזט אויס, שוין קיין שׂכל נישט האָבן. אַ קליינ־

קייט דער דריטער אויטשאַסטאַק! בײַם סאַמע טראַקט און נישט ערגעץ צו אַלדע שוואַרצע יאַר. מ׳קען זיך אַ מאָל אַרויפכאַפּן אויף אַ שליטן, ווען ס׳פאָרט דורך דער פּאָסט־מײַסטער, שלאָגן טאַקע מיט אים קענטשאַפּט און אַפילו צוהאַנדלען צו ביסלעך. אַז מ׳שמוּ־עסט פאָרן! פאָרן איז נישט גיין צו פוס... און די קאַרטאָפליעס זענען אײַנגעדעקט אין שליטן מיט שטרוי, טריקנט נישט דער מוח אַז זיי קענען נאָך פאַרפרוירן ווערן. אַ מזל פון אַ ייִדענע! נאָר וואָס בײַזערט זי זיך הײַנט אויף דער גאַנצער וועלט, אויף וועמען מ׳דאַרף און אויף וועמען מ׳דאַרף נישט? נישט אַנדערש די גירן אין קאָפּ הייבן איר שוין אויך אָן צו פּרירן, דרייען זיי זיך נאָר אין איין ריכטונג. געגוג! בעסער אויפהייבן די אויגן און זען דאָס שיינקייט פון וואַלד אין זײַן ווײַסן פּרעכטיקן מלבוש. אַ פּאַרכּי־שופּטער פּאַלאַץ! און אַ צווײַגעלע זאָל זיך אַפילו אַ שאָקל טאָן! אַלץ איז אַזוי מאַיעסטעטיש שיין, ווײַס, שטיל, רויִק. נאָר גראָד דאָס שטילקייט ברענגט זי אַרויס פון די כּלים און זי וויל שרײַען, שילטן, זידלען ,געוואַלדעווען און צ׳עשטערן דעם כּישוף וואָס איז איר שוין אַרײַנגעדרונגען אין די ביינער, ביזן סאַמע מאַרך. מאַמע... אוי מאַמע! און די זון, די יחסנטע, פּונקט ווי וואַרוואַראַ פּאַנטע־לעימאָנאָוונאַ, זיך באַווײַזן אויף אַ ווײַלע, אָפּגעקלונגען מיט די שליסלען און שוין... אויסגעוועון די צײַט. אוי, סטערוואַ!

שאַ! עפּעס זעט זי אויפן וועג. זי וואָלט געקענט שווערן אַ שליטעלע. נו, דאַנקען גאָט! אַ ביסל שפּעט זיך דערמאָנט, נאָר ווײַל טאַקע ס׳הייבט שוין אָן טונקל ווערן און זי איז אַזוי מיד און פאַרפרוירן, וועט זײַן גוט צו פילן אַ מענטשלעכן אָטעם לעבן זיך. נאָר... וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? דאָס שליטעלע שטייט גאָר אויף אָן אָרט און רירט זיך נישט. גאַליע האָט אַזש אָנגעהויבן גיין פּאַוואָליער און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער. יאָ, דאָס שליטעלע שטייט און דער מענטש ליגט איבערגעבויגן איבער דער משׂא, אַרומנעמענדיק מיט די הענט דעם זאַק פון ביידע זײַטן. אַ גרויל איז איר אַדורך דורכן לײַב. שלאָפן אויפן פראָסט?! זי איז צו צו אים און אים אָנגעהויבן טאָרען, טרעסען — שלאָף

נישט, שלאָף נישט. דער מענטש האָט ווי אַ זאַק קאַרטאָפּליעס זיך אַראָפּגעקײַקלט פֿונעם שליטעלע און געבליבן ליגן אויפֿן וועג מיט פֿאַרשטאַרצטע הענט אויסגעשטרעקטע צום הימל. גאַליע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אָנגעכאַפּט זיך אין זאַק נישט אומצופֿאַלן. אַנטלויפֿן! אַנטלויפֿן, האָט אַ בליץ געטאָן דער ערשטער קלאָרער געדאַנק נאָכן אויסגלײַכן זיך און באַנעמען וואָס אַזוינס ס'קומט פֿאָר דאָ מיט איר. אַנטלויפֿן אויב זי וויל בלײַבן לעבן. אַנטלויפֿן, ראַטעווען זיך. נאָר אַ פֿיבערדיקער אימפּולס האָט זי, אין דער זעלבער צײַט, געשטופּט צום טויטן, נישט דורכגיין ווי לעבן אַ געפֿגרטן הונט אויפֿן וועג, נאָר כאָטש אים אָנקוקן, באַדויערן, אויב זי קען שוין מיט גאָרנישט אים העלפֿן. גאַליע האָט מיט אומזיכערע טריט זיך דערנענטערט און אים אַרײַנגעקוקט אין פּנים. סלוווע, סלוווע שוואַרצמאַן, האָט זי זי תּיכּף דערקענט. סלוווע שוואַרצמאַן, איר חברטעס מאַמע... פֿונעם זעקסטן אוטשאַסטאָק. ס'קען קיין ספֿק נישט זײַן. גאָט!!! האָט אַ ווילדער געשריי זיך אַרויסגעריסן פֿון איר ברוסטקאַסטן און צעטרעסעט דעם וואַלד אויף אַ מײַל די ווײַט. גאָט... האָבן אָפּגעענטפֿערט מיט אַ רעווע די אויפֿגעוועקטע ביימער. וואָס האָסטו געטאָן? געטאָן... האָט אָפּגעהילכט אין וואַלד. וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אונדז? יד־אחת? קעגן וועמען?... וויניק דער „מי באש ומי במים" איצט אויך מי בכּפּור? איך וויל נישט... הערסט? איך וויל נישט. ווי אַ באַזעסענע האָט זי אָנגע־הויבן לויפֿן מיט די לעצטע כּוחות. דאָס שליטעלע האָט איר געקלאַפּט אין די פּיס, האָט זי זיך ספּאָטיקעט, געפֿאַלן, נאָר גלײַך זיך אויפֿגעהויבן און געלאָפֿן ווײַטער, מורא געהאַט זיך אומצוקוקן, זי זאָל אויך נישט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סטאָלב אײַז. און אין די אויערן האָט איר געקלונגען סלוווע... סלוווע... סלוווע... סלאַווא, סלאַווא. וואָס פּלוצעם סלאַווא? אַהאַ... זי פֿאַר־שטייט — „סלאַווא" — לאמור — ברוך דיין אמת. ניין, נישט אמת, נישט אמת. אַזאַ טויט? אַזאַ אַ טויט?! פֿאַרוואָס? גאַליע פֿאַלט ווידער און דאָס שאַלעכל איז שוין שטײַף ווי אַ בלעך און גלי־ווערט איר די ליפּן. טשעפּע זיך אָפּ פֿון מיר, פֿאַרגעס אין מיר,

איך בין נישטאָ, איך בין שוין געשטאָרבן. אַליין, אַליין וועל איך לויפן. אַליין. און די ביימער פון ביידע זײַטן וועג האָבן אָנגעהויבן זיך רירן פון פּלאַץ, לויפן איר אַנטקעגן און ווילן זי דערשטיקן מיט זייערע צווײַגן. און ס'איז גאָר קיין צווײַגן נישט, נאָר פליגל. גרויסע ווײַסע פליגל. פליגל פון מלאָכים און די מלאָכים שרײַען אויך: אַליין... אַליין... אַליין... אַל־אַל־אַל, האַוו־האַוו־האַוו! „לאַי־קאַ" האָט איר אַ לעק געטאָן מיט דער צונג איבערן פּנים און תּיכּף נאָכן הונט איז צו איר צו, אויף זײַנע גרויסע ליזשעס, דער וואַלד־וועכטער פון דריטן אוטשאַסטאָק.

# דער איבערבּרוך

קאַסטיוקאָוו האָט געהאַט אַ מיאוסן און אַ משונהדיקן סוף. אַנדערש האָט נישט געקענט געמאָלט זײַן. אַ געוויינטלעכער טויט וואָלט נישט געווען אין שטאַנד אַוועקצולייגן און בײַקומען אַזאַ גבר, אַזאַ באַגאַטיר ווי ער איז געווען בײַ זײַנע אָנהייב פּערציקער יאָרן. צווישן סיביריאַקעס — אַ ריז, צווישן קאָמוניסטן — אַ פאַנאַטיקער, הײַנט ווי האָט מען געקענט אָפּמעסטן זײַן אומבאַגרענעצטן כּוח איבער די „מוראַשקעס", וואָס מיט איין דריי פון זײַנע שטיוול־פּאָדעשוועס האָט ער, מיר דאַכט, זיי אַלע געקאָנט צעטרעטן אויף פּאָרעך. ער האָט עס, אָבער, נישט געטאָן. ער האָט עס נישט געטאָן, און נישט מחמת עקל, נאָר פּשוט ווײַל ער איז געווען אַ כּיטרע גוי, אַ קאָמוניסט און דער דירעקטאָר פונעם „כימלעסכאָז" מיט אַ שווערן פּלאַן זשיוויצע־פּראָדוקציע אויף זײַנע פּלייצעס. האָט ער פאַרשטאַנען אַז צעטרעטענע מוראַשקעס זענען שוין קיין מוראַשקעס נישט און מ'קען שוין מיט זיי קיין שום פּלאַן נישט אויספילן. זעט איר... זיך נוקם זײַן, אָנשרעקן — דאָס איז עפּעס אַנדערש, דאָס שאַדט נישט. זאָלן זיי פון אָנהייב אָן פילן אין וועמעס הענט זיי זענען אַרײַנגעפאַלן. זאָלן זיי זיך דאָ דערוויסן פּאַטשאָם פּונט ליכאַ.

דער קבּלת־פּנים איז פאָרגעקומען אויף דער געהעריקער הייך. דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט ער אונדז געלאָזט זיך וואַלגערן אין קיפּרושקאַ אונטערן פרײַען הימל, כּדי די קאָמאַרן און די קליעשטשעס זאָלן קענען פראַנק און פרײַ אָפּצאַפּן און אויסנאָגן דעם חלק בלוט וואָס קומט זיי. אַזוי האָבן מיר פאַרשטאַנען צום אָנהייב. שפּעטער, אָבער, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס'איז נאָר פאַראַן אַ סיבה צום לאָזן אונדז זיצן גלאַט אַזוי און עסן דערווײַל אומזיסטיק ברויט — ער איז פּשוט נישט געווען צוגעגרייט צו דער דאָזיקער אַקציע, נישט געהאַט קיין טראַנספּאָרט איבערצופירן די

„טשאַטרע" אין וואַלד אַרײַן, אָדער אפשר יאָ געהאַט די נויטיקע מאַשינען און נישט געהאַט דעם נייטיקן ברענשטאָף צו זיי. פון די געוויינטלעכע זאַכן, פאַר וועלכע קיינער ביַי די סאָוועטן האָט נאָך נישט באַצאָלט מיטן קאָפּ און אַפילו נישט מיט זיַין הויכן פּאָסטן, ווער שמועסט דאָרטן, בײַם ראַנד פון וועלט, ווו דער דירעקטאָר איז געווען דער פּאָלנער כאַזייען נישט נאָר איבערן וואַלד, נאָר אויך איבער אַלעמען וואָס האָט געאָטעמט און געדעכבעט אין אים. האָט קאָסטיוקאָוו אַפילו נישט אָנגעהויבן זיך אָפּעסן דאָס האַרץ איבער די נאַרישקייטן, פאַרקערט, ער האָט געלאָזט די צײַט און די קאָמאַרן טאָן פאַר אים די שוואַרצע אַרבעט. אַז קיין דין וחשבון איז ער קיינעם אין דער וועלט נישט מחויב געווען, ובפרט, אַז סײַ גאָט, סײַ הויכע נאָטשאַלסטווע האָבן זיך געפונען אומגעהייער ווײַט פון דאָרטן און די גאַנצע געשיכטע איז זיי בכלל שוין מער נישט אָנגעגאַנגען. אַרויסגעשיקט... און אַראָפּ פונעם פּרק. אין סיביר, האָבן זיי געוווּסט, וועט זיך שוין שטענדיק געפינען אַ בעלן זיך מטפּל צו זײַן מיט אַזעלכע ענינים. האָט ער, ווי געזאָגט, זיך נישט געזעצט די נשמה, נישט געאײַלט זיך און ערשט אויפן פערטן טאָג, ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, זיך באַוויזן אויף זײַן מגושמדיק ווײַס פערד אין פּאָלנע פאַראַד. דער מאַנעווער איז געווען קלוג צוגעטראַכט, אַלע זענען געפּלעפט געבליבן אויף די ערטער. דע־מאָלט האָט ער פון דער הייך פון זײַן פּלאַטפאָרמע אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן צעמישטן־צעטומלטן „עולם" מיט זײַנע ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן זיך אים געדרייט אין קאָפּ ווי צוויי זייגערס, אַ שמיץ געטאָן מיטן כליסט איבער די שוואַרצע גלאַנצנדיקע שטיוול און געעפנט מיט דער באַוווּסטער דרשה, וואָס האָט דערנאָך אַלע־מען געקלונגען אין די אויערן און אַפילו די אַלע, וואָס האָבן זיך שפּעטער געראַטעוועט פון דאָרטן, איז די רעדע פאַרבליבן אויף אייביק אין זכּרון.

און אָט איז זי, בערך, די רעדע זײַנע.

שטיל זאָל זײַן און הערט מיך אויס מיט קאָפּ, איר בורזשויעס, קאַפּיטאַליסטן און כּל מיני טונקעלע עלעמענטן, וואָס איר זענט!

דאָ, אין דעם וואַלד, וועט קומען אַ סוף צו אײַך אַלע און אַזוי וועט די סאָוועטישע ערד זיך באַפרײַען און ריין ווערן פון אירע „שׂונאים פון פאָלק", בלוטצאַפּערס און פּאַראַזיטן בני־פּאַראַזיטן. קיינער פון אײַך וועט פון דאַנעט נישט אַרויס אַ לעבעדיקער, דאָ וועט זײַן אײַער קבר. קריצט עס אײַך אײַן טיף אין זכּרון. די טײַגע ווייסט נישט פון קיין רחמנות, זי האָט זיך אירע טרוקענע, שטרענגע געזעצן. קלאָגן זיך — עקזיסטירט נישט דאָ און איך ראָט אויך קיינעם נישט, נאָר ווער ס'וועט זיך יאָ אײַנשטעלן דאָס לעבן און פּרווון קאָרטשען פון זיך דעם געררודפטן, זאָל ער דערנאָך מיט קיין טענות נישט קומען, מײַן האַנט וועט צו אים דערגרייכן אין וואָס פאַר אַ לאָך ער זאָל זיך נישט אויסבאַהאַלטן. און בכלל זאָלט איר וויסן, אַז אַלע אײַערע זשאַלאָבעס וועלן קיין מאָל נישט אַריבערשטײַגן די גרענעצן פון וואַלד און דאָ, אין דעם וואַלד, בין איך דער בעל־הבית. דאָ איז אײַך נישט אײַער אַלטע היים מיט אירע פּאַרפוילטע קאַפּיטאַליסטישע פּאַריאַדקעס, ווו איר זענט געוועזן די אונטערדריקערס און עקספּלואַטאַטאָרס, דאָ איז דאָס לאַנד פון די סאָוועטן און דאָ וועט מען שוין מיט אײַך לערנען בלק. דאָ וועט איר בייגן דעם קריזש פון פאַר טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַך און וויי וועט זײַן צו דעם וואָס וועט פּרווון סאַבאָטירן, אָדער אַפילו סימולירן און נישט אויספילן דעם פּלאַן. יענער מעג זיך באַצײַטנס אויסגראָבן אַ גרוב און אים צו פאַרשיטן וועט זיך שוין געפינען ווער.

קינד און קייט, יונג און אַלט, האָט ער פאַרגעזעצט אין איין אָטעם, דאָס שײַנדליק פון אונדזער פאָלק, אונדזערע צעדערביי־מער, אונדזערע אָדלערס, האָט ער זיך פאַרבלינעט אין גרויס עקסטאַז, פאַרגיסן איצט זייער בלוט אויף די פראָנטן בײַם פּאַרטיי־דיקן אונדזער פּאָטערלאַנד קעגן דעם פאַשיסטישן שׂונא און איר... הינטישע זין, עסט לחם־חסד, כאָטש מ'וואָלט אײַך געדאַרפט אַלע אויסהרגענען אויפן אָרט און די האַנט זאָל דערבײַ בײַ קיינעם קיין ציטער נישט געבן.

— וואָס זאָגט ער, וואָס זאָגט ער? האָט די מערהייט נישט

פאַרשטאַנען קיין וואָרט און נאָר געקוקט אויף דער פּינע וואָס האָט אים געזעצט פון די ליפּן.

— ס'מעג אים שוין געזאָגט ווערן אַ מיתה־משונה, פאָטער אין הימל!

און איצט, האָט ער ווידער אַ דריי געטאָן מיט די זייגערס אין קאָפּ, נעמט צונויף אײַערע בעבעכעס, קריכט אַרויף אויף די גרו־זאָוויקעס און געדענקט גוט וואָס כ'האָב אײַך אָנגעזאָגט: ווער ס'וועט נישט אויספילן דעם פּלאַן וועט קיין ברעקל ברויט נישט באַקומען און דעמאָלט... דעמאָלט וועט אים בלײַבן איין אויס־וועג — גריזשען די ערד. זי איז דאָ אַ פּעטע, די ערד אונדזערע, אַ פליישיקע, פול מיט ווערעם, וועט איר עסן די ווערעם ביז די ווערעם וועלן אייך אָנהייבן פרעסן.

אָפּגעדרשנט, און אַ צופרידענער מיט זיך און מיט דער גלענ־צנדיקער רעדע זײַנער, האָט ער ווידער אַ שמיץ געטאָן מיטן כליסט איבער די כאָליוועס, ווי איינער רעדט — די אַאודיענץ איז דער־מיט אַ געשלאָסענע, אויפגעהויבן דאָס פערד אויף די הינטערשטע פיס מיט אַ שטאַרקן צי בײַם צוימל און פאַרשוווּנדן מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ באַרג שטויב און אַ ים פאַרגליווערטע הערצער.

אַזוי פיל האָבן מיר אים געזען. זעלטן־ווען פלעגט ער זיך באַווײַזן אין וואַלד און אויך דעמאָלט נאָר אויף דער „באַזע", אין דער קאַנטאָר, נאָר ווען ס'האָט געפּירט אַז, גייענדיק אַ מאָל אין דאָרף אַרײַן נאָך פּראָדוקטן, זאָל ער זיך גראָד אָנשטויסן אין אים אויפן וועג, יענער האָט לאַנג געפּילט אויף זײַן לײַב די שמיצן פון קאַסטיוקאָווס בײַטש, חוץ וואָס זײַן „פאַרמעגן" איז קאָנפיסקירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער טאָרבע.

*

קיינער האָט נישט געדענקט פּינקטלעך ווען און ווי אַזוי די בשורה איז אָנגעקומען אין וואַלד אַרײַן. ווי אַ צערודערטער בינשטאָק האָט דער „כימלעסכאָז" אָנגעהויבן מיט אַ מאָל זיך

באַוועגן, זשומען, ראַשן, טומלען, גײן אויף רעדער. בײַמער האָבן זיך געשושקעט, שטומע האָבן באַקומען לשון.

— געהערט ?

— ווי דען, ניין ?

— פּאַרט פּאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט !

— בור כרה ויחפרהו. (ר'האָט געגראָבן אַ גרוב פאַר יענעם און אַליין אין אים אַרײַנגעפאַלן).

נישט וואָס מ'האָט געטראַכט אַז מיט קאַסטיוקאָווס טויט וועט קומען אויף זיי די גאולה, אַזוי נאַריש איז קיינער נישט געווען, קיינער, אָבער, האָט אויך נישט געוואָלט בײַ זיך צונעמען די פרייד פון נקמה אין דעם סאַדיסט, אין דעם מערדער, וואָס האָט קיין גרענעצן נישט געוווּסט צו זײַן אַכזריותדיקייט און ס'האָבן זיך געפונען אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געזשאַלעוועט די פיס און זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער „באַזע" נאָר כּדי צו זען מיט די אייגענע אויגן דאָס שוואַרצע פענדל אויפן דאַך פון דער קאַנטאָר. זיי זענען טאַקע געווען די ערשטע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע, כאָטש מ'האָט אויף זייערע רייד נישט געקענט איבעריקס שטעלן, צו היציק און צו איבערגעטריבן האָבן זיי געקלונגען. וואָס איינער האָט זיך געשווירן, אַז ער האָט עס אַליין געהערט פון אַ זיכערן מקור, איז געקומען דער צווייטער און מבטל געמאַכט לגמרי — לא היה ולא נברא און דערציילט אין גאַנצן אַן אַנדערע געשיכטע, כאָטש גיי קלאַפּ אָן אין טיר צום מײַסטער און פרעג אים : אדוני מײַסטער, זיי אַזוי גוט און זאָג אונדז דו ווי אַזוי איז געפּגרט דער כּלב שבכּלבים ? נאָר קיינער, פאַרשטייט זיך, האָט אויף אַזעלכן נישט געקענט זיך באַשליסן, איז געבליבן אויסהערן אַלע וואַריאַנטן און יעדערער זאָל זיך אויסקלויבן און זיך האַלטן בײַ דער ווערסיע וואָס איז אים צום מערסטן געווען צום האַרצן.

— איך זאָג אײַך אַז מ'האָט געבראַכט צו קבורה נאָר די שטיוול.

— וואָס הייסט נאָר די שטיוול, נו און אים אַליין האָט מען אײַנגעזאַלצן ?

— דאָס איז דאָך די מעשׂה — מ׳האָט געפֿונען נאָר די שטיוול מיט שטיקלעך פֿיס אין זיי, דאָס איבעריקע האָט אויפֿגעגעסן דער בער.

— זאָל גאָט שומר און מציל זײַן!

ס׳הייבט זיך נישט אָן און ס׳לאָזט זיך נישט אויס, האָט אַ צווייטער נישט פֿאַרגונען דעם רושם וואָס דעם ערשטנס רייד האָבן געמאַכט. די שטיוול האָט מען טאַקע באַגראָבן, נאָר קאָסטיוקאָוו איז געווען אָנגעטאָן אין זיי. אַזאַ מנהג בײַ די גויים. בײַ זיי באַהאַלט מען אין פֿאָלנע פֿאַראַד, אַפֿילו די מעדאַלן טראָגט מען זיי נאָך, אין פֿאַל פֿון אַ פּאַרטיי־קאָנטראָל. און געשטאָרבן איז ער סך־הכּל פֿון אַ האַרץ־אַטאַק. זיך אָנגעשיכּורט, ווי זײַן טבֿע איז געווען, טאַקע בײַ זײַן שוואָגער אין שטוב, אַרונטערגעקײַקלט זיך אונטערן טיש און געבליבן דאָרט כראָפּען, ווי ס׳פֿירט זיך בײַ די גאָר גרויסע שיכּורים. קיינער האָט זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט. נאָר אין דער פֿרי, ווען ס׳איז געקומען די צײַט פֿון פֿאַכמעליען זיך, האָט מען אים שוין פֿון דאָרט אַפּגעשלעפּט אַ פֿאַרשטאַרטן.

ס׳לייגט זיך אויפֿן שׂכל.

קומט, אָבער, אין אַ פּאָר טעג אַרום, אונדזער בעדערנס אַ קרובֿה פֿון ניקאָלסק, וואָס איבערן טײַך, און דערציילט אַז מ׳האָט אים גאָר אַרויסגעשלעפּט פֿונעם אָב אַזש נעבן קאָלפּאַשעוואַ. ס׳איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג! און דערקענט האָט מען אים טאַקע לויט די שטיוול, ווײַל דאָס פּנים איז געווען צעפּרעסן פֿון די פֿיש און פֿון אַנדערע וואַסער־חיות. האָט מען אויך איר געגלייבט, באַזונדערס אַז די שטיוול זענען אויך דאָס מאָל אַרויפֿגעשווומען ווי בוימל אויף וואַסער. איבער די שטיוול האָט מען דערנאָך אָפּגעוואָרפֿן אָן אַנדער וואַריאַנט, אַז זײַן שכן האָט אין אים אַרײַנגעזעצט דרײַ פּוליעס, ווען ער האָט אים געכאַפּט „אויף הייס" מיט זײַן ווײַב טאַקע בײַ זיך אין בעט. פֿע! האָבן אַלע פֿאַרדרייט מיט די נעזער, אַ צו ראָמאַנטישער טויט! און חוץ דעם, ווו זענען די שטיוול? די שטיוול זענען געוואָרן דער וויכטיקער „קאָרפּוס־דע־

ליקטי״, אָן װעלכן מ׳האָט שוין בכלל נישט געװאָלט אָננעמען קיין שום נײַע װערסיע.

באַרויִקט האָט מען זיך, און אויך דעמאָלט נישט לגמרי, װען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה פון דער „רביצין״, פון דער מאַדאַם איזװאָריאַנו פונעם ערשטן אוטשאַסטאָק. פאַרװאָס מ׳האָט זי גע־רופן רביצין געדענק איך שוין נישט פּינקטלעך. ס׳קען זײַן דערפֿאַר װאָס זי האָט געקאָרטשעט פון זיך אַ הייליקע, געגלאָצט מיט די אויגן צום הימל און אייביק נאָר גערעדט מיט גאָט, און װידער קען זיך מאַכן אַז ס׳איז געװען איבערן טשיפּעק. זי האָט געטראָגן פּונקט אַזאַ גאַראָסענעם טשיפּעק װי אונדזער רביצין אין דער אַלטער היים. און די מאַדאַם איזװאָריאַנו איז געװען נישט קיין פּשוטע גויע, נאָר די געװעזענע פאַרװאַלטערין פון דער ניקאָ־רעשטער שולע און בכלל אַ שיינע באַלעבאָסטע מיט אַ רײַכער שטוב, מיט אַ גאָרטן און מיט אַ װײַנגאָרטן און מיט און מיט און מיט, נאָר װאָס? דער מאַן פלעגט זי זייער אָפט „פאַרבייטן״. ער איז געװען אַ קראָסאָװעץ, פון די עכטע רומענישע הוליאַקעס, װאָס פלעגט פאַרפאַלן װערן אויף טעג און אויף װאָכן, אָדער אין גאַנצן פאַרגעסן דעם װעג אַהיים. װאָס האָט זי געקענט טאָן? האָט זי זיך אויסגעלערנט װאַרפן קאָרטן, זוכן דעם ענטפער אויפן דנאָ פון קאַפע־טעפּעלע, אָדער בײַ די ראַבע פאַסאַליעס און שפּעטער געװאָרן אַ גרויסע ספּעציאַליסטקע אויפן געביט פון „ספּיריטיזם״. דאָ אין װאַלד האָט זי זיך טאַקע קונה־שם געװען דורך די סעאַנסן פון ספּיריטיזם, װאָס זי פלעגט דורכפירן אין די לאַנגע אויפדער־נעכט, פאַרשטייט זיך, בײַ פאַרקייטלטע טירן. װער ס׳האָט אָנטייל־גענומען און געהאַלטן צוזאַמען מיט איר די פינגער אויף דעם שעלעכל און װער ס׳איז געזעסן סתם בײַ דער זײַט און נאָכגעפּאָלגט מיט די אויגן, נאָר אַלע זענען געװען ערנסט, געשװיגן, אַזש ס׳האָט זיך געהערט דאָס שאָרכען פון לויפנדיקן טעצעלע.

פאַרשטייט זיך אַז די „רביצין״ האָט תּיכּף ומיד דורכגעפירט דעם סעאַנס און באַלד טאַקע אַ צװייטן און אַ דריטן, כּדי זיכער זײַן מיט די רעזולטאַטן, און אויפן אַנדערן טאָג איבערגעגעבן דורך

אירע „געהיים־אַגענטן״ אויף אַלע אוטשאַסטקעס אַז ס׳איז אמת ויציב... ער איז געשטאָרבן מיט אַ מיתה־משונה. ווויל דער באַבען! דאָס האָט מען געוווסט אַן איר, אַן איר טיאַטיע אַגלאַיאַ (וואָס נאַרט זי קיין מאָל נישט), אַן נאַפּאָלעאָנען און אַפילו אַן קאַסטיוו־קאָווס נשמה, וואָס זי האָט ספּעציעל וועגן דעם מטריח געווען פון זײַנע גלאַנצנדיקע שטיוול.

אַזוי האָט מען זיך געטיעשעט. מיט אַ „פּרק קאַסטיוקאָוו״ אָפּ־געשטופּט די לאַנגווײַליקע אויפדערנעכט און אָפּגענאַרט טאַקע בשעת־מעשׂה אויך דעם הונגער. ס׳האָבן אָנגעהויבן פלעכטן זיך אַפילו לעגענדעס אַרום דעם ענין, לעגענדעס מיט דערווײַזונגען. למשל — אונדזוערער אַ „ווזדימשטשיק״, טאַקע אויף אונדזער אוטשאַסטאַק, האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען קאַסטיוקאָווס פערד שפּרינגען משונה־נערוועז אין וואַלד. נישט אַנדערש, האָבן מענטשן תיכּף פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אין אים אַרײַן קאַסטיוקאָווס נשמה און אַזוי וועלן זיי שוין צוזאַמען שפּרינגען עד אחרית הימים.

מ׳האָט געקענט עמעצן פאַרמאַכן דאָס מויל?

✶

די אַרבעט אין וואַלד האָט זיך מיט קאַסטיוקאָווס טויט נישט אָפּגעשטעלט, פאַרקערט, די מײַסטערס זענען ווי אַראָפּ פון זינען, געטריבן און געצויגן בײַ אונדז דעם קליי פון די ביינער און דאָך... דאָך האָט זיך געפילט אַ גרויסער איבערברוך אין גאַנצן „כימלעס־באַז״. די לופט איז געוואָרן פרײַער. אין וואָס ס׳איז באַשטאַנען דער איבערברוך האָט קיינער אויף זיכער נישט געקענט זאָגן, נאָר, פאַקט, ס׳איז געוואָרן גרינגער.

אין גיכן האָבן מיר באַקומען אַ נײַעם דירעקטאָר, נאָר הרגעט מיך, הייב איך נישט אָן צו געדענקען זײַן נאָמען. ווײַזט אויס — ער איז נישט געווען ראוי לשמו!

נאָר באַנדיטן האָבן מזל, זיי געדענקט מען און זיי דווקא דערמאָנט מען.

# דער געסילוקטער חוב

ווינטער, ווען דער הויפּט־סעזאָן פון דער „זשיוויצע״ פּלעגט זיך אָפּשטעלן אויף גוטע 6־7 חודשים, איז ריווע געווען מײַן באַשטענדיקע נאַפּאַרניצע בײַ פּאַרשידענע וואַלד־אַרבעטן און, אויב שוין זאָגן דעם גאַנצן אמת, איז זי ערשט געווען די „גלאַוונע״ בײַ די דאָזיקע אַרבעטן, און איך, ס׳זאָל מיר צו קיין חרפּה נישט געזאָגט זײַן, האָב זיך בײַ איר געהאַלטן אין איין לערנען ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די מכשירים און ווי אַזוי צוטרעטן צו אַ בוים, אים וואַליען, אָפּריינִיקן, צעזעגן, צעהאַקן און „כשר מאַכן״ פּאַ ווסיעם פּראַווילאַם, דער מײַסטער זאָל קיין פּגם אין אונדזער אַרבעט נישט געפינען. אַפילו אַלס אַ געזעלין האָב איך זיך ווייניק־וואָס אויסגעצייכנט. פאַקט! וואָס מער איך האָב זיך געפלײַסט, אַלץ אָפטער איז די זעג געבליבן שטעקן אַ פאַרקלעמטע אין קלאָץ, נישט אַהער און נישט אַהין, כאָטש שרײַ חי־וקים! און ריווע, נעבעך, האָט געמוזט טעסען אַ פלאָקן, אים אַרײַנקלאַפּן קעגן איבער און אויסלייזן דעם אינסטרומענט. וואָס זי האָט בשעת־מעשׂה געטראַכט בײַ זיך ווייס איך נישט, נאָר בײַ מיר האָט זי זיך געבעטן תחנונים: שטרענג זיך נישט אַן אַזוי שטאַרק, דריק נישט אויף דער זעג מיטן גאַנצן כּוח. לײַכטער פיר די זעג, לײַכטער. שיקט זיך אַז דו פאַרשטייסט נישט?

אַבי איך האָב געמיינט אַז צו האַלץ־האַקן און וואַסער־טראָגן דאַרף מען אין גאַנצן קיין שׂכל נישט האָבן!

אויך בײַם אויסלייגן דערנאָך דאָס אָנגעהאַקטע האָלץ אין שטאַבעלן האָט זי זיך בעסער פון מיר אויסגעטויגט, בין איך מוותּר געווען אויפן כּבוד, איר דערלאַנגט די שײַטלען גלײַך אין די הענט און זי, ווי אַ געניטער אינזשעניר, האָט אויפגעשטעלט דעם קובאַ־מעטער מיט קאָפּ, שפּאָרעוודיק, צו מאָל אַרײַנגעמאָסטיעט אויך אַ שטיק קאָרע, נאָר אַזוי קונציק אײַנגעדעקט דעם „פּגר״, דער

מײַסטער זאָל אַפּילו נישט דערלעבן אים צו באַמערקן. דאָ פּלעג איך אויך װעלן עפּעס צוגעבן פֿון מײַנע קענטענישן און, מעשׂה־גלח, מיט אַ צװײַגל אין דער האַנט, באַשװענצלט און אויסגעזונגען דערבײַ אויף אַ באַסאָװער אָקטאָװע דעם „גאַספּאַדי פּאָמילוי״. ריװוע האָט זיך געשטיקט פֿון געלעכטער. לאַכן אויף אַ קול האָט זי נישט געקענט.

נישט שטענדיק, אָבער, איז עס דערגאַנגען ביז שטיפֿערײַען. אָפּטער איז געװען פֿאַרקערט. װען אויף אונדזער שלימזל פּלעגט זיך טרעפֿן אַ סיקװאָטע בוים און דאָס האָלץ האָט זיך נישט גע־לאָזט שפּאַלטן, ס׳האָבן נישט געהאָלפֿן קיין שום קאָלונען אין דער װעלט, און דער פּראָסט, דער אַשמדאי, װאָס האָט זיך די אויגן אויסגעקוקט אויף אַזאַ שטיקעלע אַרבעט, האָט אָנגעהויבן אונדז לעקן מיט זײַנע אײַז־בריענדיקע צונגען, דעמאָלט זענען שוין קיין װיצן אין קאָפּ אַרײַן נישט געקראָכן. מיט פֿאַרגלייזטע אויגן האָב איך געקוקט אויף דעם בייז־װוּנדער אַרום זיך און פֿאַרשאָלטן דעם טאָג פֿונעם געבוירן. װען מיר אַרבעטן נישט אויף דער פּאָר, װאָלט איך געװיס אין אַזאַ פֿאַל נישט אויסגעהאַלטן ביזן סוף, אַ שפּײַ געטאָן אויף אַלעמען און באַצאָלט דערנאָך מסתּמא מיט אַ חלק פֿונעם ברויט. נאָר נישט בײַ ריװוען! זי האָט פֿאַרביסן די ליפּן, קיין װאָרט נישט אויסגערעדט, נישט געקוקט אַפּילו אין מײַן זײַט אַרײַן, נאָר עקשנותדיק געטאָן די אַרבעט און איך, פּאַר בושה, האָב שוין געמוזט איר נאָכהאַלטן, אַניט װאָלט זי איבער מיר געװען פֿאַרלוירן אויך איר ברויט. אַזוי איז געװען אָװעקגעשטעלט די אַרבעט בײַ האָלץ־זעגן. ריװועלע, מײַן האַרציקע נויט־חברטע! זי האָט קיין מאָל נישט געקלאָגט זיך אויף מיר, סײַדן אפשר דער מוטער אירער און אויך דאָס בסוד־סודות, װײַל חוץ אַלעמען האָבן מיר נאָך געװוינט צוזאַמען אין איין צימער — זי מיט איר מאַמען און איך מיט מײַן מאַמען. האָט זי געטערפּעט. געטערפּעט און זיך נאָך געגרויסט מיט אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט. אפשר װייסט איר װאָס!? אַהיים געגאַנגען זענען מיר מיט דער אויסגעטרע־טענער סטעזשקע — ריװוע פֿאָרויס, מיט דער האַק אײַנגעשטעקט

אין גאַרטל און מיט דער זעג איבערן אַקסל און איך הינטער איר, מיט אַ ברעם שפּענער אין די הענט און נאָר וואָס ס'האָט מיר נישט געדונעט פון דער נאָז. די מאַמעס, וואָס האָבן שוין פאַרזאָרגטע אַרויסגעקוקט אויף אונדז, האָבן אויך, יעדע אויף איר אופן, באַגעגנט זייערע ברויטגעבערינס, צוגענומען בײַ אונדז דאָס קלאָפּערגעצײַג, געהאָלפן אַראָפּשלעפּן די צוגעפרוירענע מלבושים און גלײַך דערלאַנגט צום טיש די שיסעלער מיט הייס געקעכטס.

— גוט זיך אָנגעהאָרעוועט, אָה?

— ווײ איז מיר פאַר דיר!

*

ווער־זשע איז געווען ריווע און ווי אַזוי בין איך געקומען צו איר? פון דער פראַגע אַליין איז צו פאַרשטיין אַז ריוועלע איז געווען אַ צוגעקומענע, נישט אונדזערע אַ זגוריצער. צונויפגעגאַנגען זענען מיר זיך גאַנץ צופעליק אין קיפּרושקאַ און געהאַלטן זיך שוין צוזאַמען אַ גוט שטיקל צײַט ביז מיר זענען זיך צו ביסלעך נמאס געוואָרן איינע דער אַנדערער און דעריבער נישט פּראָטעסטירט באַזונדערס ווען דער מײַסטער האָט אונדז אין אַ שיינעם טאָג איבערגעפירט און דווקא אויף צוויי פאַרשידענע אוטשאַסטקעס. נאָר דאָס איז געווען ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום. צום אָנהייב, אָבער, איז די אידיליע געווען אַ גרויסע און ריווע מיט דער מוטער, די מאַדאַם גלייזער, ווי אַלע האָבן זי גערופן, האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט אונדזערס, געזוכט זיך אײַנטינקען לעבן אונדז אין אַ ביסל ייִדישקייט און ווי ווײַט מיגלעך צודעקן די שפּיצן פון די פאַרגויישטע געוווינהײַטן. יאָ, זיי האָבן געשטאַמט פון אַ דאָרף, פון שור, אַ דאָרף לעבן דראָקיע און דעריבער דעם גאַנצן יסורים־וועג ביז סיביר דורכגעמאַכט אין אַ וואַגאָן צווישן סאַמע מאָלדאַוואַנער. אויף דער באַרזשע, אָבער, האָט די פלינקע מאַדאַם גלייזער געוואָרפן אַן אויג אויף דעם בינטל זגוריצער און בײַם אויסשטײַגן אויסגענוצט די בהלה, אַרײַנגערוקט עפּעס אין דער האַנט אַ פּאָר באַקענטע שקאָצים און זיי האָבן איר איבערגעטראָגן דעם גרויסן קאַסטן אין צווייטן ווינקל, צו די ייִדן. נאָכן קאַסטן

זענען זיי ביידע נאָכגעגאַנגען, אַנגעלאָדענע מיט פּעקלעך און מיט זעקלעך און מיט אַ סך ייִדישן טרויער אין די אויגן.

— אָפּגעלעבט דאָס לעבן צווישן גויים, האָט די מאַדאַם גלייזער פאַרכאַפּט די נעץ פאַר די פיש, ווייל איך דעם רעשט כאָטש דערשטיקעווען צווישן ייִדן.

בפירוש נישט שלעכט געזאָגט. איך ווייס נישט צי אַן אַנדערע וואָלט עס געוועזן קלוגער אויסגעדריקט כדי אין אַזאַ ענגעניש און דערשלאָגעניש צוציען צו זיך אויפמערקזאַמקייט און נאָך געווינען סימפּאַטיע ביי אייניקע, זיי זאָלן גרייט זיין זיך אָפּרופן, צונויפרוקן און באַפרייען אַ שטיקל פּלאַץ פאַר זיי.

— פון ווען אָן זענען זיי נומערירט די פּלעצער דאָ אין סיביר? האָט מיין מאַמע, ווי איר שטייגער איז געווען, זיך אָנגע־רופן מיט אַ מיין. איך האַלט אַז ס'וועט קלעקן פּלאַץ פאַר אַלעמען און צו די צוויי פרויען אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — מאַכט אייך באַקוועם און נעמט אייך אָן מיט געדולד ביז דער אייבערשטער וועט זיך דערמאָנען און אונדז אויסלייזן פון דעם געפענגעניש, במהרה, בימינו, אמן! אמן, האָט אין איין אָטעם נאָכגעזאָגט די מאַדאַם גלייזער און פאַרפעסטיקט דערמיט דעם „ברית" וואָס זי האָט געשלאָסן מיט די זגוריצער.

דערנאָך האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן, ווי אַ מענטש וואָס האָט געפּאַקט אַ גרויסע מציאה און קען זיך אַליין נישט אָנלויבן פאַר דעם גליק וואָס האָט אים געטראָפן. אַז גלייך אויפן אָרט האָט זי אונדז צווישן אַלע אויסגעטיילט און באַשלאָסן ביי זיך נישט אָפּטרעטן פון אונדז אויף אַ שפּאַן.

אַזוי איז אַנטשטאַנען אונדזער קענטשאַפט. מיר איז געווען אַלץ איינס און ריווע... ריווע איז בכלל אַרומגעגאַנגען ווי אַ נישט היגע און די מוטער, נעבעך, האָט געפּאַדעט אַרום איר, געזוכט מיט אַלע כוחות זי אַ ביסל צו דערמונטערן און דעריבער צופרידן געווען וואָס ס'האָט זיך איר כאָטש איינגעגעבן זי צונויפּספּוידען מיט אַ ליטישער קאָמפּאַניאָנקע.

וואָס־זשע איז געווען דער מער מיט דער ריווען? ס'איז

געווען... ס'איז געווען! ס'איז געווען אַ גרויסע טראַגעדיע. אַ טראַ־געדיע, וואָס אַ מיידל בײַ נײַנצן יאָר איז זייער שווער זיך צו ספּראַווען מיט איר. לאָזט זיך אויס אַז מיר האָבן וועגן דער דאָזי־קער געשיכטע געהערט עפּעס נאָך אין דראָקיע, אויף דער סטאַנציע, דעם ערשטן טאָג תּיכּף נאָכן אַרויסשיקן, ווען מ'האָט נאָך געהאַלטן בײַם „אויסזעצן" אונדז אין די וואַגאָנען, נישט לויט די „געקויפטע בילעטן", פאַרשטייט זיך, נאָר לויטן פּרינציפּ — ווער ווו ס'וועט פאַרכאַפּן פּלאַץ אויפן דיל. מיינט איר אַז מ'האָט זיך נישט גע־שטופּט?... זיך געשטופּט. כאָטש מ'האָט עס צום אָנהייב נאָך גע־פּרוווט פאַרשטעלן מיט אַ ביסל געמאַכטן דרך־ארץ פאַר די עלטערע און בכבודיקע בני־עיר. אַ מעת־לעת האָט געדויערט דאָס „שטיין" אין דראָקיע און צוגרייטן דעם עשאַלאָן אין וועג אַרײַן. דעמאָלט האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען, אַז אין איינעם פון די וואַגאָנען חלשט אַ מיידל אָן אויפהער, אַ כּלה, צוויי טעג פאַר דער חתונה. מענטשן האָבן נישט געוואָלט גלייבן — וואָס הייסט?

— דאָס וואָס איר הערט. דעם פאָריקן שבת איז געווען דאָס אויפרופעכץ און איבערמאָרגן האָט געזאָלט זײַן די חתונה. גאָר אַ רײַכע חתונה!! דעם זאָל מיט די כּלי־זמר שוין לאַנג באַשטעלט אין בעלץ און וואָבן אַז סאַרווערס האָבן דאָרט געהאַלטן אין איין באַקן און פּראַווען.

— ס'איז הימל עפּן זיך!

— סדום!... וואָס זאָג איך סדום? אין סדום האָט מען פאָרט נאָך געקענט זיך דינגען.

— זיי האָבן געדאַרפט אײַנלייגן וועלטן און זיך בײַ די באַנ־דיטן אָפּבעטן.

— בײַם מלאך־המות איז גוט זיך אָפּצובעטן! דער פאָטער איז נעבעך געפאַלן זיי צו די פיס, געבעטן ווי מ'בעט זיך בײַ גזלנים, זיי זאָלן דוחה זײַן דעם גזר אויף געציילטע דרײַ טעג, ער זאָל נאָך קענען פירן זײַן קינד צו דער חופּה און דערנאָך מעג מען שוין טאָן מיט אים וואָס מ'וויל, אַפילו דעם קאָפּ אָפּהאַקן. חופּה־שמופּה, דאָס איז זיי ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען, נאָר אָפּהאַקן

דעם קאָפּ!?... דאָס האָט שוין פאַרשמעקט מיט אַנטיסאָוועטשינע, זענען זיי געוואָרן ערשט מלא רציחה: — הער אויף מיט דײַנע בורזשויסקע שטיק, פאַר אַזעלכע רייד קומט טאַקע אין אַן אמתן דיך מאַכן קירצער מיט אַ קאָפּ, און זיי האָבן אָנגעהויבן שלײַדערן די זאַכן און אונטערטרײַבן דאַוואַי... דאַוואַי! דעם פאָטער האָט מען אַרויסגעטראָגן אויף אַ נאַסילקע.

דער מענטש איז שטאַרקער פון אײַזן!

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ערגעץ אויף אַ ווײַטער סטאַנציע האָב איך אַפילו געזען איין מאָל דאָס מיידל, נאָר כ׳האָב דעמאָלט נישט אָנגעהויבן וויסן אַז דאָס איז די „אומגליקלעכע כלה", וועגן וועלכער מ׳האָט דערציילט בײַ אונדז אין וואַגאָן. אין יענעם טאָג האָט מען אונדזער עשאַלאָן פאַרפירט אין אַ טופּיק, אַראָפּגענר־מען די אייזעדנע פרענטן פון די טירן און אונדז אַרויסגעלאָזט אין פרײַען פעלד אויף עטלעכע שעה. גאָט!! ווי מיר האָבן זיך געפרייט מיט דער פרישער לופט און מיט דעם שמעקעדיקן גראָז! ווײַבער האָבן צעלייגט פײַער אויף אימפּראָוויזירטע אייוועלעך פון צוויי־דרײַ שטיינער און עפּעס אָפּגעקאָכט אין די קעסעלער, מערסטן טייל הוילע וואַסער. איינע אַ פרוי האָט אָפּגעקאָכט אַן אמתדיק מאַמעליטשקעלע און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן זיך בײַ איר מיידל זי זאָל טועם זײַן כאָטש אַ פּענעצל. איך האָב צוגעקוקט די סצענע פון דער ווײַטנס, געשלונגען די סלינע און בשום אופן נישט געקענט זיך פאַרשטעלן די גרייסן פון דעם אומגליק, וואָס האָבן געקענט ברענגען אַ מענטשן אין אונדזערע אומשטענדן ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ הייס באַטעמט שטיקעלע מאַמעליגע.

גיי ווייס, אַז שפּעטער וועל איך מיט אָט דעם מיידל ווינען אין איין צימער, אַרבעטן צוזאַמען און טיילן מיט איר אונדזערע נישט איבעריק כיטרע און ווייניק־וואָס קאָמפּליצירטע מיידלשע סודות.

✶

די טרערן האָט ריווע, אַפּנים, אויסגעוויינט אַלע אין וועג,

אין סיביר האָט זי שוין געשוויגן. געאַרבעט און געשוויגן. נאָר אין די זונטיקן, אין די רו־טעג, פלעגט זי אַ מאָל עפענען דעם גרויסן קאַסטן, זיך אַנידערזעצן אויף אַ קליין בענקעלע און מיט האַרצרײַסנדיקער פּיעטעט אַרויסנעמען אײנציקווײַז, איבערקוקן און גלעטן מיט די פינגער אַלע מתּנות וואָס זי האָט באַקומען דרשה־געשאַנק צו די תּנאָים און טייל שוין אַפילו צו דער חתונה. וואָס איז דאָרט נישט געווען? זילבערנע לײַכטער, לעפל־גאָפּל, גע־שטיקטע טישטעכער, וואָזעס פאַרשידענע, שיין געפּעס. מער פון אַלעמען, אָבער, האָט זי זיך געשאָקלט איבער דער טאַץ. אַ קײַלעכ־דיקע טאַץ וועגן טאָרטן, אַ נאָווענע, נאָר־וואָס אַרײַן אין דער מאָדע. די טאַץ האָט געהאַט אַ זילבערן רעמעלע ווי אַ שיין שפּי־צעלע אַרום און אַרום, ווײַטער איז געגאַנגען אַ קרענצעלע בלומען און אין דער מיט... אין דער סאַמע מיט איז קונציק געווען אויס־געאַרבעט דאָס בילד פונעם גליקלעכן פּאָרל — ריווע מיטן חתן, קאָפּ־צו־קאָפּ. וויפל מאָל זי פלעגט צוקומען צו דער דאָזיקער טאַץ, פלעגט שוין די מוטער שטיין גרייט מיט אַ נאַסן האַנטעך וועגן אַ קאָמפּרעס.

צום אָנהייב האָט זי בײַ מיר אַרויסגערופן גרויס מיטלייד. איך האָב געקוקט ווי ס׳ציטערט איר די אייבערשטע געשוואָלענע ליפּ און ס׳האָט מיר בפירוש ווײ געטאָן דאָס האַרץ פאַר איר. דערנאָך האָב איך זיך צוגעוווינט און ווען כ׳פלעג זען די מאַדאַם גלייזער לויפן מיטן האַנטעך, פלעג איך זיך געבן אַ דריי אויס אויפן גע־לעגער, מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך פאַרטיפט אין לייענען דאָס געאָגראַפיע־ביכל, דאָס איינציקע וואָס כ׳האָב געפונען אויפן אוטשאַסטאָק און פון וועלכן כ׳האָב זיך געלערנט די רוסישע שפּראַך. שפּעטער האָבן מיר די סצענעס, בײַם אָפענעם קאַסטן, שוין אָנגעהויבן אַ ביסל גיין אויף די נערוון, ביז אין איינעם אַ זונטיק, ווען דער פּראָסט אין דרויסן האָט געאַרבעט מופתים, אַז מ׳האָט אַזש אַרײַנגעהערט אין שטוב אַרײַן דאָס טרעשטשען פון דער קאָרע אויף די בײַמער און אויפן האַרצן איז געווען ביטער וואָס ביטער הייסט, ווײַל חוץ אַלעמען האָט מיר נאָך געריסן אַ

גרויסער טשיריק אויף דער פּלייצע, פון די טשיריקעס וואָס מ׳רופט זיי „קאַרבונקול״ און וואָס ציין־ווייטיק איז אַ הונט אַנטקעגן זיי, ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין שום פּלאַסטערלעך, וואַרעמע קנייט־לער און אַפילו נישט מײַן מאַמעס ווייכע הענט, וואָס האָבן מיך געהאַלטן אין איין גלעטן און אײַנשטילן, דעמאָלט האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און זיך אָפּגעריסן, אפשר טאַקע מערער ווי מ׳האָט געדאַרפט.

— זאָג מיר נאָר, ריווע, וואָס האָסטו אַזוי געפּועלט בײַ זיך? נאָר דו איינע האָסט פאַרלוירן, נאָר דו איינע ביסט אומגליקלעך, האָב איך געציילט די ווערטער און מעטאַל האָט געקלונגען אין מײַן שטימע. לויט דיר קומט אויס אַז מיר, די איבעריקע, האָבן גאָרנישט אָנגעוווירן, גאָרנישט פאַרמאָגט און גאָרנישט איבער־געלאָזט. נישט ווייניקער פון דיר, ריווע, מעגסט מיר הייליק גלייבן.

ריווע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ מינע, גלײַך ווי זי האָט געוואָלט זיך איבערצײַגן צי האָב איך דאָס טאַקע אין אַן אמתן געזאָגט, צי האָט זיך איר אַ מאָל נישט בלויז אויסגעוויזן, אויף גיך צוריק אַרײַנגעלייגט די זאַכן און מיט אַ טראַך אַראָפּגעלאָזט די דעק פון קאַסטן.

אַ שוואַרצע קאַץ איז צווישן אונדז דורכגעלאָפן. אומזיסט האָב איך געפּרוווט דערנאָך געבן אויף צוריק, איך האָב זיך נאָר ערגער פאַרפּלאָנטערט.

✶

ריווע איז געווען אַ מאָדנע מיידל. נישט, חלילה, קיין פּריקרע, נאָר... הײַנט וואָלט מען עס אָנגערופן — אַ מענטש מיט קאָמפּ־לעקסן. איך האַלט אַז די צרה בײַ איר איז באַשטאַנען דווקא אין דעם וואָס זי איז געווען אַ קלוגע, אַפילו אַ צו קלוגע. זי איז געווען ווי מ׳זאָגט, אַ געזונטער מבין אויף אַלעמען און צום אַלעם ערשטן אויף זיך אַליין. נישט איין מאָל פלעגט זי מיר, צום בײַשפּיל, זאָגן: וואָס פאַרגלײַכסטו מיך צו דיר? איך בין אַ פּשוט דאָרפס־מיידל, קען גוט אָפּטינקעווען און אָפּקאַלכן אַ וואַנט, אַזוי אַז ס׳זאָלן קיין שום שפּורן פון דער באַרשט נישט בלײַבן, נאָר אָנשרײַבן אַ

לײַטיש בריוול מײַן חתן פלעגט מיר דערפֿאַר אָנקומען מיט גרויס גרימעניש. צען מאָל האָב איך געדאַרפֿט עס איבערשרײַבן און געשוויצט דערבײַ ווי אַ ביבער. נאָר דאָס? נעם אַפֿילו דעם „ייִדיש", וואָס דו רעדסט צו מיר... דאַכט זיך ייִדיש, נישט גאָט ווייסט וואָס פֿאַר אַ שפּראַך, נו... מיינסטו אַז איך פֿאַרשטיי שטענדיק וואָס דו זאָגסט?

— אַי, ריווע, האָב איך זיך צו איר אָנגערופֿן, מאַך נישט אַזוי שטאַרק דעם קנייטש אין דער יאַרמלקע.

— אָט, אָט! טאַקע דאָס מײַן איך. פֿריטשאָם טוט די יאַרמלקע און פֿאַרוואָס טאָר איך נישט מאַכן אַ קנייטש אין איר?

טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן, אַזוי האָב איך זיך געטרעסעט פֿון געלעכטער. קוקנדיק אויף מיר האָט ריוועלע אויך אָנגעהויבן זיך שטיקן, ווי איר טבע איז געווען, און צוגע־דעקט דאָס מויל מיט דער לאַדאָניע.

צי, אַ שטייגער, אַן אַנדער מאָל — כּטוב לבנו, נאָך צוויי אָפּגעבראָטענע קאַרטאָפֿליעס אויף דעם פּריסיק פֿון דעם שײַטערל, וואָס ריווע איז געווען איין ספּעציאַליסטקע אין דער וועלט עס אָנצוצינדן, דער שניי האָט געמעגט זײַן ביז די קני‍ִעס, און ווײַל דאָס גאַנצע האָלץ איז שוין געווען בײַ אונדז צעזעגט און צעהאַקט, מחמת ס'האָט אונדז אין יענעם טאָג צוגעגליקט אַ בוים — אַ „פּוטער" און ס'איז אונדז געבליבן אַ נאַרישקייט — נאָר צונויפֿשטעלן דעם שטאַבעל, האָבן מיר זיך געלאָזט אַ ביסל וווילגיין און בײַ ריווען האָט זיך פּלוצעם צעבונדן די צונג, געוואָלט ,אַפּנים, זיך אַראָפּריידן פֿונעם האַרצן.

— איין גאָט ווייסט צי מײַן וואָלאָדיע (דער חתן אירער) לעבט נאָך און אויב ער וועט אַפֿילו בלײַבן לעבן, צי וועט ער נאָך וועלן מיך אָפּזוכן און מיט מיר חתונה האָבן.

— וואָס רעדסטו, ריווע? איר האָט דאָך מסתּמא ליב געהאַט אײנער דעם צווייטן, ווי באַלד איר האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן?

— ליב געהאַט! אַוודאי האָב איך אים ליב געהאַט. איך ווער

ביז הײַנט פֿאַרברענט נאָך אים פֿון ליבשאַפֿט. אין די נעכט, ווען איך קען נישט אײַנשלאָפֿן, פֿיל איך אַז איך גיי אַראָפּ פֿון זינען פֿון גרויס בענקשאַפֿט. די פֿראַגע איז, אָבער, נישט אין מיר, די פֿראַגע איז אין אים. דו ווייסט נישט וואָס פֿאַר אַ קראַסאַוועץ וואָלאָדיע איז — אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, מיט צוויי ברענענדיקע אויגן און מיט אַ קאָפּ האָר... האָסט דאָך געזען אים אויפֿן בילד.

— דו ביסט אויך נישט קיין שפּעטנע מיידל.

— אָט דאָס איז טאַקע דער אומגליק: איך דאַרף הייסן נישט קיין מיאוסע, נישט קיין נאַר, נישט קיין פֿוילע, נישט קיין שלעכטע און ווי נאָך האָסטו נאָר־וואָס געזאָגט? נישט קיין שפּעטנע מיידל. איז צו די אַלע „נישטיקע״ מעלות מײַנע זייער גוט געווען דער גרויסער נדן, וואָס מײַן טאַטע האָט צוגעזאָגט. הײַנט, אָבער, ווען סײַ דאָס צוגעזאָגטע און סײַ דאָס געסילוקטע האָבן שוין דערוווערט אַ זעץ אין דר׳ערד, איז שטעל זיך שוין פֿאָר ווי גרויס מײַנע שאַנסן זענען ער זאָל נאָך וועלן אַ מאָל קומען צו מיר. נאָר... זעסט דאָס שײַטערל? צו ביסלעך, צו ביסלעך ברענט איבער דאָס פֿײַער און ס׳וועט יאַקאַש פֿאַרלאָשן ווערן. ערגער איז מיר ווען איך דערמאָן זיך אין מײַן טאַטן, אין מײַן קלוגן, ענערגישן און בכּבודיקן טאַטן, ווי ער האָט זיך געוואַלגערט זיי צו די פֿיס און דאָס אַלץ צוליב מיר, נאָר צוליב מיר! וויי, מ׳קען משוגע ווערן.

נעם איך... ווען זי האָט פֿאַרטרויעט די סאַמע הייליקסטע סודות אירע, די איינציקע פֿאַר וועמען זי האָט געעפֿנט, אַזוי צו זאָגן ,דאָס האַרץ׳ און טרעט איר אָן אַזוי גראָב אויף דער סאַמע אָנגעווייטיקסטער ווונד אירער. איך האָב עס מיר נישט געקענט מוחל זײַן. פֿראַוודעם, זי האָט מיר אויך נישט מוחל געווען. אויף מוחל צו זײַן האָט זי געדאַרפֿט זײַן אַ מלאך, אָדער לכל הפּחות מײַן מאַמע, וואָס פֿלעגט מיר שטענדיק געפֿינען אַ זכות ווען כ׳פֿלעג איר אַ מאָל פּוגע בכּבוד זײַן. נאָר ריווע איז נישט געווען מײַן מאַמע און נישט מײַן שוועסטער און אויך ווײַט נישט קיין מלאך, האָט זי נישט געוואָלט זיך רעכענען מיט מײַנע ווייטיקן און זייער שווער אויפֿגענומען דעם פּאַטש, ווי זי האָט מיר אַ מאָל געזאָגט,

וואָס כ׳האָב איר דערלאַנגט גלײַך אין פּנים אַרײַן. זי איז געווען זייער אַנטוישט, אַפּנים זי האָט זייער געגלייבט אין מיר. אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָב איך זיך פֿון דעסטוועגן ווידער אַנגענומען אַ מאָל מיט האַרץ און ווידער אַ מאָל געפּרוווט זי איבערבעטן — נו, ריווע, געווען, זאָל שוין זײַן גענוג. מיין נישט אַז איך לײַד ווייניק פֿון דעם. נישט אַלץ קען מען אַרויסזאָגן. אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופֿר נישט בלאָזן.

— לאָז מיך שוין צו רו מיט דײַן לשון־קודש, האָט זי בייז אַ קוק געטאָן צו מיר.

— ס׳איז אַזוי לשון־קודש ווי איך בין אַ רביצין.

מיט דעם האָט זיך אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט פֿאַרענדיקט.

✶

אין יאָרן אַרום, כ׳האָב מורא צו זאָגן — אין צוואַנציק יאָר אַרום און אפשר אַפֿילו מערער, האָבן מיר זיך נאָך איין און איינציק מאָל באַגעגנט. דאָס איז געווען שוין אין קעשענעוו, וווּהין זי איז געקומען מיט איר מאַן צו גאַסט פֿון סאַמאַרקאַנד, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט נאָכן באַפֿרײַען זיך. ניין, נישט מיט וואָלאָדיען. זי האָט חתונה געהאַט, נאָך איר מאַמעס טויט, טאַקע פֿאַר אונדזערן אַ זגוריצער, אויך, פֿאַרשטייט זיך, אַן אַרויסגעשיקטער און דאָס זענען זיי טאַקע געקומען צו זײַנע פֿרײַנד מיט אַ באַזוך. בײַ דער געלעגנהײַט האָט זי מיר אויך אָפּגעשטעקט אַ וויזיט. מיר זענען שוין ביידע געווען גוט אַריבער די פֿערציקער יאָרן, מיט אַ היפּש ביסל זילבער אין די האָר און מיט אַ דין סעטקעלע קנייטשן בײַ די אויגן. די באַגעגעניש איז געווען זייער אַ האַרציקע, געוויינט און געלאַכט ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע פֿאַלן. פֿאַרן אַוועקגיין האָט זי מיך פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן: נו, אַלץ ווי איך זע, איז גוט און פֿײַן, נאָר וואָס הערט זיך בײַ דיר מכּוח עפּעס אַנדערש?

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן, ריווע?

— איך מיין... האָט זי זיך אַ ביסל ווי געקווענקלט, איך מיין... וואָס הערט זיך בײַ דיר אַ חוץ משפּחה, פּרנסה וכּדומה

אַנדערע אַזעלכע געוויינטלעכע זאַכן? איך מיין, האָט זי מיט אַ מאָל באַקומען „לשון‟, ווי האַלט עס ביַי דיר מיט שריַיבן, מיט דרוקן זיך? אויב דער זכּרון פירט מיך נישט אונטער האָסטו אַמאָל געחלומט וועגן עפּעס העכערס, פאַרמאָסטן זיך אויף גרעסערס, געשניטן זיך אויף עפּעס מערערס, ניין?

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר מיט דעם זעלבן בליק, וואָס זי האָט מיך אַ מאָל אָנגעקוקט ביַים אָפענעם קאָסטן, גליַיך ווי כ׳האָב געוואָלט זיך איבערציַיגן צי האָט דאָס אַלץ טאַקע די שטילע ריווע מיר געזאָגט, אָדער אפשר האָט זיך עס מיר בלויז אויסגעוויזן. ריווע האָט איבערגעכאַפּט מיַין בליק, אַ דינעם שמייכל געטאָן, אויף גיך זיך געזעגנט און, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַ צופרידענע פאַרלאָזט מיַין ווינונג.

# די גאַנטשאַרנע

דאָס ערשטע קאַוואַלעקל ליים האָט רעכט נישט באַוויזן אָנ־צורירן דעם סטאַנאָק, זיך אַ דריי געטאָן ווי אַ דריידל און מיט אַ ווזש...זש...זש... אַוועק און אַנטרינען געוואָרן ערגעץ צווישן די אויסגעבויגענע פאַרקאַפּטשעטע ווענט פון דער טעפּעריי. דאָס צווייטע, ווידער, האָט שוין מער שׂכל געהאַט און זיך אַ שליאַפּקע געטאָן גלײַך אין דער קופּע ליים, ווו ס׳האָט זיך געדרייט מיט זײַנע לאַנגע באָרוועסע פיס דער גלאַזונער ליים־טרעטער מוכין, און פון לאַנגווײַליקייט צוגעטראַכט פאַרשידענע קאָמישע „פּירועטן״, וואָס האָבן זיך זייער שיין געפּאַסט צו זײַנע ביז די קני־ען פאַר־קאַטשעטע הויזן. מוכין איז געבליבן שטיין, געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז זייער איבערראַשט, צוגעטראָגן צוויי פינגער צום דאַשיק און העפלעך זיך פאַרנייגט פאַר דער מיסטעריעזער פאַרערערין, וואָס האָט אים גראַטולירט מיט אַ פּאַרטיק אויסגעקנעטן קלומפּיקל ליים. דאָס דריטע קאַוואַלעקל האָב איך שוין דערכאַפּט בײַם סאַמע ראַנד און מיט כּוח פאַרהאַלטן בײַ זיך אין פּאַדעליק.

דעמאָלט האָט דער מײַסטער אויסגעשפּיגן דאָס שפּיצל פון דער באַנקרוטקע, וואָס האָט אים שוין געבריט די ליפּן, עס גוט צעטרעטן מיטן אָפּצאַס, אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט איבערן סעראַטענעם פאַרטעך און מיט אַ סאָלידן שפּאַן צוגעקומען נאָענט:

— גיב זיך נאָר אַ רוק. איך האָב זיך אויפגעהויבן און אים אָפּ־געטרעטן דאָס פּלאַץ בײַם סטאַנאָק.

— קאָאָרדינאַציע! געהערט אַ מאָל אַזעלעכס אין דײַן לעבן?

קאָ־אָר־די־נאַ־ציע!! האָט ער צעצויגן מיט וואַזשנעקייט דאָס וואָרט.

איך האָב שיער נישט אויסגעזעצט אין אַ געלעכטער, אַזוי האָט מיר דער אַקצענטירטער וויסנשאַפטלעכער אויסדרוק געקלונ־גען קאָמיש צווישן די ווענט פון דער קאָליבע, אין מויל פון דעם „אַפּאָסטאָל פּאַוועל״, ווי מיר האָבן אים גערופן הינטער די אויגן

צוליב זײַנע לאַנגע פּאָפּעשויִענע האָר, וואָס האָבן אים אַראָפּגע־האַנגען ביז די אַקסלען און צוליב דעם געלן שיטערן בערדל, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ הייליקן. ער האָט געוווּסט, אַז שטילערהייט לאַכט מען פון אים, נאָר זיך קיין צימעס נישט געמאַכט, געוועזן שטאָלץ בײַ זיך.

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן מיטן געזעס אויפן שטול, ווי גע־וואָלט זיך גוט צופּעסטיקן צום פּלאַץ, גיך אײַנגענעצט די הענט אין דער שיסל וואַסער, ווי אַ קונצנמאַכער אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיקל ליים פון דער פאַנירענער טאַץ און איידער וואָס און ווען איז שוין דאָס טעפּעלע געשטאַנען ווי אַ ליאַלקעלע, פאַרטיק צום אַראָפּנעמען.

— דאָס איז די גאַנצע „תּורה״. פאַרשטאַנען? ווי זאָגט מען בײַ אונדז? — נישט די געטער זענען די אמתע טעפּער! ביי „אונדזער פאַך״, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, איז דער עיקר קאָאָרדינאַציע, אַניט וועלן דיר אַלע „פייגעלער״ אַרויס־פליען פון די הענט, נאָך איידער וועסט באַוויַיזן דאָס מויל צו פאַרמאַכן.

דאָ האָט ער ווידער אײַנגעגעצט די הענט, גענומען אַ נײַ שטיקל ליים און, שוין אָן קונצן, מיר געוויזן: — גיסט אַ דריי דעם אונטערשטן ראָד מיטן פוס און אין דער זעלבער צײַט, איך שטרייך אונטער, אין דער זעלבער צײַט אַרבעסטו שוין מיט די הענט. אָט דאָס הייסט קאָאָרדינאַציע! זעץ אַוועק דעם חומר אין סאַמע מיט פונעם סטאַנאָק, נאָר אַזוי ער זאָל זיך צוקלעבן און נישט זיך טע־לעבענדען ווי אַ שיכּור, כאַפּ אים גיך אַרום מיטביידע לאַדאָניעס און קײַלעכיק אים אויס מיט ליבשאַפט, מיט געפיל, און דערנאָך ערשט, ווען דו פילסט אים שוין פעסט אין דײַנע הענט, איז מיטן גראָבן פינגער אין סאַמע האַרץ אַרײַן, אַזוי... אַזוי, נישט מורא האָבן, דרײַסטער, פלינקער און מיט די איבעריקע פינגער פון דרויסן, גלעט אים און צערטל אים און צי אים, אין דער זעלבער צײַט, אָן רחמנות. ער וועט זיך דיר נאָכגעבן ווי אַ פאַרליבטער נאַר.

קיין סך האָט ער מיך נישט געדאַרפט לערנען, אויפן אַנדערן טאָג האָב איך שוין געדרייט די טעפּעלער, אַז ס'איז געגאַנגען אַ רויך. אַלע פּאָר שעה צוגעטראָגן צום ברען־אויוון אַ ברעט מיט דרײַסיק בעכערס, אויסגעשטעלטע ווי די סאָלדאָטן אין צוויי ראָדן און געשטעמפּלטע מיט מײַן „פּערזענלעכן" נומער 3, געכאַפּט פונעם דיאַדיאַ וואַניאַ, דעם הויפּט־גאַנטשאַר, אַ שמייכל מיטן „מאַלאָדיעץ־דיעווקאַ", גענומען אַ נײַע ברעט און געלאָפן צוריק צום סטאַנאָק. די משוגענע קאַטשאַרוואַ איז שיער נישט צעפּיקעט געוואָרן פון קנאה. זי האָט בכלל נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עמעצער קאָן זי איבעריאָגן בײַ וועלכער ס'איז אַרבעט און צונעמען בײַ איר, מ'שטיינס געזאָגט, די לויב־ווערטער און דעם טיטול „סטאַכאַנאָווקע". אַז מ'שמועסט אַ צעדרייטע! פּאָר ווייטיק האָט זי פאַרגעסן זיך אָפּוואַשן די הענט און גלײַך מיטן ליים זיך אַ וויש געטאָן די נאָז. איך האָב זיך צעלאַכט אויף אַ קול.

✶

די גאַנטשאַרנע האָט זיך געפונען אַ 5־6 קילאָמעטער פון אונדזער אוטשאַסטאַק און פונקציאָנירט האָט זי נאָר ווינטער, ווען די אַרבעטן בײַ דער זשיוויצע זענען געווען אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען... לאָמיר עס אָנרופן אַ מין קוסטאַרנע „פאַבריקל" מיט אַ שמאָלער ספּעציאַליטעט. זי האָט פאַרזאָרגט דעם „בימלעסכאָז" מיט טעפּעלעך אין וועלכע מ'האָט צונויפגענומען די זשיוויצע, דעם סאָק פון די סאָסנע־ביימער, וואָס פלעגט קאַפּען און פליסן אין שמאָלע רינטשיקלעך, אויסגעשניטענע מיט ספּעציעלע מעסערס־„סטאַמעסקעס", לויט באַשטימטע טעכנאָלאָגישע כּללים. דאָס טע־פּעלע איז געווען די גרייס פון אַ טיי־גלאָז, נאָר אין פאָרם פון אַ קאָנוס — אויבן ברייטער, אונטן שמעלער, מיט אַ פעסט דעניקל, מ'זאָל עס קאָנען צופעסטיקן מיט דרײַ הילצערנע טשוועקעס צום בוים, אַקוראַט אונטערן אויסגעשניטענעם צענטראַלן זשאָלוב. אין משך פונעם טאָג פלעגט זיך דאָס טעפּעלע אָנפילן מיט דעם פלי־סעכץ, וואָס איז אויפן אָרט געדיכט געוואָרן ווי האָניק און פרויען „סבאָרשטשיצעס" זענען אַרומגעגאַנגען מיט אויסגעקײַלעכדיקטע

לאַפּעטקעלער און אויסגערייניקט די זשיוויצע צו זיך אין די עמערס. אַ גוט טעפּעלע פּלעגט אויסהאַלטן אַ סעזאָן. ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, האָבן זיי געפּיקעט פון קעלט און צע־טרעשטשעט געוואָרן. מ׳זאָל זיי געווען באַצײַטנס אַראָפּנעמען... נאָר אַזעלכע זאַכן זענען נישט אָנגענומען געווען בײַ די סאָוועטן, ובפרט אַז דאָס אויסאַרבעטן טעפּעלער האָט אויך געהאַט, ברוך־השם, זײַן באַזונדערן פּלאַן, וועלכן מ׳האָט אויך געדאַרפט אויספּילן, צו וואָס, אויב אַזוי, זיך פּאַטשקען מיט די אַלטע כּלים? גלײַכער „אָפּשרײַבן״ און פּטור אַן עסק. דאָס רעדל האָט זיך סײַ ווי סײַ געדרייט.

מיר איז די גאַנטשאַרנע אונטערגעקומען דווקא נישט שלעכט. ס׳האָט מיר נישט געאַרט דאָס וויִקן דאָרט אין ליים, וואָס האָט דערמאָנט אַ ביסל דעם „עבדים היינו לפּרעה במצרים״ און צו די ריחות האָבן מיר זיך אויך צוגעוווינט, נאָר אַלץ בעסער געווען ווי אַרבעטן אויפן פּראָסט בײַ וואַליען בײַמער. דאָ איז געווען מחיה־וואַרעם, דער אויוון האָט געפּלאַמט בײַטאָג און בײַנאַכט און קיינעם האָט נישט געשטערט די „בלינדע״ שײַן, וואָס פּלעגט זיך קוים אַרײַנזיפּן דורך די פאַרקאָוועטע פענצטערלעך. קיין ספרים האָט מען דאָרט נישט געשריבן, מ׳האָט געדרייט טעפּלעך.

מײַנט נישט אַז אַלע האָבן געדרייט טעפּלער. בײַ דעם דאָזיקן „פּראָצעס״, ווי דער „אַפּאָסטאָל פּאַוועל״ פּלעגט עס אָנרופן, האָבן געאַרבעט די „אויסדערוויילטע״, אויסשליסלעך פּרויען, „פּאָר־מאָוושטשיצעס״, דער איבעריקער „פּערסאָנאַל״ האָט באַדינט און צוגעגרייט דאָס ליים צום וואַרשטאַט, אָדער דאָס האָלץ צום אויוון. מיט דעם גאַנצן פּוסטן אָנשטעל, וואָס דער „דירעקטאָר״ פון דער גאַנטשאַרנע האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַרום זײַנע אײַנ־געטונקענע אין ליים „קראַסאַוויצעס״, האָבן מיר גוט געוווסט, אַז אַן די צוהעלפערס זענען מיר אַליין נישט ווערט קיין שמעק טאַבעקע, באַזונדערס אַן מוכינען און אַן דעם דיאַדיאַ וואַניאַ. מוכין האָט געטרעטן דאָס ליים און דערנאָך ערשט אויף אַ ברעט עס געשניטן מיט אַ דראָטל, אַ צוגעבונדנס צו צוויי הילצערנע

העטנלער, געשניטן און געקנעטן, געקנעטן און געשניטן אין אַלע ריכטונגען, כּדי אַרויסצונעמען ווי אַ שטרויעלע, ווי אַ פעדעמל, דאָס לײם זאָל ווערן ווי פּוטער, גילטיק צום טעפּערס הענט. דעמאָלט ערשט פלעגט ער עס אויסקאַטשען אין לאַנגע וואַליקעס און מיט דעם זעלבן דראָט אויסשנײַדן אין דער ברייט אַלצאיינע בולקע־לער, אַ בולקעלע — אַ טעפּעלע.

דער דיאַדיא וואַניאַ, ווידער, איז געווען דער פאַראַנטוואָרט־לעכער בײַם אויוון, די לעצטע, אַזוי צו זאָגן, און דעצידירנדיקע טייל פון דער אַרבעט. ער האָט קיין מאָל קיינעם נישט צוגעלאָזט אים צו פאַרבײַטן, קיינעם נישט געטרויעט. נאָר ער איינער, האָט ער געהאַלטן, ווייסט די דינים פון דערפירן דעם אויוון צו דער געהעריקער טעמפּעראַטור, די טעפּעלער זאָלן קענען אויסהאַלטן די היץ און נישט צעפּאַלן זיך אויף שערבלעך. מיר האָבן אַלע געהאַלטן פון דעם דיאַדיאַ וואַניאַ, באַזונדערס ווײַל ער איז געווען פון אונדזער אוטשאַסטאָק און, כאָטש בטבע אַ קליינער בעל־דרשן און בכלל אַ פאַרמאַכטער אין זיך, האָט ער אונדז, אָבער, אַלע געקענט, אונדז און אונדזער „גלענצנדן" מצב. ער אַליין איז געווען פון די „ותיקים", ווי מיר וואָלטן אים הײַנט אָנגערופן, פון די ערשטע אַרויסגעשיקטע פון אוקראַינע, בײַ דער באַוווסטער „ראָס־קולאַטשיוואַניע", אין די אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, און אַזוי שוין פאַרבליבן דאָ אין וואַלד, געקומען, אַז אָך און וויי, צו אַ שטיקל נחלה און נישט געוואָלט אַפילו הערן פון צעברעכן זיך ווידער אַ מאָל און אָנהייבן „זוכן גליקן" אויף אַ נײַ אָרט. די קינדער זײַנע, פלעגט ער זאָגן, זאָלן טאָן וואָס זיי ווילן, זיי זענען שוין גענוג גרויסע, ער וועט זיי נישט שטערן און במילא וועלן זיי בײַ אים קיין עצות נישט בעטן, נאָר ער... אַ שיינעם דאַנק, זאָט ביזן גאָרגל און געוויזן מיטן פינגער אונטער דער גאָמבע, ער וועט שוין דאָ בלײַבן. דאָ זעט ער לכל־הפּחות נישט קיין הויכע נאַטשאַלסטווע פאַר די אויגן, איז אָפּגעהיט פון מוסרים און צוטראָגערס. דאָ קען ער כאָטש שלאָפן רויִק אין די נעכט, נישט מורא האָבן אַז מ'קען אים נאָך ערגעץ פאַרשיקן.

וועגן מוכינען האָבן מיר, דערפאַר, גאָרנישט נישט געוווּסט. און באַטש אין דער טײַגע איז נישט אַנגענומען זיך גריבלען איינער אין צווייטנס פאַרגאַנגענהייט, האָט פּאָרט אַרויסגערופן נײַגעריקייט דער לאַנגער שווייגעץ, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַנטשאַרנע אין סאַמע אָנהייב סעזאָן און קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער איז געקומען, פון וועלכן אוטשאַסטאַק אָדער פון וואָס פאַר אַ דאָרף. ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. אייביק געשוויגן, דאָס היטל טיף אַריבערגעצויגן איבערן שטערן, געוואָלט אַפּנים מ׳זאָל אים וואָס ווייניקער זען, ווייניקער פילן זײַן אָנוועזנהייט. מיט וועמען ער פלעגט יאָ אַ מאָל איבערבײַטן אַ פּאָר ווערטער, איז עס געווען דער „אַפּאַסטאָל פּאַוועל“, נאָר יענער אַליין איז געווען אַן עניגמע, אַ שווערע נוס צום צעקנאַקן. איך, צום בײַשפּיל, האָב ביזן סוף נישט פאַרשטאַנען צי ער איז אַן „אינטעליגענט“ וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פּראָסטאַק, אָדער להיפּך, אַן עם־הארץ, וואָס וויל שפּילן די ראָלע פון אַן אינטעליגענט. ער האָט נישט ליב געהאַט מ׳זאָל אים נעמען אויף דער העצקע, אַליין אַ בעלן געווען יענעם צו לערנען און יענעם צו פאַרהערן און בכלל בײַ יעדער געלעגנהייט אונטערצושטרײַכן זײַן פּריאָריטעט.

מוכין, האָבן מיר געוווּסט, האָט חוץ דער אַרבעט בײַם ליים, געגנעבטיקט אויך אין דער גאַנטשאַרנע אויפן באַשטאַנד, אַזוי צו זאָגן, פון אַ שומר. דאָרטן, הייסט עס, האָט ער זיך געפונען סײַ בײַטאָג, סײַ בײַנאַכט, קיין מאָל אין ערגעץ נישט געגאַנגען און קיינער איז צו אים נישט געקומען. האָבן „פּוסטע צונגען“, פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן פּלאַפּלען אַז מוכין איז געוויס אַ קאַטאָרזשניק, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ לאַגער און וויל דאָ אין וואַלד, צווישן די אַרויסגעשיקטע, זיך אויסבאַהאַלטן און איבערשטופּן דעם ווינטער. טאָמער ווייניק, איז אַרויס אַ קלאַנג אַז ער עסט הונט־פלייש, געהרגעט אַ הונט, אים אָפּגעשונדן און זיך געמאַכט פּוישטן אויף די פּיס און דאָס פלייש באַהאַלטן אין שניי. אַלע נאַכט, ווען די גאַנטשאַרנע איז ליידיק פון מענטשן, קאָכט ער זיך צו שטיקלעך פלייש. ווער ס׳האָט אויסגעשפּיגן פון עקל און ווער ס׳האָט אים געפונען

אַ זכות: — וואָס דען זאָל ער טאָן, אַז ער קאָן זיך פּאַרט נישט באַגעניגן מיט דער „קאַלאַפּוציע", מיט וועלכער מ'האָדעוועט אונדז דאָ? און אַז אַפילו, לאָמיר זאָגן, דער „אַפּאָסטאָל פּאַוועל" ברענגט אים אַ מאָל עטלעכע קאַרטאָפליעס אָדער טורנעפּסן, איז עס אַן עסן פאַר אַ יונגן מאַן וואָס אַרבעט בײַ גראָבן און טרעטן ליים? ער האָט, ווײַזט אויס, געפילט אַז מ'שושקעט זיך וועגן אים, האָט ער נאָך נידעריקער אַראָפּגעצויגן דאָס היטל און בכלל מיט קיינעם קיין געשפּרעכן נישט פאַרפירט.

די ערשטע וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אים און מיט דעם שמאָלן נעזל מיט אירן אָנגעהויבן שמעקן די לופט ווי אַ שפּירהונט, איז געווען די קאַטשאָרווע. פון איר שאַרף אויג איז נישט אַזוי פשוט געווען זיך אויסצודרייען, און ווײַל אירע „אייגענע געשעפטן", אַזוי צו זאָגן, זענען געווען אין „בעסטן אָרדענונג", האָט זי שטענדיק נאָר געזאָרגט און געוואָלט וויסן וואָס בײַ יענעם קאָכט זיך.

די קאַטשאָרווע, דאָס איז געווען איין עקזעמפּליאַר אין דער וועלט. זי האָט געשטאַמט פון באַקסאָן, אַ דאָרף נישט ווײַט פון זגוריצע און געווען דאָרט לערערין אין דער שולע, ווו איר מאַן איז געווען דער דירעקטאָר. זי איז געווען אויף אונדזער אוטשאַס־טאָק, מיר דאַכט, די איינציקע פרוי, וואָס האָט געהאַט דעם מאַן נעבן זיך. פאַרוואָס? ווײַל בײַם אָפּטיילן די מענער האָט גריגאָרי קאַטשאָרווע, דער מאַן אירער, זיך דווקא נישט געשעמט און אָנ־געגעבן זײַן אַלטן פאָטער, וואָס איז מיט זיי געווען צוזאַמען, אַלס ראש־המשפחה. האָט מען דעם אַלטן פאַרנומען און אים, דעם יונגן און געזונטן, געלאָזט מיטן ווײַב. ער האָט, אָבער, דעם אמת געזאָגט, קיין האָניק בײַ זײַן לושענקאַ נישט געלעקט. זי האָט אים גוט אויסגעריסן. חוץ דעם האָט ער שרעקלעך געליטן פון הונגער. אַ בעל־גוף, אַלע יאָרן, אַפּנים אַ גרויסער פרעסער און זויפער, האָט אים דאָס עסן דאָ געקלעקט אויף איין צאָן, אויסגעדייוועט געוואָרן און געזוכט, ווי ווײַט מיגלעך, צו „פאַלשעווען" בײַ דער אַרבעט. זי, דאַקעגן, האָט ווי אַ באַזעסענע אײַנגעלייגט וועלטן,

סײַ זומער בײַ דער זשיוויצע, סײַ ווינטער בײַ פּאַרשידענע וואַלד־אַרבעטן. אַ נישט־גוטער איז אין איר געזעסן. פון איין זײַט האָט זי געזידלט און געשאָלטן מיט טויטע קללות דאָס לאַנד, די רוסן און ס׳מעג זײַן אויך די ייִדן, וואָס זענען, לויט אירע טענות, שולדיק געווען אין דער „רויטער אינוואַזיע" קיין מאָלדאַוויע, און פון דער צווייטער זײַט האָט זי אומעטום געמוזט זײַן די ערשטע. נישט קיין נאָרמאַלער מענטש! זי איז אונדז אַלע דערגאַנגען די יאָרן, געגנוג קאַליע געמאַכט. איבער איר האָט מען אַלע מאָל געהעכערט די נאָרמעס. וויפל מ׳האָט נישט געפּרוווט ריידן מיט איר, זי בעטן זי זאָל אַזוי נישט יאָגן מיט די עמערס זשיוויצע איבערן וואַלד, מיר קענען איר נישט נאָכהאַלטן, האָט גאָרנישט נישט געהאָלפן. דאָס איז געווען אַפּנים איר נקמה.

איז אָט די קאַטשאָרווע, דווקא אין דער גאַנטשאַרנע, געוואָרן אויף אַ קורצער צײַט אַ „שטיקל מענטש". און צוליב וואָס? צוליב די ראָמאַנסן. זי האָט געהאַט אַ פֿײַנע שטימע און, זיצנדיק בײַם סטאַנאָק, האָט איר, ווײַזט אויס, זייער געצויגן אַ זינג טאָן, פּונקט ווי ס׳טרעפט בײַ שנײַדעריי. נאָר גיי צעזינג זיך איינע אַליין אין דער וויסטער קאַליבע, וועט מען שוין אין גאַנצן זי האַלטן פֿאַר אַ חסר־דעהניצע, אויף איר איז דאָך אַ מצווה. האָט זי אײַנגע־האַלטן דעם יצר־הרע, פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. איין מאָל האָט זי אַזוי אַ קוק געטאָן צו מיר, איר נאָענטסטע שכנה בײַ דער אַרבעט, ווי איך דריי עס אַזוי געשמאַק דעם ראָד און מיט אירע געלעכערטע אויערן אויפגעכאַפּט אַז איך זינג מיר אַפילו שטילער־הייט אונטער. האָט זי אָפּגעשטעלט איר סטאַנאָק, אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט און ס׳איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אונדז אַ פרידלעכער אָפּמאַך — נישט איבעריאָגן זיך, פאַרקערט, אויס־וואַרטן און העלפן איינע דער אַנדערער אין פאַל פון אַ שטרויכ־לונג און בכלל... אַ רוח אין זייער טאַטנס־טאַטע אַרײַן! וואָס איז מיר זענען קנעכט בײַ זיי? גענוג! וויפל מירן קענען אַזוי פיל וועלן מיר אַרבעטן. נעמאַ דורניך. און איצט, האָט זי אַ שמייכל געטאָן צו מיר, לאָמיר בעסער זינגען. דאַוואַי...

טרײַב שנעל די פערד
און פלי וואָס ווײַטער,
די נאַכט איז לויטער,
פיר וווהין דו ווילסט.

אונדזערע שטימען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ האַרמאָנישן דועט.

★

מוכין האָט מיט אַ שפּענדל אַ ביסל אַרומגעשאָבן דאָס ליים פון די פיס, צוגעגאַנגען צום אויוון און זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק, אַקעגן דעם פּיעקאַליק. דער דיאַדיאַ וואַניאַ האָט אָן ווערטער אַרויסגעשלעפּט פון דער טיפער הויזן־קעשענע דעם קיסעט, איבערגעריסן אויף צווייען דאָס שטיקל פּאַפּיר און אַ העלפט אויסגעשטרעקט מוכינען — נאַ, האַלט, און אים אָנגעשיט אַ חלק מאַכאָרקע.

— דיוזשע האַרנאַ ספּיוואַיע,* האָט ער נישט אויפגעהויבן די אויגן, מ׳זאָל אים נישט חושד זײַן, אַז ער הערט זיך צו, אַזש זאַ סערדצע כוואַטאַיע.*

מוכין האָט פאַרדרייט דעם ציגאַר, אַ פּיר געטאָן מיט דער שפּיץ צונג הין און צוריק און פאַררייכערט בײַ דער האַלאָוועשקע, וואָס דער דיאַדיאַ וואַניאַ האָט אים גאַלאַנטנע אונטערגעטראָגן.

— פערעקור... האָט די קאַטשאַרווע מיך אַ שטורכע געטאָן מיטן פוס. מ׳רייכערט קלאָמפּערשט, נאָר די אויערן שפּיצט מען דײַקע אָן.

— האָסטו נישט פון וואַנען, ס׳קאָסט דיך טײַער.

— כ׳האָב נישט ליב אַז מ׳האַלט זיך קליגער פון דער גאַנצער וועלט. ווילסט הערן? הער. ווער לאָזט דיך נישט? נאָר דול נישט אַ ספּאָדעק, מאַך נישט דעם אָנשטעל אַז ס׳גייט דיך נישט אָן.

— און ווי אַזוי וואָלסטו געוואָלט, ער זאָל אונדז אַפּלאָדירן?

* זיי זינגען זייער שיין... ס׳כאַפּט אַזש אָן בײַם האַרצן.

— פֿאַרוואָס נישט ?

אַ צווייט מאָל, בײַ אַזאַ געלעגנהייט, האָט זי מיר דערציילט וועגן מוכינען, אַז ער עסט הינט־פֿלייש. זי ווייסט עס אויף זיכער. גרישאַ, איר מאַן, האָט אַליין געזען די ביינער וואָס מוכין האָט אַרויסגעוואָרפֿן.

— וואָס־זשע גייט עס דיך אָן ? ער קריכט צו דיר זיך קושן ?

— נאָר דאָס וואָלט אים געפֿעלט.

— מה רעש, אויב אַזוי ? מיר קענען נאָר געווינען פֿון דעם געשעפֿט, דאָס לוים וועט זײַן בעסער אויסגעקנאָטן.

— מיט דיר איז גוט צו רעדן !!

— איז רעד נישט... ווער בעט דיך דען ?

דער גרויסער קריג, אָבער, איז געקומען ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. און דווקא איז אין יענעם טאָג די אַרבעט בײַ אונדז געגאַנגען ווי אַ מיזמור און דער מיזמור אַליין האָט זיך אויך באַקו־מען, נישט צום פֿאַרזינדיקן, גאַנץ געשמאַק, נאָר דער רוח ווייסט זי וואָס מיט איר איז געווען, גלײַך ווי אַ בין האָט איר אַ ביס געטאָן.

— ווייסט ? מ׳שמועסט געדעכט אַז מוכין איז אַן אַנטלאָפֿע־נער קאַטאָרזשניק.

— שווײַג שטיל ! רעד נישט קיין נאַרישקייטן. אונדז אַלע, אַז מ׳וויל, קען מען אָנרופֿן קאַטאָרזשניקעס, איז וואָס ? זענען מיר טאַקע אַזעלכע ?

— פֿאַרגלײַכט !!

— דאָס איז טאַקע די צרה, זיך געפֿינט מען שטענדיק אַ זכות און אויף יענעם איז מען גרייט צו שיטן פֿער און שוועבל.

— וואָס נעמסטו זיך אַזוי אָן פֿאַר אים ? וואָס איז, ער איז אויך אַ ייִד ?

— קודם ווייס איך נישט ווער ער איז — אַ ייִד, צי אַ טערק, צי אַפֿילו אַ מאָלדאַוואַן און ער גייט מיך בכלל ווייניק־וואָס אָן, נאָר וואָס וואַרפֿסטו מיר תּיכּף צו די פּיס דעם ייִדן ? וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָבן דיר די ייִדן געטאָן ?

— נאָך אַ מין שלעכטס, האָט זי זיך שוין אויסגעדרייט צו

מיר מיטן גאַנצן קערפּער, זײ האָבן מיר אומגעבראַכט מײַן היימ־לאַנד.

— נישט מער און נישט ווייניקער! ס'איז אויך אונדזער היימ־לאַנד געווען פּונקט ווי אײַערס. מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס זענען דאָרט געבוירן געוואָרן.

— נו איז וואָס? דײַנע זיידעס זענען געווען אָנגעוואָרפענע, אײַנגעבעטענע, פאַרוואָס ווילסטו עס נישט פאַרשטיין? און דו, מײַן טײַערע, אַוודאי און אַוודאי. אַנדערש וואָלסטו נישט געווען געשריגן אַזוי „הוראַ" ווען די סאָוועטן זענען אַרײַן און פאַרכאַפּט אונדזער לאַנד. אײַך, ייִדן, איז אַלץ איינס ווער ס'באַלעבאַטעוועט אין בעסאַראַביע — דער רוס, דער מאָלדאַוואַן צי אַפילו דער טשאָרט אַליין, אַבי מ'זאָל אײַך לאָזן פירן אײַערע געשעפטן. האָב קיין מורא נישט, ווען דאָס זאָל טאַקע געווען זײַן אײַער אייגן לאַנד, וואָלט אײַך געווען געקרענקט צוצוזען ווי די באָלשעוויקעס האָבן געלייגט די האַנט אויף דעם.

— פון וואַנעט נעמט זיך צו דיר אַזוי פיל גיפט, אַזוי פיל שלעכטקייט?

— פון דאָרטן, פון מײַן היים, וואָס מ'האָט צעטרעטן מיט די פיס, פון די פּויערים אין דאָרף, מײַנע שוועסטער און ברידער, וואָס מ'האָט בײַ זיי אַלץ צוגענומען און זיי געהייסן גיין אין די קאָלכאָזן, און ווער ס'האָט נישט געוואָלט איז... פּאָזשאַלוסטאַ קיין סיביר! אויב שוין יאָ אַזוי, וועל איך דיר דעם גאַנצן אמת זאָגן — גראַדע דיך געדענק איך נאָך פון זגוריצע, פון דער ראַיאָנער לערער־קאָנפערענץ, דיך מיט דײַנע צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, ווי מ'האָט דיך אָנגעזעצט אויבנאָן בײַם ערן־טיש און דיך אַרויסגעשטעלט אַלס ביישפּיל פון אַן אויסגעצייכנטער לערערין פאַר אַלע אַלטע, פאַרדינסטפולע לערערס פון ראַיאָן. אַ קליינ־קייט — אַ יונגע מויד, תיכּף נאָך דער גימנאַזיע, האָבן די אַלע בכבודיקע דערפאַרענע לערערס געדאַרפט, הייסט עס, זיך לערנען בײַ דיר. וואָס זיך לערנען? מעטאָדיקאַ? עטיקאַ? צי אפשר אַזע־לעכס וואָס נאָר דו איינע האָסט געוווסט? ווען מ'זאָל מיך דעמאָלט

געווען לאַזן, וואָלט איך אַרויף אויף דער בינע, דיך אָנגעכאַפּט ביַי די צוויי לאַנגע צעפּ און דיך אַראָפּגעשלעפּט דורכן גאַנצן זאַל. או... ווי איך האָב דיך פיַינט געהאַט! איז... ווען כ׳האָב דיך דער־זען אין דראָקיע, ביַי דער סטאַנציע, צווישן די אַרויסגעשיקטע, האָב איך זיך אַזש צעהירזשעט פאַר גרויס פאַרגעניגן. סיביר?... זאָל זיַין סיביר, אַבי די זשידאָווקע זאָל אויך דאָרט זיַין.

— פאַרמאַך דעם פּיסק, שלאַנג וואָס דו ביסט, באַלד כאַפּסטו מיט דער ברעט איבערן קאָפּ.

— וואָס איז דאָרט פאַר אַ רעש און קיין פּעטש פליען נישט? איז דער „אַפּאָסטאָל פּאַוועל״ גלײַך אויסגעוואַקסן. לושענקאַ... לושענקאַ, נאָר מיטן רוח אויף דער פאַר וואָלסטו אפשר אויס־געקומען. כמ!... אַבי איך האָב געמיינט: פעלקער־פריַינדשאַפט! מ׳זינגט צוזאַמען אַזוי פיַין!

— באַזינגען זאָל מען דיך שוין אַ טויטן.

דער „אַפּאָסטאָל פּאַוועל״ האָט אויסגעשפּיגן.

מיט מיר האָט געוואָרפן ווי אין פיבער. די ציין אין מויל האָבן מיר אַזש געקלונגען. ביַי זיך האָב איך געוווּסט, אַז נישט מיט אַלעמען איז זי אומגערעכט.

★

סוף אַפּריל האָבן אָנגעהויבן נאָכלאָזן די פרעסט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, האָבן זיך באַוויזן סאָסולקעס אויף די סטרעכעס און די סליאַדן פון אונדזערע טריט זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט נאַסן קויטיקן שניי. גאָר אַ קליין פאַרגעניגן פאַר אונדזער שוכ־וואַרג, וואָס איז גאָר קיין שוכוואַרג נישט געווען. עטלעכע פאָר זאָקן, געלאַטעטע און אונטערגענייטע מיט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, פון אויבן גראָבע אָניטשעס און דאָס אַלץ אַריַינגערוקט אין די „טשוניעס״. און טשוניעס... דאָס איז שוין געווען, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, אויסשליסלעך אַ סיבירער באַזונדערער סאָרט „לאַפּטיעס״, ספּעציעל פאַר קאַטאָרשזניקעס, ס׳זאָל נישט הייסן אַז זיי גייען באָרוועס. טשוניעס האָבן געכאַפּט אַ ביסל דעם

אַנבליק פון קאַלאַשן, נאָר קיין קאַלאַשן, פאַרשטייט זיך, נישט געווען. לויטן מאַטעריאַל זענען זיי נעענטער געווען צו גומירייפן, און מסתּמא טאַקע אויף דעם „אַוטאָ־פּאַקרישעטשנעם" זאַוואָד אין טאַמסק אויסגעגאָסן געוואָרן פון דער אָפּפאַל־רעזינע, וואָס פלעגט זיך דאָרט צונויפנעמען. איך זאָג אויסגעגאָסן, ווײַל טשו־ניעס האָבן נישט געהאַט אַפילו קיין איין־און־איינציקע נאָט, געווען פון איין שטיק, וואָס האָט זיך נישט געבויגן, נישט געקאָרבט, שטײַף — עלעהיי פון אײַזן, מיט שפּיציקע פאַרדערעטע נעז ווי בײַ לצנים־שיך און פון איין סטאַנדאַרטנער גרייס — זיי זאָלן אַרויף אויפן פוס פונעם גרעסטן גוי. פּרויען פלעגן אָנשטאָפּן די „נעז" מיט שמאַטעס און צובינדן די טשוניעס צו די פיס מיט שטריקלעך. טשוניעס האָבן געהאַט נאָך אַ מעלה — זיי פלעגן זיך קיין מאָל נישט צערײַסן, זיי פלעגן זיך צעברעכן, איבערברעכן אויף צווייען, דעמאָלט האָט מען שוין געמוזט צובינדן יעדע העלפט באַזונדער. נײַע זענען נישט געווען צו קריגן.

אין יענעם טאָג, געדענק איך, זענען מיר, ווי געוויינטלעך, געגאַנגען גאַנץ פרי צו דער אַרבעט, איינע הינטער דער אַנדערער, אויף דעם שמאָלן סטעזשקעלע און, טאַקע איבער די טשוניעס, אָפּגעהיט אַ געוויסן אינטערוואַל צווישן זיך. געשוויגן, נישט געקענט אַפילו כאַפּן אַ וואָרט אין מויל אַרײַן. דער שניי האָט געטײַעט אונטער די פיס, האָבן אונדזערע שפּורן אויסגעזען ווי קליינע קאַליוזשעס וואַסער. נעענטער שוין צו דער גאָנטשאַרנע, ווען מיר זענען אַרויס אויף דעם ברייטערן וועג, האָבן מיר פּלוצעם דערזען לאַנגע פּאַראַלעלנע סליאַדן פון אַ שליטן און נישט געקענט פאַר־שטיין וועמען האָט דער „גוטער־יאָר" אָנגעבראַכט מיט אַ באַזוך צו אונדז אין אַזאַ נישט פּאַסיקער צײַט. מיר האָבן זיך איבערגע־קוקט און אַפילו זיך אַ ווײַל געטאָן אויף דעם חשבון. דאָ האָט זיך מיר פּלוצעם צעבונדן אַ שטריקל פון אַ טשוניע... גאָרנישט קיין גוטער סימן! עלעהיי אַ שוואַרצע קאַץ איז אונדז פאַרלאָפן דעם וועג. חוץ וואָס ס'איז געווען אַ שלעכטער צייכן פאַר זיך, האָב איך געמוזט זיך אָפּשטעלן כּדי צוצובינדן דאָס שטריקל און

אַזוי אַרום פאַרהאַלטן די מיידלעך וואָס זענען געגאַנגען הינטער מיר.

— ווײַז גיכער דרײַ מאָל צו צוויי פײַגן און שפּײַ אויס איבערן לינקן אַקסל. ווען זיך אַליין וואָלט איך עס געוויס נישט געטאָן, נאָר דאָ איז אין קאָן געווען דער גאַנצער קאָלעקטיוו, האָב איך געוויזן פײַגן און אויסגעשפּיגן לויט אַלע כּללים, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט. דעמאָלט האָבן מיר דערזען פון דער ווײַטנס דעם שליטן, שוין אויף צוריק וועגס. מיט נאַטשאַלסטווע שפּאַסט מען נישט... מיר האָבן זיך גיך געגעבן אין דער זײַט, אָנגענומען פולע טשוניעס מיט וואַסער און באַפרײַט דעם וועג. אין שליטן זענען געזעסן דרײַ ענקאַוועדיסטן און צווישן זיי מוכין. דערזען אונדז, האָט ער מיט דער האַנט אַ רוק געטאָן אַרויף דאָס היטל, געפּרוּווט אַ שמייכל טאָן און זיך פאַרקרימט:

— פּראַשטשאַיטע דיווטשאַטאַ, ניע פּאָמינאַיטע ליכאָם!*

אויסגעגעבן טאַקע, סוואָלאָטשי, ימח שמם וזכרם!

---

* בלײַבט געזונט, מיידלעך מײַנע, דערמאָנט מיך נישט צום שלעכטן.

# מײַן ערשטער גרינסגאָרטן

יתרוס נעמען האָט זי געהאַט און טאָמער איז געווען ווייניק, האָבן מיר, תּיכּף נאָכן אָנקומען אויפן אָרט, איר צוגעזעצט אַ שפּאָגל־נײַעם פרישן נאָמען — די „טהרה־ברעט”. מיר, דאָס איז אייגנטלעך געווען מײַן מאַמע אַליין, ווײַל איך האָב נאָר געקײַכט פון געלעכטער און דערמיט באַשטעטיקט איר טרעפן מיטן נאָמען אין סאַמע פּינטל. אויסערגעוויינלעך!!! פון התפּעלות וועגן האָב איך זי אַרומגעכאַפּט און אַ דריי זיך געטאָן מיט איר איבערן צימערל. — זעסט, מאַמע, דאָ איז אויך אַ וועלט, דאָ לעבן אויך מענטשן און ווו מענטשן, דאָרט וועסטו שוין שטענדיק געפינען וואָס צו טאָן. זי האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן מיט אירע טיפע, שיינע, טרויעריקע אויגן — אַ ברירה האָבן מיר?

די זאַך איז וואָס מײַן מאַמע האָט זייער שווער אויפגענומען דאָס אָפּטע איבערפירן אונדז פון איין אָרט אויפן אַנדערן, אַלץ נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער שפּלדיקער לאַגע אונדזערער, מיט דער אַבסאָלוטער אָפּהענגיקייט פון די קאַפּריזן פונעם מײַסטער, דעם ממונה איבערן גורל פון די מענטשן אויף זײַן אוטשאַסטאָק. אַזאַ רשע־מרשע! אַפילו קיין פּוסטן תּירוץ האָט ער נישט געוואָלט צוטראַכטן אויף צו פאַרענטפערן לכל־הפּחות דאָס משלח זײַן פון דאָרטן, גלײַך ווי מיר זענען קנעכט זײַנע און ער קאָן אונדז צו יעדער צײַט אויסבײַטן, פאַרשפּילן אין קאָרטן אָדער אַפילו פאַרקויפן. אויף דעם טראָגט אים דווקא דער שׂכל! זײַן כּוח באַשטייט אין זײַן רצון און זײַן רצון איז שטענדיק — באַווײַזן זיך מיט זײַן כּוח. כּל דאָלים גבר! מיר זענען בײַ אים אין די הענט. און דאָך האָט זי נישט געוואָלט אַוועקגיין מיט אַ שווער האַרץ און אָפּגעזאָגט אויף יוצא צו זײַן דעם משנה־מקום — משנה־מזל, אַליין נישט גלייבנדיק אין די ווערטער. ווער מיר מקום, וואָס מיר מזל! וואָס איז, משיח וועט פּלוצעם קומען צו פליען?

איך, פון מײַן זײַט, האָב זיך באַצויגן פיל גרינגער צו דער זאַך. ווײַזט אויס אַז בײַ מײַנע צוואַנציק יאָר האָב איך נאָך נישט געקענט האַלטן אין איין קלאָגן אויפֿן חורבן הבית, נישט פֿאַרלוירן לגמרי די האָפֿענונג אַז אין איינעם אַ טאָג... נאָר מאַלע וואָס אַ מיידל אין דעם עלטער קען זיך חלומען! האָב איך געזוכט מיט אַלע כּוחות זי אויך אָנשטעקן מיט אַ ביסל אָפּטימיזם, נאָר מײַן קלוגע מאַמע האָט גוט פֿאַרשטאַנען די „אורזאַך דאָפּאָן״, ווי זי האָט ליב געהאַט דײַטשמעריש זיך אויסצודריקן, און אויפֿגענומען שטענדיק מיט אַ שמייכל מײַן ווײַלען זיך, מײַן מאַכן זיך משוגע. מאַמע, האָב איך אײַנגעטענהט מיט איר, ער וועט זיך נאָך בײַסן די פֿינגער, דער חמור־אייזל וואָס ער איז, אַזעלכע אַרבעטער ווי איך וואַלגערן זיך נישט אויף די וועגן.

— דער גוי אַליין זאָגט ס׳איז אַ מציאה!

— זאָלסטו טאָקע וויסן, מאַמע, און מיט דעם איבערפֿירן אויפֿן ערשטן אוטשאַסטאָק האָט ער אונדז, דער חכם בלילה, געוואָרפֿן ערשט אַ קניש אין קאָפּ אַרײַן. אַ קלייניקייט, דער ערשטער אוטשאַסטאָק! מירן זען אַ וועלט, באַקענען זיך מיט נײַע מענטשן, מאַכן אַ לעבן!

— מיר זאָל זײַן פֿאַר דיר!

מיט דעם האָט זיך עס שטענדיק געענדיקט.

✶

מיט קיין טרומייטן האָט מען אונדז אויפֿן ערשטן אוטשאַסטאָק, פֿאַרשטייט זיך, נישט באַגעגנט, דערפֿאַר אָבער, האָט דער נײַער מײַסטער, בכּבודו ובעצמו, אונדז אָפּגעפֿירט ווײַזן דאָס צימער, די נײַע וווינונג אונדזערע, אַראָפּגענומען די פֿרענטן פֿון דער טיר, צעפּראַלעט דאָס פֿענצטער און מיט אַ ברייטן זשעסט געוויזן אַז מיר האָבן דאָ אַלץ וואָס אַ מענטשן צום לעבן: אַ גרויסן טאַפּטשאַן אויף צו שלאָפֿן, אַ טישל פֿון אָפּגעהובלעוועטע דרײַ ברעטער, אַ לאַנגע באַנק, אַ גאַנץ נישקשהדיקע פּליטע אין ווינקל צימער. ס׳האָט נישט געפֿעלט אויך דער טראַדיציאָנעלער בעזעם מיטן פּײַערלעפּל, זאַכן וואָס פֿאַרבלײַבן שטענדיק אויפֿן אָרט, באַלאַנגען

נישט צום איבערפירן, מחמת מורא אַז ס׳קען נאָך צו עפּעס שאַטן.

— אוסטראַיוווייטעס, אָרדנט אײַך אײַן, האָט ער גאַנץ פרײַנד־לעך אַ זאָג געטאָן און געלאָזט זיך גיין. ביז ווען האָט איר באַקומען ברויט? האָט ער זיך ווי דערמאָנט שוין שטייענדיק אויף דער שוועל. אויף הײַנט און אויף מאָרגן. אַלץ איינס! פון מאָרגן באַקומט איר שוין ברויט אויף אונדזער אוטשאַסטאָק און איז אַוועק. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט — צוויי מאָל ברויט באַקומען פאַר איינעם און דעם זעלבן טאָג? עפּעס צו גוט! אויב ס׳שמעקט אַ מאָל נישט מיט אַ פּאַסטקע!? צוויי כּשרע בהמות, מורא געהאַט אַז מיט אונדזערע „נישט כּשרע״ זיבן הונדערט גראַם ברויט קענען מיר נאָך, חלילה, דאָס לאַנד רויִנירן, די רעגירונג אומוואַרפן אָדער גורם זײַן מ׳זאָל די מלחמה פאַרשפּילן. האָבן מיר באַשלאָסן: ערשטנס נישט רעדן מערער וועגן דעם, אַפילו צווישן זיך, ווײַל ווענט האָבן אויערן, ווער שמועסט אַזעלכע פאַנירענע ווענטלעך ווי אונדזער צימערל האָט געהאַט, און צווייטנס — נישט פאַרלאָזן זיך אויף נסים און פון דעסטוועגן אָפּשפּאָרן אויף מאָרגן אַ שטיקל ברויט, ווײַל, די מינוט זאָל נישט זײַן, טאָמער קריגט ער חרטה און זאָגט אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, וועלן מיר אים קענען גיין לאָדן נאָך צום ונתנה־תוקף.

ביז וואָס־ווען, דערווײַל איז די שטימונג געווען אַ געהויבענע — אַ באַזונדער צימערל, נישט ווי ביז אַהער מיט נאָך אַ משפּחה, און אַ צוגעזאָגטע איבעריקע פּײַקע ברויט! האָב איך געכאַפּט דעם עמער, געבראַכט וואַסער, פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך מאַכן אָרדענונג. כ׳האָב זיך בפירוש געפּלײַסט, נישט געשאַנעוועט די הענט און געוואַשן דעם דיל, אַזש די סטעליע האָט אָנגעהויבן שוויצן, נאָר דאָ האָט זי זיך באַוויזן אין דער טיר און אונטער־געשפּאַרט, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, מיטן קאָפּ די פּריטעלקע.

— סקאָבליט נאָדאָ, איז זי אָן צערעמאָניעס גלײַך צוגעגאַנגען צום ענין און מיר געוויזן מיט דער האַנט, וואָס איז בײַ איר געווען שאַרף ווי אַ מעסער, ווי אַזוי מ׳דאַרף שאָבן, שאַרקען און שײַערן די ברעטער.

די געהויבענע שטימונג איז זיך צערונען, ווי נישט געווען. קיין סך שהיות האָט זי פּראָוודעם נישט געמאַכט, צוליב העפלעכ־קייט עפּעס אַ ברומקע געטאָן אונטער דער נאָז און אַוועקגעגאַנ־גען, ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען, מיט דער פֿעסט־באַשטימטער מיינונג אַז קיין בריה־נפלאה, לויט אירע קריטעריומס, בין איך נישט. דעמאָלט טאַקע איז איר נאָכגעפלויגן פֿון הינטן דער נאָמען „טהרה־ברעט" און אָפּגעשפּרונגען פֿון איר פּלייצע ווי אַן אַרבעס פֿון דער וואַנט. ביי איר האָט זיך עס שוין איין מאָל אָנגעזען! אַז סך־הכּל איז זי געווען אָפּגעשיט מיט נעמען ווי אַ הונט מיט בערלעך אום תשעה־באָב. ווער ס'האָט נאָר געגלייבט אין גאָט האָט איר צוגע־זעצט אַ פרישן נאָמען. ווי נאָר האָט מען געקאָנט זיך נוקם זיין אין איר פֿאַר דעם ליגן איעדן אין די זייטן? ס'איז געגנוג געווען, צום ביישפּיל, דורכגיין און איר נישט זאָגן דעם גוט־מאָרגן, ווייל מ'האָט זי פּשוט נישט געזען, מחמת זי איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער די בייטן גרינס ביי זיך אין גאָרטן, אַז זי זאָל אויפשפּרינגען, גלייך ווי זי האָט אַ ספּרוזשינע אין בויך, און אָפּגיסן דיך מיט פֿער און שוועבל. האָט מען זיך געהיט דעם כּבוד און נישט איין מאָל באַגריסט איר ליידיקן אָגאָראָד פֿאַר מורא אַז זי שטעקט ערגעץ הינטער אַ קוסט. פֿאַרן דער פֿאַר אירן האָט מען געציטערט. אַפילו דער מייסטער האָט פֿאַר איר מורא געהאַט אימת־מוות, ווייל למעשׂה איז זי און נישט ער געווען דער ראש־וראשון אויפן אוטשאַסטאָק, קודם טאַקע בזכות עצמה און צווייטנס איז זי געווען נישט אַבי וועד, נאָר פֿאָפּאָווס ווייב. און פּאָפּאָוו... ווי זאָל איך עס זאָגן? פּאָפּאָוו איז געווען דער נישט געקרוינטער קיסר פֿון דער גאַנצער אימפּעריע, פֿון דעם „כּימלעסכאָז". ער איז געווען דער גרינדער, דער גלאָוונער טעכנאָלאָג, דער גרויסער קענער און פֿאַרשטייער אין דעם ענין „זשיוויצע", די הויפּט־פּראָדוקציע פֿון די סאָסנע־ביימער. איז ער בפירוש געווען אַ גרויסע רעטעניש מיט זיין אייביק שווייגן, מיט זיין האַלטן זיך באַשיידן, אָפּגעזונ־דערט. עפּעס האָט אים מסתּמא „געקוועטשט", ווי ס'האָט שטי־לערהייט געגרימט אַ סך פֿון די אַזוי גערופֿענע נאַטשאַלניקעס.

פונעם אייגענעם ווילן און פאַר „מעשׂים־טובים", דאַרף מען פאַרשטיין, האָט קיינער פון די „גדולים" זיך נישט אויסגעקליבן זײַן רעזידענץ אין דער טײַגע. נאָר יעדער מענטש מיט זײַן כאַראַקטער — ווער ס'האָט געפילדערט, זיך געבלאָזן, אויסגענוצט זײַן „הויכן פּאַרנעם" ביז גאָר און ער, פּאַפּאָוו, האָט אַפילו דעם אָנשטעל נישט געוואָלט מאַכן, אין זײַנען געהאַט נאָר די אַרבעט, דאָס שנײַדן „ווזדימקאַ", אַליין געשניטן און אַנדערע געלערנט, דאָס איבעריקע איז אים נישט אָנגעגאַנגען. אַוודאי האָט שוין געמוזט די פּאַפּאָוועכע איבערנעמען די וואַשקעס אין אירע הענט און ווײַזן דער וועלט ווער ס'זיצט דאָ אויפן כּסא־המלכות. מ'דאַרף אָבער דעם אמת זאָגן: זי איז געווען ראויה דערצו. זי איז געווען אַ משוגענע בריה, די אַרבעט האָט געברענט בײַ איר אונטער די הענט. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זי נישט גערוט ווי דאָס וואַסער רוט נישט. איך פאַרשטיי, אַז טאַקע נאָר מיט איר בריהשאַפט האָט זי פּאַפּאָווס האַרץ געקענט אַ מאָל פּלעפן, ווײַל וואָס שייך איר אויסערלעכן אויסזען איז זי גאָר אין גאַנצן אויף קיין פּרווי נישט געווען ענלעך — הויך ווי אַ סטאָלב, פלאַטשיק ווי אַ ברעט, מיט צוויי גרויסע מענערשע פיס און מיט אַ באַסאָווע קול. נאָר קלוג... מיט רוחות! צו דער „זשיוויצע", למשל, האָט זי זיך קיין מאָל נישט געמישט, דאַרט, האָט זי געוווּסט, זענען דאָ גרעסערע ספּעציאַליסטן פון איר, און זי האָט בטבע נישט ליב געהאַט צו שפּילן ערגעץ־ווו די ראָלע פון צווייטן פידל. איר תּחום איז געווען די באָד און דער אָגאָראָד. דאָ האָט זי קיין גלײַכן צו זיך נישט געהאַט. די באָד איז בײַ איר געווען נישט ווי אויף אַנדערע אוטשאַסטקעס — סתּם אַ „שוואַרצע באָד", ניין, בײַ איר איז זי געווען אַ מקום־טהור, אַ הייליקער טעמפּל מיט אַן אָנגעגליטן מזבח אין דער מיט, וווּהין מענטשן זענען געקומען דינען דעם גאָט פון זויבערקייט. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז נאָר די באַוווּסטע רוימישע בעדער האָבן אַ מאָל געקענט אַזוי אויסזען מיט זייערע באַקוועמע פּאָלקעס, שוויצבענק, לעבאַנקעס, טאַזיקעס און הילצערנע שעפלער, וואָס האָבן געפּעכלט פון ריינ־

קייט. און אין דעם „מקום־קדוש" האָט זי זיך אַרומגעדרייט ווי אַ וועסטאַלקע אין הוילן סטאַן מיטן דאָרן צעפּל האָר אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּלייצע, נאָר מיט אַזוי פיל ווירדע, גלײַך ווי זי וואָלט געווען טאַקע די אמתע רוימישע מאַטראָנע. אַפילו דאָס בעזעמל בײַ איר אין די הענט האָט אויסגעזען ווי אַ לאָרבער־קראַנץ און נישט ווי אַ פּשוטער בעריאָזעווער בעזעם צום שמיצן זיך. נאָר די באָד ווי די באָד, טאַקע אַ פּאַרדינסטפולע בעדעריןן, אָבער פּאָרט אַ בעדערין.

דעם עיקר רעספּעקט, יִראת־הכּבוד און אַפילו קנאה האָט זי אַרויסגערופן נישט מיט דער באָד, נאָר מיט איר גרינסגאָרטן. נישט קיין גאָרטן, נאָר אַ גן־עדן. פון הערן און געדענקען האָט דאָרט געוואַקסן און יעדעס געוויקס אויף זײַן שטרענג אָפּגעשטעלטן שטח, אין גלײַכע שורות, ווי אָפּגעמאָסטענע מיט אַ ווירע, מיט ברייטע סטעזשקעלעך צווישן די בייטן צוליב באַקוועמלעכקייט בײַם באַאַרבעטן. יעדעס גרינס האָט באַקומען זײַן פלעגונג אין דער באַשטימטער צייט און לויט זײַנע באַדערפענישן. אַפילו דאָס וואַסער צום באַגיסן איז בײַ איר נישט געגאַנגען גלײַך פון דער קערניצע, נאָר צו ערשט זיך געוואָרעמט בײַ דער זון אין צוויי גרויסע פעסער, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטן אָגאָראָד. האָט טאַקע אַלעס געבליט און פאַרנומען דאָס אויג מיט זײַן שפע און מיט זײַן שיינ־קייט. מענטשן האָבן געגאַפט און געשלונגען די סלינע. אַזוי... אַזוי, האָט זי זיך געלאָזט גאַפן און גערעדט צו זיך קלאָרע דיבורים: סיביר איז אײַך קיין שפּילעכל נישט, ווער ס'וויל נישט פגרן פון הונגער, מוז בייגן דעם קריזש. און מ'האָט זי געפאָלגט. איינער נאָכן אַנדערן האָבן די מענטשן אָנגעהויבן זיך פאַרזאָרגן מיט מכשירים, „צוגענומען" בײַם וואַלד שטיקלעך ערד, נישט ווײַט פון די שטיבלעך, געקאָרטשעוועט פּעניקעס און פאַוואַלינקע זיך אויס־געאַרבעט דאָרט גרינסגערטנער. דערבײַ האָט מען בײַ איר געבעטן כּל מיני עצות, אַפילו ווען מ'האָט זיך אין זיי איבעריקס נישט געניייטיקט. שיפרע וואַסערמאַן, אַ דור־דורותדיקע דאָרפס־ייִדענע, וואָס האָט, מיר דאַכט, אין איר לעבן מערער גאָרנישט נישט

געוווּסט ווי פֿאַרען זיך בײַ דער ערד, האָט אויך געהאַלטן זיך אין איין חנפֿנען צו דער „מכשפֿה", איר קוקן אין די אויגן אַרײַן און זיך ראָטן מיט איר בײַם זעצן, פֿראַשעווען, באַוואַסערן, שוין אָפּ־גערעדט בײַם אַראָפּנעמען דאָס גערעטעניש. די קאַרטאָפֿליעס זענען בײַ איר געלעגן צעשפּרייט אויף דער ערד און זיך געטרוקנט כּלומרשט בײַ דער זון אַזוי לאַנג ביז די פּאַפּאַוועכע האָט זיך באַפֿרייט און זיך אַרויסגעלאָזט אויפֿן „אויפּזיכט". זאַלבעצענט, אַ? האָט זי ווי אַ געניטער אַגראַנאָם אָפּגעשאַצט אויפֿן אויג דעם „באַרג" קאַרטאָפֿליעס און שיפּרע איז צעשמאָלצן געוואָרן פֿון תּענוג. מיך האָט געעקלט פֿון דעם אַלעמען און אפֿשר איז נאָך עפּעס געווען צוגעמישט צו דעם געפֿיל?

אַזוי האָב איך געטראָפֿן דעם ערשטן אוטשאַסטאָק, ווען מיר זענען אַהין געקומען, ענגלער אויף אַ פֿויעריש דערפֿל. אוודאי האָב איך זיך אַרומגעדרייט דאָרט ווי אַ ווײַסע קראָ, געוווּסט נאָר די אַרבעט אין וואַלד, בײַ דער זשיוויצע, און מער גאָרנישט. זי, אָבער, דער „כּל־ולך", האָט מיך נישט געלאָזט לאַנג אַרומגיין „פּוסט־און־פּאַס" און, כאָטש זי האָט געוואָרפֿן אַן אומחן אויף מיר פֿונעם ערשטן טאָג אָן, האָט זי אָבער נאָך מער פֿײַנט געהאַט אומאָרדענונג בײַ זיך אין דער ממלכה און, ווי נאָר דער שניי איז אַראָפּ און דער „זמן" האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי מיך טאַקע געפּאַקט אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, ווען כ'האָב אויף גיך זיך מיט איר באַגריסט און געלאָזט זיך שפּאַנען ווײַטער צו דער אַרבעט. — וואַרט אויס אַ מינוט, וואָס אַנטלויפֿסטו? איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַ פֿאַרוווּנדערטע. — מיך מיינט איר? דיך, דיך, וועמען דען? איך האָב פֿאַר דיר אויסגעקוקט אַ שטיקל ערד הינטער דעם לעצטן סקלאַד, האָט זי שוין גערעדט גלײַך צו מיר, אָנשפּאַרנדיק אירע שאַרפֿע עלנבויגנס אויפֿן פּלויט, דאָרט בײַם סאָמע וועג, לינקס. דו פֿאַרשטייסט ווו איך מיין? יאָ, יאָ, האָב איך אויף גיך געענטפֿערט, אַליין נישט וויסנדיק וואָס זי וויל פֿון מיר. וועסט עס אַרומצוימען און אויסאַרבעטן, האָט זי פֿאַר מיר געפּסקנט, גלײַך ווי מײַן פּערזענלעכע מיינונג שפּילט דאָ לחלוטין קיין ראָלע נישט.

וועסט דאָרט פאַרזעצן אַ ביסל אויבסט. אַ שיינעם דאַנק, האָב איך זיך שיער נישט פאַרנייגט, אַזאַ כּוח האָט זי שוין אין זיך פאַרמאָגט. הינטער דער באָד, האָט זי פאָרגעזעצט, גלײַך ווי ס׳איז שוין אַ באַשטימטע זאַך און ס׳זענען געבליבן נאָר אַרומצוריידן אַ פּאָר טעכנישע דעטאַלן, הינטער דער באָד ליגן עטלעכע אַלטע ברעטער, קענסט זיי נעמען אויף אַרומצוימען דאָס אָרט. אַ גרויסן דאַנק אײַך, מאַריא מאַטוועיעווּנאַ, האָב איך זיך ווידער פאַרנייגט. איך בין אַוועק און ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַ לאַנגע קאָדע איז פּלוצעם מיר אויסגעוואַקסן און שלעפּט זיך מיר נאָך פון אונטן. דאָס האָט מסתּמא די פּאַפּאָווע מיר נאָכגעקוקט מיט אַ גרויסן ספק אין האַרצן צי וועט עפּעס רעכטס אַרויס פון דעם עסק.

אַזוי האָט זי מיך אָפּגעשמדט און, קעגן מײַן ווילן, מיך געמאַכט פאַר אַן אַגראַנאָמיצע.

✶

ווען אַלע האָבן שוין געהאַלטן בײַם זעצן די קאַרטאָפליעס, האָב איך זיך נאָך אַלץ געמאַטערט מיט די פּעניקעס. אוי פּעניקעס! ביז הײַנט קען איך זיי נישט אַרויסשלאָגן פונעם זכּרון. דעם מאַרך פון די בײַנער האָבן זיי בײַ מיר אַרויסגעצויגן ביז איך האָב זיי געזען אַרויסגעשלעפּט פון דער ערד. נאָר דעמאָלט בין איך נאָך געווען שטאַרק בײַ זיך, געווען ווי אַ גלײַכע צווישן האַרעפּאַשניקעס, ווי איינע וואָס בייגט פּונקט ווי אַלע דעם קריזש און האָפט אַז די ערד וועט איר אָפּצאָלן כּפל־כּפליים פאַר דער שווערער האָרעוואַניע. אַפילו די „גזלנטע" איז אויך אַ פּאָר מאָל צוגעקומען און מיר דערלאַנגט דעם „גאָט־צו־הילף" ווי ס׳איז אָנגענומען בײַ ערד־אַרבעטער. גיי ווייס אַז דאָס קאַרטשעווען די פּעניקעס וועט מיר אויסזען ווי אַ קינדער־שפּיל אַקעגן די געברענטע לײַדן וואָס האָבן ערשט געוואַרט אויף מיר בײַם צעאַקערן דעם גאָרטן. די ערד איז געווען פאַרקלאַפּט, ערטערווײַז נאָך פאַרפרוירן, דורך און דורך אָנגעדאָפּטשעוועט מיט פּאַסמעס פעדעם פון די אַמאָליקע וואָרצלען, אַפּנים. יעדע לאָפּעטע ערד איז מיר אָנגעקומען מיט פּיזישע שמערצן פאַר מײַן אויסגעהונגערטן יונגן קערפּער. איך

האָב געגראָבן און פאַרשאָלטן זיך דאָס געביין. אין אַזאַ טאָג האָט זי זיך אויך אויסגעקליבן קומען אויף אַ קאָנטראָל. לאַנג געשטאַנען און געקוקט אויף מײַן בייז־ווונדער, האָט זי צום סוף נישט אויסגע־האַלטן, אַריבערגעשפּאַנט מיט אירע צוויי לאַנגע פיס איבערן פּלייטל און פול מיט רציחה אויסגעשטרעקט די האַנט — אַנו, ווײַז נאָר אַהער דעם ריסקאָל. עטאַ טיבע ניע רוטשקאַ, אַ רידל איז דיר נישט קיין הענטל־פּען, אַרײַנגעשטעקט דעם ריסקאָל אין דער ערד, צוגעפּרעסט מיטן פוס און איבערגעקערט די גרודע ערד אַזוי לײַכט ווי מ׳קערט איבער אַ בלעטל פון בוך.

— טאַ־טאַ־זשע! איך האָב אין קיין גימנאַזיעס נישט געלערנט, האָט זי געשפּריצט מיט גיפט, נאָר דאָס לעבן באַשטייט נישט בלויז פון „פּאַטשקען" מיט דער פּען, מ׳דאַרף עס אויך קענען אָנכאַפּן בײַם גאָרגל. איך האָב זיך שיער נישט צעוואָיעט פון ווייטיק. או... טעמפּע חיה וואָס דו ביסט, וואָס ווייסטו נאָך וועגן לעבן אַ חוץ עס אָנצוכאַפּן בײַם גאָרגל? און ווער האָט אײַך בכלל אויסגעטראַכט אויף אונדזער קאָפּ? ווי אַ פאַרווונדעטער אָקס האָב איך אַ קוק געטאָן אויף איר מיט פאַרגאָסענע אויגן און מיטן גאַנצן כּוח אויסגעריסן בײַ איר דעם רידל. ס׳האָט מיט מיר געוואָרפן ווי אין אַ קדחת.

מערער האָב איך זי דאָרט נישט געזען. פּונקט ווי בײַם וואַשן דעם דיל, אַזוי אויך דאָ, האָט זי מסתּמא, מיט איר געניט אויג, געמאַכט דעם אויספיר אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, אויפ־געהערט מיר זאָגן דעם „גאָט־צו־הילף", ווײַל אַפילו גאָט, האָט זי פאַרשטאַנען, קען שוין אויך מיר דאָ נישט העלפן.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. און נישט מחמת איך האָב זיך נישט געסטאַרעט. איך האָב זיך נאָך אַזוי געסטאַרעט! דאָס גאַנצע ביסל כּוח, וואָס האָט נאָך געזשיפּעט אין מיר, האָב איך אַרײַנגעלייגט אין דעם גאָרטן. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין וואַלד בײַ דער זשיווויצע, פלעג איך קיין מאָל נישט גיין צו ערשט אַהיים זיך אָפּרוען אָדער כאַפּן עפּעס אין מויל אַרײַן, נאָר גלײַך געלאָפן אויפן אָגאָראָד. ווי אַ נישט־גוטער איז אין מיר אַרײַן. ווי

אַ דיבוק האָט זיך אין מיר באַזעצט. ס׳איז מיר שוין נישט געגאַנגען אַזוי אין גערעטעניש, וואָס איז פאַר זיך אַליין געווען אַזוי נייטיק פאַר אונדז, ווי אין מײַן מענטשלעכן האָנער. אַזאַ „גאָרנישט״, וואָס קען מיר דאַכט ביז דרײַ נישט ציילן, ווייסט נישט קיין צורת־אות. זי דווקא גייט אַרום וואַזשנע בײַ זיך, דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל, און אויף מיר קוקט זי ווי אויף עפּעס אַ טויגעניכטס. וואַרט אויס, איך וועל דיר נאָך ווײַזן! און איך האָב זיך אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט מיט לײַב און לעבן, געראַיעט מיט דער נאָז די ערד. ווער ס׳האָט צוויי מאָל געפּראַשעוועט די קאַרטאָפּליעס, איך האָב זיי אין גאַנצן נישט אויפגעהערט צו פּראַשעווען, זיך געיאָגט נאָך יעדן ווילדגרעזעלע, געשלעפּט צו צוויי עמערס וואַסער פון דער ווײַטער קערניצע, און דאָס אַלץ אויף אַ ליידיקן מאָגן, און ס׳האָט גאָרנישט נישט געהאָלפן. צי די ערד איז געווען שלעכט אויסגעאַרבעט, צי די זון האָט ווייניק געוואַרעמט אין דעם קוטאָק, מחמת געדיכטן שאָטן פון די אַרומיקע בײַמער, און אפשר האָב איך פאַרשפּעטיקט דעם מועד בײַם פאַרזעצן און אין סיביר, מיט איר קורצן פאַרלויפיקן זומער, איז יעדער טאָג זייער וויכטיק, ווער קען וויסן די סיבה? נאָר די באַטווינעס בײַ מײַנע קאַרטאָפּליעס האָבן געהאָט אַ קרענקלעכן אויסזען, געווען דאַר און געל ווי די העלדזלעך בײַ קינדער אין שווינדזוכט. האָב איך נאָך אַלץ נישט געלאָזט זיך און באַשלאָסן זיי אונטערצופּילעווען. גוט צו זאָגן פּילעווען, אָבער מיט וואָס? בין איך געפאַלן אויפן שׂכל און ווי אַ מאַמע, וואָס איז פּעיִק אויף אַלעמען צוליב אירע קינדער, נאָכגעטשאַטשעוועט די צוויי קי פון אונדזער אוטשאַסטאָק (איינע טאָקע פּאָפּאָווס און די צווייטע דעם מײַסטערס) בשעת זיי האָבן זיך געפּאַשעט אין וואַלד און צוגעגנבעט אַ פּאָר גרויסע רידלען קויט, נאָך וואַרעמע, נאָר־וואָס „פונעם אויוון״. די אַקציע האָב איך גוט פאַרפּלאַנירט, אויסגערעכנט אַזוי אַז קיינער זאָל מיך נישט כאַפּן בײַ דער האַנט, ווײַל איך וואָלט זיך דערנאָך נישט געקענט אַרומוואַשן אין טויזנט וואַסערן. איך האָב גוט געוווסט וואָס איך שטעל אײַן, נאָר ס׳איז געווען בײַ מיר אַ פראַגע פון טויט און פון לעבן,

האָב איך פון גאָרנישט געוואָלט וויסן און געלאָפן אַהיים מיט אַ זײַטיקער סטעזשקע, קיינעם נישט צו באַגעגענען, ווײַל דער שטינק פון דעם קויט וואָלט מיך געוויס געווען אויסגעגעבן. און ווײַל איך האָב געוואָלט וואָס גיכער זיך פּטרן פון דער טומאה, האָב איך מיט די הוילע פינגער צעדריבלט די פרישע לעפּיאָשקעס, שיער נישט דערשטיקט געוואָרן פון דעם שאַרפן ריח און מיט טרערן אין די אויגן עס צעשמירט אַרום די קוסטן און עס אײַנגעגראָבן אין דער ערד.

דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. איז מיר געבליבן נאָר בעטן צו גאָט. האָב איך געבעטן. אַ ברירה האָב איך געהאַט? איך האָב געבעטן און גערעדט צו אים ווי מ׳רעדט ווען ס׳ליגט אין שטוב אַ חולה־מסוכּן, אַ נוטה־לָמות און מ׳איז זיך שוין מיאש געווען פון אַלע מיטלען אים צו ראַטעווען. גאָטעניו, האָב איך געטענהט, וואָס האָסטו צו מיר? מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי בײַ דיר פאַרזינדיקט? שפּוף אַ ביסל חמותך אויך אויף דער צוררטע. ווו שטייט געשריבן אַז איר קומט אַלץ און מײַן גאָרטן זאָל זײַן צו שפּאָט? איך בעט נישט בײַ דיר קיין „זאַלבעצענט", מי אני איך זאָל אַזוינס פאַרלאַנגען? אָבער זאַלבעצווייט! וואָס זעט זיך עס אָן בײַ דיר?

✶

וויפל איך האָב נישט אָפּגעשטופּט דעם טערמין, איז פּאָרט געקומען דער טאָג פון אויסגראָבן אויף מײַנע קאַרטאָפליעס. ס׳איז געווען אַ זונטיק אין דער פרי. די זון האָט געגלעט מיט אַ ליבער האַרבסטיקער וואַרעמקייט. וואָס אַ שטייגער וואָלט מיר געפעלט, ווען נישט דער פאַרשאָלטענער אַגאָראָד? איך וואָלט געקענט אָפּרוען, אָדער גיין מיט אַלע צוזאַמען אין וואַלד נאָך יאַגעדעס. אויף זיי וואַרטן דאָרט יאַגעדעס מיט שוואָמען און אויף מיר וואַרט דער יום־הדין. פאַרפאַלן! מיר האָבן גענומען צוויי זעקלעך און רעדנדיק צווישן זיך, גלײַך ווי מיר גייען טאָן אַן אַרבעט אַזוי זיך, האָבן מיר זיך געלאָזט צום אַגאָראָד.

— ביז זיי וועלן זיך אומקערן פון וואַלד, וועלן מיר שוין זײַן

אין דר׳היים, האָב איך גערעדט צו מײַן מאַמען און געמיינט זיך אַליין.

— נעם זיך נישט אַזוי צום האַרצן, נאַריש קינד וואָס דו ביסט. זיי אַלע אין איינעם מיט זייערע גערטנער אַלס צוגאָב זענען נישט ווערט דײַן מינדסטן נאָגל.

— אוי מאַמע, איך וואָלט זיך הײַנט גערן מי׳ט זיי געביטן, אַוועקגעגעבן אַלע מײַנע אַזוי־צו־זאָגן קענטענישן פאַר איין בליענדיקן גאָרטן.

— אין דײַן גאָרטן וועט נאָך אַ מאָל בליען עפּעס שענערס פון קאַרטאָפליעס.

מײַן אָרעמע מאַמע, ווי נאָך האָט זי געקענט מיך טרייסטן? הזורעים בדמעה... אונדז האָבן געשטיקט די טרערן אויך בײַם שניט. אַ האַלב זעקל קאַרטאָפליעלער ווי ניסלעך די גרייס, דאָס איז געווען אַלץ וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן און אין צווייטן זעקל — די שאר־ירקות, אַ ביסל מייערן און אַלץ אַזעלכע קורצע און געקאַרבטע ווי די פּנימער בײַ זקנים, וואָס זענען אָפּגעשי׳ט מיט בראָדעווקעס, פון וועלכע ס׳וואַקסן אַרויס האָר, עטלעכע בוריקעס דווקא גרויסע, אַ צענדליק בריוקוועס און דער עיקר... רעטעכער. בײַם סאַמע פלויט האָב איך געהאַט אַ פּאָר מגושמדיקע רעטעכער, ממש ריזן, האָבן טאַקע די חבר׳ה־לייט אונדז אָנגעפּולט דאָס זעקל און צוגעדעקט דעם דלות.

— אַ ביסעלע רעטער מיט ציבעלע מיט שמאַלץ, אַי, וואָס קען זײַן בעסער?

— יאָ, דאָס איז טאַקע רעכט ווען ס׳איז פאַראַן די ציבעלע מי׳טן ביסעלע שמאַלץ און דער רעטער אַליין איז אויך נישט פּילטשעווע.

אַזוי האָבן מיר זיך אַליין פאַררעדט די ציין און זיך אַלץ אַרומגעקוקט צי ס׳זעט אונדז קיינער נישט אין אונדזער געפאַלנקייט.

זי איז דאָ! האָב איך פּלוצעם דערהערט מײַן אייגן קול און געוואָלט באותו רגע אויסדרייען דעם דישל אויף צוריק, נאָר דאָ איז געשען דער גרויסער נס, דאָס אומגעריכטע, וואָס האָט איבער־

געקערט די שיסל, ווי מ׳זאָגט, מיטן מויל אַראָפּ און זי, די מרשעת, רעהאַביליטירט בײַ אונדז אין די אויגן. די פּאָפּאָווועכע, וואָס האָט נישט גערוט ווי דער סמבטיון, אַפֿילו זונטיק, איז גראָד געשטאַנען בײַ זיך אויפֿן שטח און געקוועלט אויף די שיינע הייפּטלעך קרויט, וואָס האָבן געוואַרט אויפֿן ערשטן פֿרעסטל כּדי זיך אָנצוגיסן מיט זאַפֿט און רײַף ווערן צום אַראָפּנעמען, פּלוצעם האָט זי אונדז דערזען פֿון דער ווײַטנס מיט די צוויי מאָגערע טאָרבעס אין די הענט און גלײַך זיך אָנגעשטויסן וואָס־ווער־און־ווען, האָט זי זיך גיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, זיך אָנגעבויגן, אויפֿגעהויבן אַ שטעקעלע און גענומען זיך אַרויסטרײַבן דאָס קעלבל פֿונעם אָגאָ־ראָד, או, כּאָליעראַ... האָבן מיר זי געהערט שרײַען אויף אַ קול און ס׳איז דאָרט גאָר קיין שום קעלבל נישט געווען. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט, איז זי שוין געהאַט געווען אַרײַנגעלאָפֿן צו זיך אין שטוב אַרײַן.

פֿאָרט אַ מענטש, אין אונטערשטן סך־הכּל.

## וואַנדאַ

גלײַך נאָך דער לוויה, האָט וואַן־וואַניטש אונדז צוויסן געגעבן דורך אַניע די בריגאַדירשע, זאָלן מיר זיך אַלע צונויפקומען אין דער „קיך־סטאָלאָווע" און חוץ די שיסעלער מיטנעמען מיט זיך אויך די קווערטלער. אַ... דאָס איז שוין געווען פּאַר אונדז אַ גרויסער סורפּריז. דעם אמת געזאָגט — האָבן מיר זיך דווקא דאָס מאָל יאָ געריכט אויף שטיקלער פּאַמינקעס, געוווּסט אַז עפּעס קאָכט זיך דאָרטן, נישט אומזיסט איז די אַנטאָנאָוונע געלאָפן מיט אַ ברעם האַלץ, געשנאָרכעט מיט דער נאָז און געפּינטלט מיט די אויגן, ווי געוואָלט זאָגן — פרעגט מיך נישט, איך ווייס נישט גאָרנישט. נאָר קווערטלער!?... דאָס איז אין גאַנצן עפּעס אַנדערש. אַ נישט געהערטע זאַך! מיר זענען עס פּשוט נישט געוווינט געווען. געשטאָרבן, האָבן מיר געוווּסט, איז באַגראָבן... ותנוח על משכבך און די ערד זאָל דיר זײַן גרינג ווי אַ פּעדער. מ'האָט זיך ווינציק־וואָס גענומען דאָרטן צום האַרצן פון אַזעלכע זאַכן. אין „כּימלעס־כאַז", האָבן מיר געוווּסט, איז קיינער נישט געבוירן געוואָרן, אַהין איז מען געקומען שוין אַ פאַרטיקער, נאָר שטאַרבן?... פּאַזשאַ־לוסטאַ!... ווען דו ווילסט און ווי דו ווילסט, מיט אַ נאַטירלעכן טויט אָדער מיט אַ מיתה־משונה, קיינעם איז עס נישט אַנגעגאַנגען. מ'האָט דעם טויטן אַפילו ניט געדאַרפט פון ערגעץ אויסמעקן, ער איז אין ערגעץ נישט געווען פאַרשריבן. דאָס הייסט אין קריי־וואַשיינאַ, אין ראַיאָן־צענטער, האָט ער מסתמא יאָ פיגורירט אין איינעם פון די צעטלען, נאָר ווו איז געווען קריוואַשיינאַ און ווו איז דער וואַלד? ס'איז פּאָלג מיך אַ גאַנג! די איינציקע רשימה, פון וואַנעט זײַן נאָמען האָט אָראָפּגעקוקט, איז געווען די רשימה אויף ברויט, האָט טאַקע דער מײַסטער, בדרך־כּלל, זיך נישט גע־אײַלט אים אויסשליסן פון צווישן די לעבעדיקע און געירשנט זײַן

חלק ברויט ביז... ביז מ׳האָט אים אַראָפּגענומען פון „בענקל״ און אים פאַרביטן מיט אַ צווייטן.

אין גאַנצן עפּעס אַנדערש איז געווען דאָס מאָל. וואַן־וואַניטש האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרצן פון איר טראַגישן טויט, אַז מ׳האָט געציטערט פאַר זײַן לעבן, מורא געהאַט ער זאָל זיך, אַ מאָל, אַליין אַ מעשׂה נישט אָנטאָן. דאָס פּנים איז אים געווען שוואַרץ ווי די ערד און מ׳האָט שוין אין גאַנצן קיין פּנים נישט געזען, נאָר דעם הויקער, וואָס האָט אים געשטאַרצט ווי אַ קעפּל פון אַ קינד, ווען מ׳טראָגט עס אויף די פּלייצעס. ט׳האָסטו דיר — כּל מום רע! אַליין האָט ער אויסגעגראָבן דעם גרוב, אַליין זי אַראָפּגעלאָזט, פאַרשיט און אײַנגעגראָבן איר צוקאָפּנס אַ צלם, וואָס ער האָט אַליין, אַזוי־אַ קרומערהייט, געטעסעט נאָך פון גרויסן פאַר טאָג. דער איינציקער צלם אויף אונדזער אוטשאַס־טאָק! געגעוג ספקות האָבן מסתּמא געמאַטערט זײַן געוויסן בנוגע דעם צלם, נאָר ערגעץ־ווו האָט ער געוווסט, אַז דאָס וואָלט זיכער געווען דער פאַרשטאָרבענערס ווילן און וואַנדאַס רצון איז בײַ אים געווען הייליק.

— איר נשמה זאָל רוען אין דער הימלישער ממלכה, איז ער צוגעגאַנגען צו יעדן אין קיך און אים אַ פּליוסקע געטאָן אין קווערטל אַ ביסל סאַמאָגאָן פון דער פלאַש.

פאַרנאַכט, ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָט ער גענומען צוויי ברעטער און מיט גרויסע טשוועקעס פאַרקלאַפּט פון דרויסן די טיר פון איר ווינונג. יעדער קלאַפּ האָט אָפּגעהילכט אין וואַלד און אָנגעזאָגט די מענטשן, אַז דאָ, אין דעם פאַרשאָלטענעם עק־וועלט, פאַרהאַקט מען איצט די טירן פון אַ גרויסער ליבע, קיינער זאָל אַהין נישט קענען אַרײַנקוקן און זי מטמא זײַן. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער דערנאָך געזעסן דאָרט אויף די טרעפּ, געררייכערט איינס נאָכן אַנדערן, און... שוין. מער האָבן מיר אים נישט געזען. די ערשטע טעג האָט עס געדאַרפט הייסן, אַז מ׳האָט אים דרינגלעך אַרויסגערופן אין ראַיאָן, נאָר אַז ס׳איז פאַרבײַ אַ וואָך און נאָך אַ וואָך און טאָקע נאָך אַ וואָך און וואַן־וואַניטש האָט זיך מער נישט

באַוויזן, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז עס... און גענומען וואַרטן אויף אַ נײַעם מלך.

★

וואַנדאַ איז געווען די איינציקע לאַטישקע אויף אונדזער אוטשאַסטאַק און, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, איז נישט נאָר אויף אונדזער אוטשאַסטאַק, נאָר אויפֿן גאַנצן „כימלעסכאָז״. פֿאַרוואָס? — דאָס מזל אירס האָט אַזוי געפֿירט. אין וועג, אויף דער באַרזשע, האָבן זיך איר מיט אַ מאָל צעמאָזלט ביידע קינדער — אַליק און טאַליק, געברענט ווי אין אַ העליש פֿײַער און דאָ... קיין דאָקטער נישט, קיין מעדיקאַמענטן און אַפֿילו נישט קיין ביסל מילך זיי צו באַנעצן די צעטרעשטשעטע ליפּן. איז זי געווען שרעקלעך פֿאַרלוירן און אַראָפּ מיט די קינדער אין קיפּרושקאַ, די ערשטע סטאַנציע, אַזוי צו זאָגן, אויפֿן אָב. אַזוי איז זי אָפּגעשטאַנען פֿון אירע לאַנדס־לײַט, וואָס זענען פֿאַרפֿאָרן עט־עט־ווײַטער, אַזש ביז מאָלטשאַנאָווע. די ערשטע טעג האָט זי בכלל וועגן גאָרנישט נישט געטראַכט, געזוכט בלויז ראַטעווען די קינדער, נאָר ווען דאָס פֿאָרל איז צו ביסלעך געקומען צו זיך און זי האָט זיך אַרומגעקוקט אַז זי איז איינע אַליין דאָ מיט איר שפּראַך, מיט אירע געוווינהייטן, מיט אירע מנהגים, האָט זי אָנגעהויבן ברעכן די הענט און אויף איר „צעבראָכענעם״ רוסיש געבעטן „נאַטשאַלסטווע״ מ׳זאָל איר דערלויבן איבערפֿאָרן נאָענט צו אירע לאַטישן. מ׳האָט זיך אויס־געלאַכט פֿון איר. אַזוי איז זי געקומען אויף אונדזער אוטשאַסטאַק מיט די צוויי פּיצלעך קינדער אין עלטער פֿון דריי־פֿיר יאָר און זי אַליין... קוים אַריבערגעשפּאַנט די צוואַנציק.

וואַנדאַ איז געווען אַ שיינהייט. אַ הויכע, אַ שטאַלטנע, אַ גוט פֿאַרקנעטענע, דאָס פּנים — בלוט און מילך, מיט אַ געדיכטן צאָפּ בלאָנדע האָר, אַרומגעלייגטע ווי אַ קראַנץ אַרום קאָפּ. זי האָט געשטאַמט פֿון אַ דאָרף הינטער ריגע און געווען די פֿרוי פֿון אַ יונגן פּאַסטאָר. איך האָב אַ מאָל געזען זייער בילד פֿון דער חתונה, האָב איך זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף דעם פּאָרל — ער אין

אַ פּרעכטיקן פּראַק מיט אַ שוואַרץ באַבעלע אויף דער שפּיצן־מאַנישקע און זי — אין אַ ווײַס קלייד מיט אַ לאַנגער פּאַטאַ. דעם מאַן אירן האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, אין די ערשטע טעג נאָכן אַרײַנקומען פֿון די סאָוועטן, תּיכּף אַרעסטירט. ער האָט וועגן זײַי פֿאַרגעשטעלט מיט זיך, אַזוי צו זאָגן, די „טונקעלע כּוחות פֿון דער רעליגיע" דעם „אָפּיום פֿאַרן פֿאָלק". וואַנדאַ איז געבליבן אין דער גרויסער שטוב, אײנע אַליין מיט די קינדער און נישט געוווּסט וווּהין זיך אַהינטאָן פֿון בענקשאַפֿט און ייאוש. האָט מען איר געוויזן אַז בײַ די סאָוועטן איז עס נאָך פֿון די קלײנע זאַכן, פֿאַראַן בײַ זיי אַ נומער ערגער און אין אַ האַלב יאָר אַרום זי מטריח געווען קיין סיביר.

צרות רבים... זי האָט אַפֿילו די נחמה נישט געהאַט, ווײַל זי האָט קוים פֿאַרשטאַנען וואָס מ'רעדט צו איר און געווען געפֿאַלן בײַ זיך הלמאי זי דאַרף אָפּט אָנקומען צו דער פֿינגער־שפּראַך, ווי אַ טויב־שטומע.

אומיסטן אָדער צופֿעליק, נאָר דאָס צימער, די וווינונג אירע, האָט זיך געפֿונען אויף די „ווויסילקעס". דאָס איז געווען אַ מין „פֿליגל", וואָס האָט צוגעגעבן אונדזער באַראַק די פֿאָרמע פֿון אַ דלת. אין אָט דעם „פֿליגל" זענען געווען אינגאַנצן צוויי דירות, יעדע דירה איז באַשטאַנען פֿון אַ צימער מיט אַ בײַקאַמער, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדער גאַניקל אויף עטלעכע טרעפּ. וואָלטן זײַ, דאַכט זיך, געדאַרפֿט הייסן גרויסאַרטיקע קוואַרטירעס לויט יענע סטאַנדאַרטן, איז אָבער די צרה געווען, וואָס די דאָזיקע דירות האָבן אַרויסגעקוקט צפֿון־זײַט, די זון האָט אַהין קיין מאָל נישט דערגרייכט, דערפֿאַר האָבן שוין דאָרטן די ווינטן אייביק געוואָיעט און נישט געלאָזט אין די פֿרעסט איבערכאַפּן דעם אָטעם. איז מען מוחל געווען דעם „קאָנפֿאָרט" און זיך באַגענוגט מיט די בשותּפֿות־דיקע צימערן אין באַראַק. דאָ איז געווען אַ לאַנגער קאָרידאָר, „די לענינאַ", האָבן מיר אים גערופֿן, און „די לענינאַ" האָט געפֿירט צו אַלע שכנים און אַפֿילו צו דער קיך, אָן דעם מ'זאָל דאַרפֿן אַרויסגיין אין דרויסן. שיקאַרנע באַקוועמלעכקייטן!! דערפֿאַר טאַקע

האָבן מיר געקוקט מיט מיטלייד אויף די אײַנוווינער פון די „ווויסילקעס״, ווי איינער רעדט, — יענע זענען ערשט די אמתע פאַרשיקטע, מיר לעבן נאָך ווי גאָט אין אָדעס.

וואַן־וואַניטש האָט איר דווקא תּיכּף פאַרגעלייגט זיך בײַטן מיט אים מיט די צימערן, נאָר, צי זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען, צי זי האָט געוואָלט ווינען באַזונדער, וואָס ווײַטער פון דער קוטשע פרעמדע מענטשן, אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. זייער דאַנקבאַר איז זי אים געווען וואָס ער האָט זי געשטעלט צו גרינגער אַרבעט אַרום באַראַק און נישט געשיקט זי אין וואַלד צו דער זשיוויצע. דאָ האָט זי געקענט אַלע מאָל אַרײַנלויפן אין שטוב כאַפּן אַ קוק צו די קינדער.

— באַלשאָיע ספּאַסיבאָ, איוואַן איוואַנאַוויטש, האָט זי „אויסגעזונגען״ דעם דאַנק מיט אַ שווערן לאַטווישן אַקצענט, זיך פאַרנייגט ביזן גאַרטל, און נאָך צוגעגעבן עטלעכע אומפאַרשטענדלעכע פאַר אים ווערטער.

— לאַדנאָ, לאַדנאָ, בוק זיך נישט אַזוי שטאַרק, איך בין דיר נישט קיין באַטיושקאָ. וועסט עפּעס דאַרפן, איז אָן צערעמאָניעס, קום אַרײַן און מאָן.

געזאָגט און גלײַך זיך געכאַפּט אַז ר׳האָט געהאַנדלט ווי אַ גראָבער נפש, גערעדט נאַרישקייטן, ס׳איז, אָבער, געווען שוין צו שפּעט. אַ וואָרט איז ווי אַ פייגעלע — אַרויסגעלאָזט, איז פאַרפאַלן. ר׳האָט געפרוווט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט פון דעם גאַנצן ענין, ס׳האָט אים, אָבער, נישט געלאָזט רוען. די וואַנדאַ, אַפּנים, איז אים פון ערשטן טאָג אַרײַן מיט ביידע פיס אין האַרצן. האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט און צווישן פיר אויגן איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער פערזענלעך האָט גאָרנישט קעגן דער רעליגיע, פון זײַנעטוועגן מעגן אַלע קלויסטערס קלינגען מיט די גלעקער בײַטאָג און בײַנאַכט און ווער ס׳וויל נאָר, זאָל גיין זיך מאָליען וויפל זײַן האַרץ גלוסט. וואַנדאַ האָט זיך צעשמייכלט, פאַרשטאַנען הייסט עס, און די שטראַלן פון דער קאַרגער סיבירער זון האָבן זיך אַלע אָפּגעשפּיגלט און צעבלישטשעט אין אירע העל־גרינע אויגן.

— סאָלנישקאָ מאָיאָ, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן פון גרויס התפּעלות.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער האַלב־שטומער, ווילד־מאָדנער ראָמאַן צווישן דער יונגער קראַסאַווּיצע און דעם פאַרקריפּלטן אַלטן בחור אויף דעם סאַמע פּאַרוואָרפנסטן, פון גאָט פאַרגעסענעם, ווינקל אויף דער ערד.

וואַן־וואַניטש איז געוואָרן נישט צום דערקענען. די פּלייצע האָט זיך אים ווי אַ ביסל אויסגעגלײַכט, די גרינע שקאַרפּעטקעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן שפּאָט בײַ די ווײַבער, האָט ער פאַרביטן מיט ווײַסע, פון נײַער וואָל אויסגעשטריקטע און אויף דער „באַזע" האָט ער געפונען אַ צירולניק, וואָס האָט אים אונטערגעשוירן אַ־לאַ „באָקס". שטילערהייט האָט ער אַפילו געבעטן מ'זאָל אויפֿהערן מיט דעם „וואַן־וואַניטש" און רופן אים ווי ס'געהער צו זײַן — איוואַן איוואַנאָוויטש. ער איז בפירוש געווען גערעכט. אַז גאָט האָט אים באַליידיקט און אים אָפּגעשאָסן אַן אַקסל איז וויניק? דאַרפן נאָך מענטשן אים אָפּשיסן אויך דעם נאָמען?

✶

אַ גאַנצן ווינטער האָט מען די קינדער אין דרויסן נישט געזען. די פרעסט האָבן זיך געצויגן אַן איבעררײַסן, אָפּט מאָל דערגאַנגען ביז 40 גראַד קעלט און נאָך מער, זענען זיי געלעגן מערסטן טייל אויפן געלעגער צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע און זיך געשפּילט מיט די לאָשעקלעך און הינטעלער, וואָס דער „דיאַדיאַ וואַניאַ" האָט קונציק פאַר זיי אויסגעשניצט פון האָלץ. איין מאָל האָט ער זיי געבראַכט אַפילו אַ וועווערקע, אַן אמתע וועווערקע, נישט קיין לעבעדיקע, אַן אָנגעפּולטע מיט זעגעכץ, זי אַוועקגעזעצט אויף אַ קעסטעלע אין ווינקל צימער און איר אַרײַנגעלייגט אין די אייבערשטע לאַפּקעס אַ גרויסע שישקע. די קינדער זענען געווען אויסער זיך פון התפּעלות, געקושט דעם „דיאַדיאַ וואַניאַ" און געגלעט זײַנע קורצע שטעכיקע האָר. וואַן־וואַניטש האָט זיך אויסגעהוסט דעם האַלדז כּדי צו פאַרטרײַבן די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט.

ווער האָט זיך געריכט אויף אַזאַ גליק און מיט וואָס האָט ער עס פאַרדינט?

ווען זי וויל אַפילו אים אָנטאָן דאָס פאַרגעניגן און אים זאָגן עפּעס האַרציקס, עפּעס דערקוויקנדיקס, האָט זי נישט געקאָנט. דער סקודנער זאַפּאַס רוסישע ווערטער האָט עס נישט דערמיג־לעכט. האָט זי געשמייכלט... און דאָס איז געווען פאַר אים זײַן גאַנצע וועלט. פאַרשטייסט, ליובע מײַנע, אַפילו מײַן אייגענע מאַמע האָט צו מיר קיין מאָל נישט געשמייכלט, שטענדיק זיך נאָר גע־בייזערט אויף מיר הלמאַי איך בין געבוירן געוואָרן אַ קאַליקע און קיין העלפער אין דער ווירטשאַפט וועל איך נישט זײַן, סתּם אַן איבעריק מויל צום האָדעווען.

— סטראַשנאַ... האָט זי נאָר געוווסט צו זאָגן און אים געגלעט די אויסגעהאָרעוועטע הענט זײַנע.

— אַוודאַי סטראַשנאַ, און נאָך ווי אַזוי! אין די נעכט פלעג איך באַגיסן מײַן געלעגער מיט טרערן, אײַנגראָבן דעם קאָפּ טיף אין שטרוי, מײַן געוויין זאָל צו קיינעם נישט דערגרייכן, אַפילו נישט צו גאָט, ווײַל גאָט, האָב איך געוווסט, האָט מיך אויך פײַנט, אַנדערש פאַרוואָס האָב איך געדאַרפט געבוירן ווערן נישט ווי אַלע אַנדערע מענטשן?

— שווײַג, רעד נישט קעגן גאָט. גאָט איז אַ גוטער. גאָט איז נישט שולדיק אין דעם וואָס מענטשן טוען.

— וואָס־זשע פאַר אַ גאָט איז ער, אויב ער קען נישט ווירקן אויף די מענטשן און זיי אָפּהאַלטן פון באַגיין עוולות? נאָר ווילסט גלייבן, האָט ער תּיכּף געכאַפּט אויף צוריק, גלייב. קיינער שטערט דיר נישט. ס'קען זײַן אַז די אמונה שטאַרקט דעם מענטשן, איז גלײַכער אַז מ'האָט צו וועמען זיך צו ווענדן אין אַ נויט.

— איך מוז גלייבן, אַניט בין איך אַ פאַרפאַלענע.

וואַן־וואַניטש האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, פאַרשטאַנען דעם רמז און געשוויגן. וואָס קען ער איר אויף דעם זאָגן? ער ווייסט עס אַליין... אים ליב צו האָבן איז אַ חוץ אַלעמען אַ גרויס פאַר־ברעכן. נאָר ער מאָנט דען פון איר ליבע? זי ברענגט אַזוי אויך אַ

גענוגן קרבן מיט דעם וואָס זי לאָזט זיך פֿון אים ליב האָבן. דער קרבן זאָל כאָטש אַ מאָל ריכטיק אויסגעטײַטשט און אָפּגעשאַצט ווערן! מיט גאָט וועט זי נאָך אפֿשר דורכקומען, דער מאַן אירער, דער באַטיושקאַ, זאָל עס נאָר וועלן דערנאָך פֿאַרשטיין.

וואַנדאַ האָט ווי ווײַט מיגלעך זיך אָפּגעהאַלטן פֿון אַזעלכע געשפּרעכן. דעם טויט, האָט זי אים אַ מאָל געזאָגט, קען מען נישט אויסמײַדן, נאָר צו וואָס שטאַרבן אַלע טאָג פֿאַר פּחד און עגמת־נפֿש? הייסט עס אַז זי איז נישט נאָר אַ יפֿת־תּואר. נאָר אויך אַ חכמה און וואַן־וואַניטש האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די שפּיץ פֿינגער, געוואָלט איר אַ קוש טאָן אין די אויגן און דער־לאַנגט אין דער נאָז. זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סאָסולקעס אויף די סטרעכעס, האָבן זיך אויך באַוויזן אין אָפּגעגאַנגענעם פֿענצטער די צוויי קינדער — אַליק און טאַליק, מיט צוגעפּלעטשטע נעזלעך צו די שויבן. אַלע האָבן צו זיי געשמייכלט, ווי מ׳שמייכלט צו די ערשטע בלימעלעך, וואָס באַווײַזן זיך פֿון אונטער דעם שניי און באַגריסט זיי מיט די הענט בײַם פֿאַרבײַגיין דעם „פֿליגל״. זיי האָבן אַפֿילו קיין פֿינטל מיטן אויג נישט געטאָן, געקוקט ערנסט, אַ ביסל פֿאַרכמורעט, נאָר פֿון דעסטוועגן צופֿרידענע, וואָס ס׳האָבן זיך סוף־כּל־סוף פֿאַרברייטערט זייערע האָריזאָנטן. פֿון אַרויס־גיין אין דרויסן האָט נאָך דערווײַל נישט געקאָנט געמאָלט זײַן. וואַנדאַ האָט זיך געדרייט דעם מוח ווי אַזוי צו פֿאַרלענגערן אַ ביסל די הייזלעך מיט די רעקעלעך, פֿון וועלכע די קינדער האָבן אַרויסגעוואַקסן פֿאַרן ווינטער און וואַן־וואַניטש האָט געמײַסטרע־וועט פֿון פֿאַקליע, בײַ זיך אין צימער, צוויי פּאָר שיכעלעך, וואָס ער האָט זיך געקליבן אונטערצונייען מיט שטיקלעך ברעזענט און פֿון אויבן ערשט מיט סעראַטע, זיי זאָלן בעסער האַלטן און טאַקע אויסזען פּריליטשנע. דאָס האָט גדאַרפֿט זײַן דער גרויסער סורפּריז, נישט נאָר פֿאַר די קינדער, נאָר אויך פֿאַר וואַנדאַן, האָט ער גע־אַרבעט בײַ אַ פֿאַרשלאָסענער טיר, קיינער זאָל אים נישט קענען אויסגעבן.

דעם ו־טן מאַי האָט מען דאָס פּאָרל אויסגעפּוצט „אין עסיק און אין האָניק" און מ'איז מיט זיי געגאַנגען אויף דער באַזע פּײַערן דאָרט, צוזאַמען מיט אַלע, דעם גרויסן יום־טוב פון די אַרבעטער. די מײַסטערס פון אַלע אוטשאַסטקעס זענען, פאַרשטייט זיך, געזעסן אויבנאָן, אויף דער בינע, אין פּרעזידיום, און וואַנ־וואַניטש, מיטביידע קינדער, צווישן זיי. וואַנדאַ איז געזעסן אין זאַל אויף אַ באַנק און געקוועלט. — אַזאַ גאָלדענע נשמה אין אַזאַ צעבראָכענעם גוף!

— אַ גליק האָט זי געטראָפן די אומפאַרשעמטע, האָבן בייזע צונגען איר נישט פאַרגונען דאָס ביסל פרייד, אַזאַ מאַן פאַרביטן און אויף וועמען? טפו זאָל זי ווערן!

— וואַרט אויס, שפּײַ נישט אַזוי שטאַרק, ווען וועסט אַליין האָבן קינדער און דער חלף וועט דיר ליגן אויפן האַלדז, דעמאָלט וועלן מיר הערן וואָס דו וועסט זאָגן.

*

וואַנדאַ איז, ווײַזט אויס, שוין פון לאַנג געווען אַ פאַרמשפּטע, דער מלאך־המוות האָט בלויז אַ ביסל אָפּגעלייגט דעם אויספיר פונעם גזר־דין, זי געלאָזט דערווײַל נאָך אויף דער פרײַ, ביז ער וועט זיך אָפּפאַרטיקן מיט בילכערע פאַראורטיילטע און דעמאָלט וועט ער פאַרוואַרפן דעם שטריק אויף איר האַלדז. האָט זי קאַ־קעטיש פאַרשטעקט די שפּיצן פונעם קליידל אין איר גאַרטל און געוואַשן, גערייניקט, אַרײַנגעטראָגן, אַרויסגעטראָגן, געלופטערט און אַרויסגעטריבן פון שטוב די שפּורן פונעם ווינטער. די טרעפּ אַפילו, פאַר דער שטוב, האָבן בײַ איר געפינקלט פון ריינקייט. ס'איז געווען אַן עבירה זיך אָפּווישן די שיך אין דער שמאַטע בײַ דער שוועל, אַזוי ריין־ווײַס איז זי געווען אויסגעוואַשן. אַ בריה־נפלאה! אַפילו וואַזאָנען האָט זי זיך אײַנגעזעצט אין ערדענע טעפּעלעך. וועמען האָבן דאָרט אויסגעפּעלט אַזעלכע זאַכן? האָבן אַלע גע־קוקט אויף איר ווי אויף אַ מאָדנע נפש, געצויגן מיט די אַקסלען, ווער ס'האָט זי באַוווּנדערט און ווער ס'האָט געשטויגט. ביז... ביז

אין אַ שיינעם טאָג, באמת אַ שיינעם טאָג, די זון האָט געוואָרעמט, געצויגן אין דרויסן אַרויס, האָבן אַליק און טאַליק אַזוי זיך פאַר־שפּילט און צעפלאַקערט, ביז זיי האָבן זיך, אומווילנדיק, דער־ווײַטערט פון דער שטוב און פאַרלוירן דעם וועג צוריק. האָבן זיי זיך דערשראָקן, אָנגעהויבן לויפן און נאָך ערגער זיך פאַרפּלאָנ־טערט. זייערע געשרייען און געוויינען האָט קיינער נישט געהערט, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער אַ בוים און געכומען וואַרטן די מאַמע מיטן דיאַדיאַ וואַניאַ זאָלן קומען זיי אַהיימנעמען. דער־ווײַל איז מען הונגעריק געוואָרן און אַ גרויסע רויטע שוואָם האָט צו זיי געווונקען מיט אַלע אירע ווײַסע חן־פּינטלען, האָבן זיי די שיינע שוואָם אַרויסגעצויגן איינס און צוויי, אַקוראַטנע זי אָפּגע־טרעסט פון דער ערד, איבערגעבראָכן פונקט אויף צווייען און זיך אונטערגעלייגט די הערצעלעך. אַזוי האָט מען זיי געפונען אין אַ פּאָר שעה אַרום, איינעם נעבן אַנדערן, מיט אַ פאַרטריקנטן שוים אויף די ליפּעלעך און מיט פאַרשטאַרצטע גרימאַסן פון שווידער־לעכע בוויכגרימעניִשן אויף זייערע פּנימלעך.

אויב ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, האָט ער אין יענעם טאָג אָן איבעריקס מאָל געקלאָגט און געוויינט על מעשׂה ידיו.

— — — — — — — — — —

וואַנדאַ האָט באַקומען אַ ווילדן אויסזען. אַ פּחד איז געפאַלן אַ קוק טאָן אויף איר. די האָר צעשויבערט, די אויגעפּל אַרויסגע־זעצט פון די לעבער, האָט זי געקוקט ווי אַ פאַרווונדעטע חיה, וואָס מ'האָט אין איר געשאָסן און נישט דערשאָסן אויף טויט. קיינעם האָט זי צו זיך נישט צוגעלאָזט, נישט וואָן־וואַניטשן, נישט עמעצן אַנדערש פון די שכנים, געטאָגט און גענעכטיקט נעבן די קינדער אין וואַלד און בסדר געבאַמבלט עפּעס גיך־גיך אויף איר פרעמדער שפּראַך, ווי אויסגעטענהט זיך מיט עמעצן, נאָר מיט ווערמען און פאַר וואָס האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי זיך אויפגעהאַנגען.

# „פּיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ"

געהייסן האָט זי חנה, נאָר גערופן האָט מען זי ליאַליע, ובצדק, זי איז געווען טאַקע ווי אַן אמתע ליאַלקע. ווען ס'איז היינט, אַ שטייגער, וואָלט מען זי, זיכער, גערופן „באַרבי", ווייל גראָד צו דעם סאָרט ליאַלקעס האָט זי געהערט — מיט אַ שיין פּנימל, הויכע סקולעס, אַ געטאָקט נעזל, אַפּעטיטנע ליפּן און אַ ראַסקאַשנע גריווע קופּערנע געלאָקטע האָר. אַ טאַליע האָט זי געהאַט... אַרומצונעמען מיט די הוילע פינגער, דערפאַר, אָבער, זענען אויך די פיס ביי איר געווען ווי צוויי שטעקעלער, לאַנגע און דאַרע. נאָר, ס'איז דאָך געווען ליאַליע און נישט אַבי ווער, האָט זי געוווּסט ווי אַזוי זיך אַן עצה געבן מיט זיי — זי האָט געטראָגן לאַנגע קלאָשירטע קליידלער, שיכעלער אויף הויכע קנאַפּל און ס'האָט זיך באַקומען זייער עלעגאַנט און טאַקע איר צוגעדעקט דאָס, וואָס זי איז נישט פאַראינטערעסירט געווען מ'זאָל עס זען. זי האָט געהאַט שׂכל אין קעפּעלע! חוץ דעם איז זי געווען אַ „שטאָטישע", פון בעלץ, געוווּסט ווו איין און ווו אויס און אויף אונדז שטענדיק געקוקט פון אויבן אַראָפּ, ווי איינער רעדט: וואָס ווייסט איר און וואָס פאַרשטייט איר, מיידלעך פון הינטערן אויוון? אַזוי פלעגט זי חוזק מאַכן, אויסלאַכן, און דעם אַנדערן זומער ווידער קומען צו אונדז צו גאַסט. זי האָט דאָ, אין שטעטל, געהאַט אירע באָבע און זיידע, פלעגט זי יעדן זומער זיי „אָפּדרייען" דעם קאָפּ, אויסנאַרן און שלעפּן ביי זיי אַן דעם מינדסטן געוויסנביסן. אויך וואָס שייך „געזעלשאַפט", האָט זי נישט געדרימלט, אַליין „געברענט אַ וועלט" און מיט אונדז, די אָפּגעשטאַנענע, געלערנט אַ פּרק ווי אַזוי צו מאַכן אַ לעבן. מיר האָבן זיך טאַקע ביי איר דערוווּסט אַ סך „פּיקאַנטע זאַכן", חוץ וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט שענער אָנטאָן, פאַרקעמען זיך לויט דער מאָדע, בכלל אַכטונג געבן אויף אונדזערע נאַריאַדן און פּריטשאָסקעס, זאַכן, וועגן וועלכע מיר

האָבן, ביז איר קומען צו אונדז, קיין אָנונג נישט געהאַט. הײַנט די „בעלער", וואָס זי פֿלעגט אײַנאָרדענען טאַקע בײַ איר באָבען אין „זאַל"! אַפֿילו אַ פֿאַטעפֿאָן מיט פּלאַטעס האָט זי זיי געצוווּנגען צו קויפֿן. בײַ ליאַליען איז נישט געווען פֿאַראַן־נײַן, זי, אַז זי האָט זיך אַרײַנגענומען עפּעס אין קאָפּ, האָבן די אַלטע־לײַט אירע קיין ברירה נישט געהאַט, געמוזט איר נאָכגעבן. האָט זי אונדז געלערנט טאַנצן „טאַנגאָ", נישט סתּם זיך אָננעמען בײַ די הענט ווי צוויי קליינשטעטלדיקע פּלעבבט, איר זאָלט מיר מוחל זײַן, נאָר צוקלעפּן זיך איינער צום צווייטן, קוקן זיך אין די אויגן, אַזוי אַז איינער זאָל פֿילן דעם אָטעם פֿונעם אַנדערן. זי איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען שטענדיק די „קייסערינע" פֿונעם באַל און, אַלס אַזעלכע, האָבן אַלע קאַוואַלירן געדאַרפֿט זיך שטעלן פֿאַר איר אויף אַ קני און איר אַ קוש טאָן אין האַנט. שיינע שטיק!! זי איז אונדז, מיט אירע שטוטשקעס, גענוג געלעגן אין די זײַטן. אַלע מאָל האָט זי בײַ אַן אַנדער מיידל „אָפּגעשלאָגן" דעם קאַוואַליר, און נישט מחמת גרויסן אינטערעס צו אים, נאָר אַזוי... וועגן „דיסטראַקציע". דער ווייטיק איז געווען נאָך גרעסער, ווײַל מיר האָבן געוווּסט אַז זי דאַרף די „קליינשטעטלדיקע יאָלדן" אויף כּפּרות, נאָר גיי עפֿן די אויגן אַ פֿאַרליבטן נאַר, ווען יענער איז אַזוי גרויס בײַ זיך און האָט זיך אײַנגערעדט, אַז גראָד אים מיינט זי טאַקע ערנסט. קיינער האָט נישט געקאָנט בײַשטיין איר „דעמאָנישן שאַרם", האָט זי געדרייט מיט די חברה ווי אַזוי זי האָט געוואָלט, ביז ס'איז איר נמאס געוואָרן, איז זי איבערגעגאַנגען צו אַ צווייטן. דערפֿאַר, טאַקע, האָבן אַלע, ס'מעג זײַן אויך אירע באָבע־זיידע, אָפּגעאָטעמט פֿרײַ ווען זי פֿלעגט פֿאַרענדיקן דעם גאַסטראָל און זיך אָפּטראָגן אַהיים, צו זיך קיין בעלץ. צו ביסלעך האָבן אַלע זיך באַרויקט, יעדער האָט זיך אומגעקערט צו זײַן פֿאַראַטענער סימפּאַטיע און שלום האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל... ביזן צווייטן סעזאָן.

★

אין וואַלד האָבן מיר זיך באַגעגנט גאַנץ צופֿעליק. איך האָב

אַפילו נישט געוווּסט, אַז ליאַליע איז אויך צווישן די אַרויסגע־שיקטע. זיי זענען, אַפּנים, געקומען מיט דער צווייטער באַרזשע.

ויהי היום, קום איך אויף דער „באַזע", מ'האָט מיך גראָד געשיקט מיט נאָך אַ מיידל ברענגען פון דאָרט מכשירים אויף אונדזער אוטשאַסטאָק, און ווען זען פלוצעם מײַנע אויגן? — ליאַליען!! זי איז געשטאַנען אין אַ ווײַסן כאַלאַט אויף דעם גאַניקל פון דעם „מעדפּונקט" און, ווי איר טבע איז געווען, קאָקעטירט דאָרט מיט עפּעס אַ מוזשיק. דאַכט זיך, אַפילו אויף דער לבֿנה, וואָלט ליאַליע אויך קיין צײַט נישט פאַרלוירן און אויך דאָרט געפונען פאַר וועמען זיך צו דרייען.

— ליאַליע, וואָס טוסטו דאָ?

— און דו וואָס טוסט דאָ?

גלײַך ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט אויף דער „צענטראַלער" גאַס אין זגוריצע. אַהין, אַהער... לאָזט זיך אויס, אַז איר מוטער איז געשטאָרבן אין וועג פון אַ האַרץ־אַטאַק, דעם ברודער האָט מען געשיקט אויף „לעסאַפּלאַוו", איז זי דאָ אַליין און אַרבעט אין דעם „מעדפּונקט".

ווי דען? האָב איך אַ טראַכט געטאָן, ליאַליע געפינט שטענדיק אַ מיטל זיך בעסער אײַנצואָרדענען, נישט ווי מיר, פּעבל, רײַסן זיך אונטער די כּוחות בײַ דער זשיווויצע.

— איך האָב דאָ אַ באַזונדער צימער, טאַקע אין דער באָל־ניצע, האָט זי ווי איבערגעלייענט מײַנע געדאַנקען און גלײַך אויפגעהויבן דעם בידנע מעדפּונקט צו דעם מעמד פון אַ שפּיטאָל. פאַרשריבן בין איך דאָ, האָט זי פאַרגעזעצט אָן דעם איך זאָל זי פרעגן, אַלס סאַניטאַרקע, נאָר דע פאַקטאָ, האָט זי שוין אַרײַנ־געמישט, ווי עס פּאַסט פאַרן געלערנטן מעדפּערסאַנאַל זיך צו באַניצן מיט לאַטײַנישע ווערטער, **דע פאַקטאָ** פאַרטרעט איך כּמעט שטענדיק דעם דאָקטער אַליין, ווײַל קודם ווייסט ער אַ קרענק אין מעדיצין, ער איז נאָך ווייניקער דאָקטער פון מיר, איך האָב כאָטש געענדיקט אַ גימנאַזיע, ער דאָס אויך נישט, והשנית איז ער אַ פאַרברענטער יעגער, מאַכט זיך אַ קליינעם צימעס פון די קראַנקע

און יאָגט אַרום מיט דער ביקס איבער דער טײַגע. ווען מ׳דאַרף אים, איז ער נישטאָ. די קראַנקע, זאָגט ער, מעגן צוּוואַרטן, ווער ס׳האָט יאָרן, דער וועט אָן זײַן הילף געזונט ווערן, און ווער נישט... ווייסט ער אַליין דעם וועג אַהין. און ווען ער איז שוין יאָ דאָ, וואָס, מיינסטו, טוט ער זיי? ער שרײַט נאָר און זידלט און טרײַבט זיי ווי די משוגענע הינט, זוכן זיי, טאַקע, אַנצוטרעפן צו מיר אויפֿן פּריִאָם. איך מעסט זיי כאָטש אָפּ די היץ, טאָפּ זיי דעם דופּק, כאָטש איך זאָל אַזוי וויסן פֿון צרות צי איך ווייס וויפֿל אַ נאָרמאַ־לער פּולס דאַרף זײַן. נאָר איינס צום אַנדערן קערט זיך נישט אָן, איך נעם אים אָן בײַ דער האַנט, פֿאַרמאַך די אויגן, פֿאַרדרעע דעם קאָפּ און מיט דער פֿרײַער האַנט ווײַז איך אים, דעם קראַנקן, ער זאָל שווײַגן, מיר נישט שטערן בײַ מײַן פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. שווײַגט ער, דער לַמך, וואָס דען זאָל ער טאָן? דאָס איז דאָך די איינציקע באַהאַנדלונג, וואָס ער באַקומט דאָ דע פֿאַקטאָ.

— נו און מעדיקאַמענטן? ווייסט וואָס צו געבן? האָסט נישט מורא?

— זײַ נישט קיין נאַר, איך בעט דיך. וואָס דאַרף איך מורא האָבן? וואָס האָב איך דען דאָ? — באַצרעס, פּידרעך מיט לאַק־רעצע! אַ ביסל שאַרע מאַשטש, אָדער עפּעס ענלעכס צו דעם, אין אַ סלאָיקל, אַ האַלב מעסטל סאָדע און אַ בוטל מיט מים אחרונים. די פּאָר בינטן מיטן פֿלעשעלע יאָד געפֿינען זיך אונטער צען שלעסער, טאָמער וועט אַראָפּפֿאַלן אַ קאָמיסיע, זאָל ער זיי קענען פֿאַרמאַכן דאָס מויל און זיי ווײַזן, אַז דער „אומבאַדינגטער מיני־מום" געפֿינט זיך בנמצא, גלײַך מיט אַלע בכבודיקע מעדיצינישע אַנשטאַלטן. איז וואָס־זשע קען איך שוין דאָ פֿאַרבײַטן? און אַפֿילו איך זאָל יאָ פֿאַרבײַטן, איז אויך אַ קליינער אומגליק, דער שוואַרץ־יאָר וועט זיי נישט נעמען. דאָ, אין דער טײַגע, איז די בעסטע רפֿואה — די לופֿט, די אויסערגעוויינטלעכע לופֿט פֿון די סאָסנע־בײַמער און טאַקע דער הונגער אַליין. וואָס לאַכסטו? פֿון דעם היגן עסן, אָדער בעסער געזאָגט, פֿון דעם נישט עסן קען דער מענטש נאָר שטאַרבן, אָבער קראַנק ווערן? איך האָב אים אין

דר'ערד, דעם דאָקטער מײַנעם, נאָר שׂכל דאַרף מען אים נישט לײַען. זיצט זיך דאָ אין וואַלד מיט אַ פּטור־בלעטל אין קעשענע, ווען אַנדערע פאַרגיסן בלוט אויף די פראָנטן, און טוט דאָ אויף גרויסע זאַכן — יאָגט זיך נאָך די האָזן, אַנשטאָט זיך יאָגן נאָך די פאַשיסטן, זשליאָקעט אויס דעם גאַנצן ספּירט, וואָס ער באַקומט אין קריוואָשיינאָ וועגן די חולים, כּלומרשט, פון „כימלעסכאָז" און שפּײַט אויף דער גאַנצער וועלט.

— וואָס ביסטו אַזוי אויפגעטראָגן אויף אים? דאַכט זיך, אַז דו אַליין דערלייגסט נישט צו דעם געשעפט.

— חלילה! איך בין מיר דאָ אַליין באַלעבאָסטע איבער אַלץ, אַפילו פון דער „קיך" ברענגט מען מיר יעדן טאָג דעם זופּ גלײַך אַהער, אויף דער אַרבעט, אַ דאָפּלטע פּאָרציע און דאָס סאַמע געדיכטע שעפּט מען מיר אָן. ס'דאַרף הייסן אַז זיי גייען אַרײַן אין מײַן לאַגע, איך קאָן דאָך נישט איבערלאָזן דעם מעדפּונקט אויף הפקר און גיין מיט אַלע צוזאַמען אין עסשטוב, נאָר אין אַן אמתן איז עס כּדי איך זאָל וואָס ווייניקער קומען אַהין און זיי אָנווײַזן אויף די סאַניטאַרע פעלערן. שפּילסט זיך מיט דער מעדיצין!? — מאַלאַדיעץ, ליאַליע!

איך בין אַהיימגעגאַנגען און אַ גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן ליאַליען. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך פאַראיבל געהאַט צו מײַן שטעטל, הלמאי מ'האָט אונדז דאָרט צוגעוווינט „זאָגן" נאָר וואָס אין סידור שטייט. אסור אויב מ'האָט געמעגט צוגעבן אַ וואָרט פון זיך.

✶

דאָס צווייטע מאָל איז ליאַליע מיר שוין ווייניקער געווען געפעלן, אַפילו אין גאַנצן נישט געפעלן, כאָטש זי האָט, ווי פריער, געפּרוּווט מאַכן אַ רושם אויף מיר. איך האָב טאַקע באַוווּנדערט אירע נײַע וואַליקעס מיט די וואַטאָווע הויזן און זי געגונג מקנא געווען מיט דעם, דער אויסזען אירער, אָבער, מיט די בלויע בײַלן אונטער די אויגן, האָבן זי אויסגעגעבן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז

דער „לוקסוס" קומט איר נישט אָן גרינג, זי באַצאָלט פֿאַר אים אַ טײַערן פּרײַז.

— ליאַליע, וואָס איז געשען? האָב איך געעפֿנט גרויסע אויגן.

— אַה, דאָס־אָ? האָט זי זיך געמאַכט תמעוואַטע, דאָס איז גאָרנישט. נאַרישקייטן. איך האָב זיך אויסגעגליטשט בײַנאַכט אויף די טרעפּ, געפֿאַלן און געכאַפּט אַ קלאַפּ בײַם סאַמע שפּיץ פֿון דער פּאַרענטשע. נאָך אַרויס אַ גליקלעכע, געקאָנט בלײַבן אָן אַן אויג. דער אייביקער תּירוץ, האָב איך אַ טראַכט געטאָן בײַ זיך, נאָר געהאַט געניג טאַקט דאָס נישט אַרויסצוווײַזן, נישט גריבלען זיך מער ווי מ׳דאַרף, נישט שיטן איר זאַלץ אויף די ווונדן.

ליאַליע האָט מיר אַ קוק געטאָן גלײַך אין די אויגן און, אָן ווערטער, מיר דאַנקבאַר געווען דערפֿאַר. פּלוצעם האָט זי זיך אָנגעבויגן, כּלומרשט אָפּטרעסען דעם שניי פֿון די נײַע פּושטן און שוין פֿון דאָרטן, פֿון אונטן, מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— דו געדענקסט דעם ראָמאַנס „לאַ ווי ס׳עט אין קאָמעדי"? *

— אַ שיינע פֿראַגע! אַוודאי געדענק איך. גלײַך ווי ס׳איז געווען צוריק מיט אַ מיליאָן יאָרן! וואָס איז דען, ליאַליע?

— פֿיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ! **

— נו, דאָס, ווען מיר זאָגן, איז שוין דווקא פֿון אַן אַנדער אָפּערע און נישט פֿון דעם ראָמאַנס. נאָר אַלץ איינס, ליאַליע, וואָס איז עס פֿאַראַ רייד? איך פֿאַרשטיי נישט.

— פֿאַרשטיי ווי דו ווילסט. פֿיניטאַ הייסט פֿיניטאַ און נישט וויכטיק פֿון וואָס פֿאַר אַ ראָמאַנס אָדער אָפּערע זיי שטאַמען.

— אויף וועמען איך וואָלט זיך געריכט, נאָר נישט אויף דיר. רייד נישט קיין נאַרישקייטן, מיר זענען נאָך יונג און מיר וועלן זיך פֿון דאַנעט אַרויסרײַסן, פֿריער אָדער שפּעטער.

— יאָ... געוויס, געוויס, האָט זי תּיכף געביטן דעם טאָן, מסכּים געווען מיט מיר. אָפּנים זי האָט חרטה געקריגן אויף דער מינוט

---

* דאָס לעבן איז אַ קאָמעדיע.

** סוף קאָמעדיע.

פון שוואַכקייט. און ווידער האָבן זיך אָנגעצונדן די צוויי טײַוולאַ־נישע פֿלעמלעך אין אירע אויגן און זי האָט אָנגעהויבן מיך פֿאַר־זיכערן, אַז זי האָט געשפּאַסט, געוואָלט, ווי אַ מאָל, מיך נעמען אויף דער העצקע. איך האָב זיך משוגע געמאַכט, האָט זי אומיסטן געלאַכט אויף אַ קול, און דו האָסט שוין געגלייבט, געמיינט... פּאַרטיק! ליאַליע גייט שוין אַ גאַנג! עס קען זײַן, אַז עמעצער קוקט אַרויס אויף מײַן טויט, נאָר איך וועל איר דאָס פֿאַרגעניגן נישט אָנטאָן. מיט איין וואָרט: נאַרישקייטן! פֿאַרגעס דעם שמועס אונד־זערן, איך האָב געטריבן ליצנות.

נישקשה פֿון ליצנות! האָב איך געטראַכט דעם גאַנצן וועג אַהיים און נישט געקאָנט זיך באַפֿרײַען פֿון דעם שרעקלעכן חשד, וואָס האָט זיך, פֿון דעסטוועגן, פֿאַרגנבעט אין מײַן האַרץ. ליאַליע מיט אירע אייביקע שטיק!

אין אַ צוויי וואָכן אַרום, ווען ליאַליע איז שוין נישט געווען, האָב איך זיך דערוווּסט דעם גאַנצן אמת און ערשט דעמאָלט פֿאַרשטאַנען דעם זין פֿון אירע רייד. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין דעם טאָג ווען מ׳האָט געפֿײַערט דעם יום־טוב פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט פּלוצעם אָנגעיאָגט, אַ טויט־שיכּורע, דעם דאָק־טערס געזעצלעכע צי ניט געזעצלעכע פֿרוי, מיט איין וואָרט „די דאָקטערשע", אָנגעכאַפּט ליאַליען בײַ דער ראַסקאָשנער גריווע, זי אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן, אַז אַלע זאָלן זען, און זי אויסגעַ־וואַלגערט אין שניי, געממיתט געשלאָגן, געטרעטן זי ממש מיט די פֿיס. מענטשן האָבן מורא געהאַט זיך צו דערנעענטערן, ווײַל די צעהיצטע דאָקטערשע האָט געדראָעט אָפּגיסן מיט שוועבלזויער יעדן וואָס וועט פּרוּוון זיך אָננעמען פֿאַר דער סטערווע. אין סיביר איז עס מקובל, איבער אַ מאַנסביל דראַפּעט מען אויס די אויגן.

ליאַליע איז אָפּגעליגן אַריבער אַ וואָך, ביז זי האָט זיך געקאָנט שטעלן אויף די פֿיס. מ׳האָט געשמועסט אַז זי האָט איר אָפּגעשלאָגן די לונגען.

דאָס איז געווען אויף אָקטיאַבערסקי, איך האָב זי געזען בערך סוף נאָוועמבער און אָנהייב דעצעמבער האָט מען ליאַליען געפֿו־

נען אַ טויטע. געפֿונען?! מ׳האָט אויפֿגעריסן די טיר פֿון איר צימער, איבערן שווערן ריח, וואָס האָט זיך פֿון דאָרט געטראָגן און זי געפֿונען אויפֿן דיל מיט אַ פֿלעשל פֿון ספּירט־דענאַטוראַט אין דער האַנט. ס׳האָט גערדאַרפֿט הייסן, אַז זי איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, נאָר מ׳האָט באַשײַמפּערלעך געזען, אַז די סצענע מיטן בלומרשט נעמען זיך דאָס לעבן, איז געווען אַ צונויפֿגעשטעלטע. די גזלנטע, אַזאַ מכּה אויף איר, האָט זי פּשוט דערדישעט, ווי זי האָט איר צוגעזאָגט דאָס פֿאַריקע מאָל, און אַפֿילו זיך נישט באַמיט פֿאַרמאַסקירן, ווי ס׳געהער צו זײַן, דעם מאָרד, מ׳זאָל איר קענען גלייבן. נאָר מ׳האָט איר סײַ ווי געגלייבט, וועמען דען זאָל מען גלייבן, דער טויטער ליאַליע, דער אַרויסגעשיקטער? האָט קיינער קיין איבעריקע פֿראַגעס נישט געשטעלט, נישט געפֿאָרשט, נישט געפּרוּווט אַפֿילו זיך צו דערוויסן דעם אמת. מ׳האָט זי אויף גיך מקבר געווען און... אויס ליאַליע. אין סיביר איז אָן חכמות, דאָרט אַז מ׳שטאַרבט... איז פֿאַרפֿאַלן.

# אויפֿן פּריסטאַן

קריוואָשיינאַ, דער ראַיאָן־צענטער, איז געלעגן אויפֿן צווייטן ברעג אָב, ווײַט אַרויף קיין צפֿון. העכער אַ האַלב יאָר איז דער טײַך געווען פֿאַרפֿרוירן, איז מען אַהין געפֿאָרן מיט שליטנס, ווער ס'האָט געהאַט מיט וואָס צו פֿאָרן, די מערהײַט, אָבער, איז געגאַנגען צו פֿוס און געשלעפּט די שליטעלער נאָך זיך. צוויי מאָנאַטן — אָקטאָבער און מײַ, האָט זיך דער אָב אָדער „געשטעלט", אָדער „גערירט", דעמאָלט איז מען נישט געגאַנגען און נישט געפֿאָרן, דעמאָלט איז מען געזעסן אין דר'היים. זומער האָט מען געקאָנט קומען אַהין מיטן קאַטער, וואָס האָט צירקולירט איבערן טײַך און פֿאַרבונדן צווישן זיך די ברעג־שטעטלעך פֿון נאַרים: קראַסנאָיע, קיפּרושקאַ, ניקאָלסק, קריוואָשיינאַ, מאָלטשאַנאָוואָ און נאָך און נאָך... ביז קאָלפּאַשעוואָ און נאָך ווײַטער פֿון דאָרט. דער קאַטער פֿלעגט זיך רירן מיט דער גיכקייט פֿון אַ טשערעפּאַכע און נישט געהאַט קיין באַשטימטע צײַט־טאַבעלע. ווען ער איז געקומען, דעמאָלט איז ער געווען. דעריבער האָט מען געקאָנט וואַרטן אויף אים אַ מעת־לעת און צוויי און אַ מאָל אַפֿילו גאַנצע דרײַ, נאָך מיט אַ שמיץ. ווי וועמעס מזל ס'האָט אַרויסגעטראָגן. ווו מ'האָט זיך געפֿונען אין משך פֿון די דרײַ מעת־לעת? וואָס הייסט ווו? אויפֿן פּריסטאַן. דאָס איז געווען אַן אויסגעטאָפּטשעט שטיק פּלאַץ מיט אַ טאַבליצע און מיט אַ פֿענדל אויף אַ הויכן סטאָלב, ווײַטער איז נאָך געווען דאָרט אַ געזונטער פֿעניק אויף צוצובינדן דעם שטריק פֿונעם שיפֿל און מער, דאַכט זיך, גאָרנישט. דאָרט האָט מען געקאָנט זיך אָנידערזעצן, אָדער אַפֿילו אָנידערלייגן, ווען נישט די מורא פֿאַר די קאָמאַרן מיט די קליעשטשעס, מיט די שרצים און מיט כּל מיני אַנדערע שטעך־אינזעקטן. כאַפּן עפּעס אין מויל אַרײַן? מהיכא־תיתי, אויב איר האָט געבראַכט מיט זיך אין דער טאָרבע, אַנדערש האָט מען געקאָנט דאָרט אויסגיין פֿון

הונגער און קײנער זאָל אַפֿילו קײן פֿינטל מיטן אויג נישט טאָן.
אסתרקע, גראַדע, האָט יאָ געהאַט אַ ביסל צידה לדרך, װײַל, חוץ דעם װאַרטן אויפֿן פּאַראַכאַד, האָט זי גוט געװוּסט, אַז קײנער קוקט נישט אַרויס אויף איר אין קריװאָשײנאָ מיט אַ גוטן מאַלצײַט, און בכלל, װער װײסט װיפֿל ס׳װעט איר דאָרט אויסקומען צו הונגערן ביז זי װעט זיך צו עפּעס דערשלאָגן. ס׳האָט זי, אָבער, גאָרנישט נישט אָפּגעשטעלט. דאָס מאָל האָט זי פֿעסט באַשלאָסן אַנטלויפֿן פֿון װאַלד און נישט געװאָלט, דעריבער, אויסרעכענען דעם אַנדערן עק. אין טאָרבע האָט זי פֿאַרמאָגט עטלעכע אָפּגע־קאָכטע קאַרטאָפֿליעס אין די הײַטלעך, צװײ טורנעפּסן און דעם פּאַיאָק ברויט אויף דרײַ טעג, צעשניטן אויף רעפֿטלעך, זי זאָל נישט דאַרפֿן אָפּברעכן פֿונעם שטיק און, חס וחלילה, אָנרירן אַ שטיקל פֿונעם מאָרגנדיקן חלק. דאָס ביסעלע זאַלץ האָט זי געהאַלטן פֿאַרבונדן אין אַ װײַס שמאַטקעלע אויף גאָר אַ פֿאַרבאָרגן אָרט. זי האָט געהאַלטן אין אײן איבערחזרן, אַז איצט מוז זי אויסהאַלטן ביזן סוף, אַנדערש װעט קײן סוף נישט נעמען צו אירע לײַדן. אויף װאָס זי האָט געבויעט אירע פּלענער? שװער צו זאָגן... אויף גאָר־נישט, אויף לופֿט־פֿאַנטאַזיעס. זי האָט צופֿעליק געהערט אויף דער באַזע, אַז די טעג קומט פֿאָר אין קריװאָשײנאָ די יערלעכע לערער־קאָנפֿערענץ פֿונעם ראַיאָן, האָט איר מיט אַ מאָל באַפֿאַלן אַזאַ מין נאָגעניש און בענקעניש און ס׳האָט זיך איר פֿאַרװאָלט כאָטש אויף אײן טאָג זײַן צװישן די גליקלעכע לערערס, װאָס זיצן אויסגע־זעצט אין זאַל און הערן פֿאַרשידענע אַרויסטרעטונגען, נישט װיכטיק אַפֿילו װאָסערע. װי לאַנג איז דאָס געװען װען זי איז געזעסן אויבן־אָן אויף דער בינע, אין פּרעזידיום, געװען גדולדיק בײַ זיך און אַלע אין זאַל זענען זי מקנא געװען? גאָט, מיט װאָס האָב איך זיך אַזוי פֿאַרזינדיקט, האָבן די טרערן זי אָנגעהויבן שטיקן, און פּלוצעם האָט איר אַ בליץ געטאָן דער געדאַנק, אַז זי מוז אויס־נוצן די געלעגנהײט, זי זאָל װיסן אַז זי װעט דערנאָך באַצאָלן דערפֿאַר אַ שװערן פּרײַז. װער ס׳האָט מורא אײַנצושטעלן, דער דערגרײכט נישט גאָרנישט. ס׳אַ גרויסע פֿראַגע צי דער פּלאַן װעט

איר געלינגען, נאָר פּרווון מוז זי... טויט אָדער רויט! צווישן די פּאַפּירן, וואָס זי האָט אין איילעניש מיטגענומען פון דר׳היים, געדענקט זי גוט די צייַגעניש, אַז זי איז געווען במשך פונעם לעצטן יאָר לערערין אין אַ דאָרף, איז אפשר וועט איר צושפּילן דאָס מזל און זיי וועלן זיך נישט איבעריק גריבלען, נישט אַכטונג געבן אַז ס׳איז אַ ספּראַוועקע גאָר פון אַ מאָלדאַווישער שולע און זי דער־ווייַל אַרויפלאָזן אויפן קאַטער. און וואָס מיינט איר? אַזוי איז עס טאַקע געווען. דערזען בייַ איר אין די הענט דאָס פּאַפּירל מיטן שטאַמפּ פון בילדונגס־מיניסטעריום, האָט מען זי אָנגענומען פאַר אַ דאָרפס־שיקסע, אַ לערערין פון אַ כוטאָר און זיך נישט צערע־מאָניעט מיט איר, זי אונטערגעטריבן — דאַוואַי, דאַוואַי, געגנעץ נישט, ריד זיך גיכער, מיר פאַרשפּעטיקן אַזוי אויך.

מיט דעם, אייגנטלעך, וואָלט מען געקענט ענדיקן די געשיכטע, ווען דער עיקר־המעשה זאָל נישט געווען פאַרקומען פריער, אויפן פּריסטאַן. וועלן מיר זיך אומקערן צוריק.

מיד פון לאַנגן וועג צו פוס, האָט אסתרקע זיך אַנידערגעזעצט אויפן ברעג, אויסגעטאָן די צוויי גרויסע טשוניעס און אַראָפּגעלאָזט די פיס אין וואַסער. גאָט... סאַראַ פאַרגעניגן! דאָס וואַסער האָט אָפּגעקילט דאָס „פייַער", וואָס האָט געברענט אין אירע פוס־פּלאַכן און צו ביסלעך צוגענומען דאָס מידקייט פון אירע גלידער. אַזוי איז זי געזעסן אַ שטיק צייַט, נישט געקאָנט זיך אָנזעטיקן מיטן פאַרגעניגן. דערנאָך האָט זי פּאַוואָלינקע פאַרוויקלט די טשוניעס אין אַ שטיקל לייַוונט, זיי אַרייַנגעלייגט אין טאָרבע און אַרויסגע־נומען פון דאָרט די שיך. צווישן „מענטשן" דאַרף מען אויסזען ווי אַ מענטש. מיטן עסן האָט זי זיך נאָך נישט געאייַלט. ווי ס׳אי־ניט־איז, האָט זי הייַנט אין דער פרי אויפגעגעסן אַ טאָפּלטע פּאַרציע זופּ. זי האָט אָוועקגעגעבן דער קעכין אַ ראָזעווע סטענגע צו די האָר, האָט זי איר אָנגעשעפּט פון אונטן, פונעם געדיכטן, צוויי פולע מיט אַן אויג קאָר־לעפל. זי האָט זיך גוט אָנגעגעסן. נאָר זינט דעמאָלט איז אַוועק אַ גאַנצער טאָג און נאָך וואָס פאַר אַ טאָג! געשפּאַנט און געשפּאַנט, געאייַלט זיך, מורא געהאַט —

טאָמער, אויף איר שלימזל, וועט דער קאַטער פונקט הײַנט אָנקו־מען און זי וועט פּאַרשפּעטיקן, וועט זי אים זען נאָר פון דער ווײַטנס, מאַכן צו איר מיט דער קאָדע. האָט זי געזעצט פון זיך די נשמה, נישט אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ מינוט. איז נישט וואָס זי איז איצט הונגעריק נישט געווען, הונגעריק, ברוך־השם, איז מען שטענדיק געווען, זי האָט אָבער געוווסט, אַז מאָרגן וועט זי שוין קיין געקעכטס נישט עסן, איז גלײַכער איבערלאָזן זיך קאַרטאָפליעס אויף מאָרגן און הײַנט זיך באַגיין מיט אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער, טאַקע פון דעם זעלבן טײַך.

דערווײַל איז צוגעפאַלן די נאַכט און די עטלעכע מענטשן אויפן פּריסטאַן, אַ צען־צוועלף נישט מער, האָבן צעלייגט אַ פייער, כּדי זיך צו באַשיצן פון די מחנות קאָמאַרן, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אײַנזאַמלען בײַם „עולם" די קאָנטריבוציע. ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין חכמות, מ'האָט געמוזט צוגיין נעענטער צום שײַטער. דעמאָלט האָט זי אים דערזען. ער איז געשטאַנען פון דער אַנדערער זײַט פײַער, פונקט אַנטקעגן איר, אין די ברייטע גאַליפע־הויזן זייערע, מיט אַ גרויסער ספּראַנדזשקע אויפן גאַרטל און מיט דעם באַקאַנטן נ.ק.וו.ד.־היטל אויפן קאָפּ. אסתרקע איז פאַרגלי־ווערט געוואָרן, ס'איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ט'האָסטו דיר!! אַנטלאָפן פונעם שׂטן, איז דער טײַוול איר אַנטקעגן געקומען. דאָס איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער קאָמענ־דאַנט שאַפּאָוואַלאָוו בכבודו ובעצמו. שיין... נישטאָ וואָס צו זאָגן. שאַפּאָוואַלאָוו איז געווען אַ יונג פון אַ יאָר דרײַסיק און די רעזי־דענץ זײַנע האָט ער געהאַט אין קראַסנאַיע. פון דאָרט, הייסט עס, פון דער ווײַטנס האָט ער אָנגעפירט מיט די עניינים פון די אַרויס־געשיקטע אין „כימלעסכאָז". זייער זעלטן פלעגט ער זיך באַווײַזן אין וואַלד, ער האָט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. די קלענערע שומרים האָבן אונדז, ווי די הינט, געהיט אויף יעדן שריט און טריט. דאָך אַזוי פלעגט ער זיך, פון צײַט צו צײַט, אַרײַנכאַפּן אויף אַ קורצן באַזוך, כאַפּן אַ קוק אויף אונדז און טאַקע אַליין זיך ווײַזן דעם המון. מ'האָט אַפילו געשמועסט, אַז ער

איז נישט קיין שלעכטער שייגעץ. נו איז וואָס? פאַר אונדז איז ער נישט געווען קיין שייגעץ, פאַר אונדז איז ער שטענדיק געווען דער קאָמענדאַנט און, אויב מ'האָט פאַר אים אַליין נישט מורא געהאַט, האָט מען געציטערט פאַר זײַן היטל, מיטן רויט־בלויען פּאַס אַרום און אַרום און מיטן שטערנדל אויפן הויכן פאָרנט. דאָס היטל מיט די ברייטע גאַליפע־הויזן האָבן, פון זיך אַליין אָנגעוואָרפן אימת־מוות אויף אַלע אין וואַלד.

ביז הײַנט ווייסט נישט אסתרקע צי האָט ער זי טאַקע נישט געזען, אָדער אפשר האָט ער זיך געמאַכט נישט זעענדיק. דער ענין איז נישט וואָס ער האָט זי געקענט פערזענלעך און דעריבער איז געווען די געפאַר פון דערקענען זי. ניין. לגמרי ניין. פאַר אים איז זי געווען איינע פון דער מאַסע אַרויסגעשיקטע און די אַרויס־געשיקטע האָט מען לײַכט געקאָנט דערקענען — קודם לויטן הולך, די מערהייט איז שוין צו יענער צײַט אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, ווײַטער לויטן אייביק באַהאַלטן זיך, לויט דעם שאַלעכל אויפן קאָפּ אַפילו, וואָס איז שטענדיק געווען אַריבערגעצויגן איבערן שטערן, לויטן פּחד, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון יעדנס בליק. און ס'איז געווען פאַר וואָס מורא צו האָבן. ער האָט געהאַלטן אין זײַנע הענט, קאָן מען זאָגן, אונדזער אַלעמענס גורל. ער האָט געקאָנט, צום בײַשפּיל, באַשטימען צי וועט אסתרקע הײַנט יאָ פאָרן מיטן קאַטער קיין קריוואָשיינאָ, אָדער זי וועט מוזן אויסדרייען דעם דישעל צוריק אין וואַלד אַרײַן.

✶

ער האָט נישט געקוקט אין איר זײַט אַפילו, נאָר אין דעם אַקצענטירטן, ווי ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אויסמײַדן זי, האָט אסתרקע געפילט, אַז ער זעט זי דווקא יאָ. וואָס טוט מען? זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געטראַכט — וו'זוי גאָט וועט פירן. יעדע מינוט האָט איר אויסגעזען אַן אייביקייט. זי האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ אויף לינקס, נאָר תּיכּף זיך געכאַפּט, אַז זי טוט נישט גוט, זי קען צוציען זײַן אויפמערקזאַמקײַט מיט איר ווענדן זיך אויס־באַהאַלטן, האָט זי זיך צוריק אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פײַער,

געקוקט גלײַך פֿאַר זיך און מיט די הענט אין די קעשענעס זיך אויסגעקנייפּט שטיקער פלייש. רבונו־של־עולם, וויפל איז דער שיעור? אַזוי איז אַוועק נאָך אַ מינוט און נאָך אַ מינוט און נאָך צען און דער שאַפּאַוואַלאָוו... נאָר גלײַך ווי ער האָט זיך געשפּילט מיט איר אין „אַ קאַץ מיט אַ מויז״, ווען ער איז שוין זיכער בײַ זיך, אַז דער קורבן וועט זיך שוין נישט אויסדרייען פון זײַנע לאַפּעס. נישט גרינג צו זײַן די מויז אַפילו אין אַ פאַרגעשטעלטער שפּיל. אַנגסטן האָבן זי באַשלאָגן.

די שפּיל האָט זיך פאַרצויגן צו לאַנג, האָט איר אָנגעהויבן אַ ביסל אָפּטרעטן פונעם האַרץ. זי האָט זיך געמאַכט אַ פּשוטן חשבון אַז... ווען ער האָט טאַקע בדעה זי צו שטראָפן, וואָלט ער נישט געצויגן אַזוי לאַנג און זי תיכף משלח געווען פון דאָרטן. ער וואָלט זיך פאַר עמעצן געשעמט? און אויב ער ציט, איז אַ סימן... וואָס פאַר אַ סימן דאָס איז, האָט זי נישט געקאָנט צוטראַכטן, נאָר ערגעץ־ווו האָט אָנגעהויבן זיך שפּינען די האָפענונג, אַז ער וועט זי שוין נישט טשעפּען. דער קאַטער זאָל שוין אַ מאָל אָנקו־מען, גאַטעניו!!

דער קאָמענדאַנט איז געווען נישט אַליין. מיט אים איז געווען נאָך איינער, אויך פון דער נ.ק.וו.ד., נאָר אַ קלענערער טשין פון אים. קודם האָט ער אים גערופן סאַשקאַ והשנית האָט דער סאַשקאַ די גאַנצע צײַט געשוויגן, געהערט און געשמייכלט, ווען יענעם, זײַן פאַטראָן אַ פּנים, האָט זיך אויף קיין רגע דאָס מויל נישט פאַרמאַכט. אים האָט פאַרדראָסן, מסתמא, די גאַנצע גע־שיכטע, ס׳איז אים גאָר נישט אָנגעשטאַנען דאָס וואַרטן צוגלײַך מיטן פּשוטן המון, דאָ אויף דעם פאַרדריפּעטן פּריסטאַן און, אַזוי ווי קיין גרויסער חכם איז ער, ווײַזט אויס, נישט געווען, האָט ער געלאַכט און גערעדט אויף אַ קול, מ׳זאָל זיך אומקוקן און זען, אַז ער איז נישט „נאַש בראַט״, נאָר אַ גרויסער נאַטשאַלניק. אַזוי, צום בײַשפּיל, ווען ס׳האָבן זיך אים שוין געענדיקט די זאַפּאַסן מעשׂיות, האָט ער דערציילט סאַשען, וואָס איז געשטאַנען דווקא פון דער זײַט פײַער, נישט ווײַט פון אסתרקען, אַז... זינט ער לעבט,

עסט ער נישט קיין מייערן, מ׳זאָל אים אַפילו אָפּגילדן. ער האָט זיי פֿײַנט בתכלית־השׂנאה, ער קען זיי אין מויל נישט נעמען — נישט רויע, נישט געקאָכטע, און אַפילו נישט קיין געפּרייעטע אין אויוון, וואָס אַלע לעקן זיך די פֿינגער פֿון זיי. זײַן מאַמע האָט מיט אים צו טאָן, נאָר ער וויל זיי אַפילו פֿאַר די אויגן נישט זען. (אויב דאָס הייסט נישט ווילשטאַנד, הײַנט וואָס איז אין אונדזערע צײַטן ווילשטאַנד בכלל?).

דערווײַל האָט ער צעוויקלט אַ שקאַרמיץ מיט קיכעלער, אַזעלכע קײַלעכיקע און בײַכיקע, ענלעכע אויף אונדזערע דובשניות, גענו־מען עסן און, מעשׂה־קונדס, געוואָרפֿן אויך סאַשען קיכעלער איבע־רן פּײַער. זיי האָבן ביידע געקײַכט פֿון געלעכטער, וויפֿל מאָל די שפּיל האָט זיך זיי אײַנגעגעבן. איין קיכעלע איז אַראָפּגעפֿאַלן און זיך פֿאַרקײַקלט נאָענט צו אסתרקען. סאַשע האָט אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט, ער איז מותּר און זיך נישט אָנגעבויגן עס אויפֿצוהייבן פֿון דר׳ערד. אסתרקע האָט גוט געזען ווו דאָס קיכעלע איז געבליבן ליגן. די גאַנצע וועלט האָט זיך מיט אַ מאָל קאָנצענטרירט פֿאַר איר אין דעם קיכעלע, זי האָט פֿאַר־געסן אין דעם קאָמענדאַנט מיט אַלע אירע איבערלעבענישן און נאָר געציטערט, עמעצער אַנדערש זאָל נישט געווען באַמערקן, זיך אָנבייגן און עס אויפֿהייבן פֿאַר איר. האָט זי פֿאַרדערעט דעם קאָפּ, כּלומרשט זיך אײַנגעקוקט אין די שטערן, זיך עטוואָס אַ רוק געטאָן רעכטס און מיטן פֿוס גרינג אַרויפֿגעטרעטן אויפֿן קיכעלע. זי האָט זיך געסטאַרעט עס נישט צו צעטרעטן, נאָר טיפֿער אַרײַנ־שטופּן צווישן די גראָזן. שפּעטער, ווען ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז קיינער זעט נישט, האָט זי עס אויפֿגעהויבן, אָפּגעטרעסט פֿון שטויב און אויפֿגעגעסן. דאָס האַרץ האָט, פֿון דעסטוועגן, געוויינט אין איר.

ביז הײַנט ווייסט אסתרקע אויך דאָס נישט — צי האָט ער זי געזען אין איר שפּלקייט, צי ניין, און אפשר האָט ער עס געטאָן בכּוונה, כּדי זי צו דערנידעריקן. ווער קען וויסן?

# די באַראָנעסע

ניין. זי איז נישט געווען קיין אמתע באַראָנעסע און אויך אַפילו נישט קיין נאָכגעמאַכטע, סתם די פאַמיליע זייערע איז געווען באַראָן און זיי האָבן געשטאַמט פון קאָוונע, „גרויס־ליטע" הייסט עס, און, ווי אַלע בכבודיקע ליטווינער, האָבן זיי אויך געוואָלט זיך איינשטעקן פעדערן אין דער קאָדע, זענען זיי געוואָרן, אַזוי אַרום, אין דער זעלבער משפחה, ווער באַראָנאַס, ווער באַראָנייטע, זי איז געווען באַראָנענע, איידער באַראָנענע, פאַלגט מיר, איז שוין פיל בעסער באַראָנעסע — אי ס׳קלינגט שענער, אי די צונג פאַר־פלאָנטערט זיך נישט אין מויל. חוץ דעם אַלעמען, האָט איר דער נאָמען באַראָנעסע זייער שיין געפּאַסט — זי איז געווען אַ פּעשע דאַמע, שוין גוט אַריבער די זעכציק, נאָר מיט אַ לויטער פּנים אָן איין קנייטשעלע און מיט ווײַסע געדיכטע האָר, פּאַרקעמטע אַרויף מיט אַ קליין קובליקל אויפן שפּיץ קאָפּ, ווי ס׳איז די מאָדע געווען בײַ די דאַמען פון אַדל־שטאַם נאָך פון פאָריקן יאָרהונדערט. זי האָט געכאַפּט עטוואָס דעם אָנבליק פון יעקאַטערינע דער צוויי־טער, נישט קיין מיאוסע ייִדענע געווען. נאָר וואָס? זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַנעמען די גרויסע ענדערונגען, וואָס זענען דערווײַל פאָרגעקומען אין דער וועלט און נישט מסוגל געווען זיך צוגעוווינען צו די נײַע אומשטאַנדן, וואָס האָבן זי געטראָפן ווי אַ דונער פון לויטערן הימל. פּלוצעם האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אָן איר גרויסער באַקוועמער שטוב מיט די צוואַנציק צימערן, אָן דעם מאַן, וואָס זאָל אויספילן אַלע אירע באַגערן, אָן די משרתים, וואָס זאָלן פאַדען כּסדר אַרום איר, פאַרלויפן איר די וועגן און אויס־שטיין אַלע אירע קאַפּריזן. ווי אַזוי לעבט מען דאָ אין דעם אייג־ציקן צימער, וואָס איז ערגער פון דער קאַמער פאַרן דוואָרניק דאָרט בײַ איר אין קאָוונע? און דאָס איינציקע צימער דאַרף זי נאָך טיילן מיטן זון מיט אירן, מיט עלינקען, וואָס איז שוין קיין עין־הרע

אַליין אַ בחור צו לײַט און מוז נעבעך אַרויסגיין אין קאָרידאָרל, וויפּל מאָל איינער פון זיי דאַרף זיך איבערטאָן. און די קיך איז אויך אין דעם זעלבן צימער. שיין דערלעבט! זי׳צט זי מערסטן טייל אויפן געלעגער, אונטערגעשפּאַרט מיט עטלעכע קישנס, די פּלייצע זאָל איר נישט ברעכן, און לייגט אויס אויף דער קאָלדרע פּאַר־שידענע פּאַסיאַנסן. אַ... וואָס שייך „פּאַסיאַנס" איז זי געווען אַ ספּעציאַליסטקע — איינע אין דער וועלט. ווער קען עס דאָ פּאַר־שטיין? אין קאָוונע, אין קרײַז פון אירע אויסדערוויילטע באַקענטע, האָט זי געשמט מיט איר טאַלאַנט צוצוטראַכטן פאַרשידענע קאָמפּ־ליצירטע וואַריאַנטן. איצט שפּילט זי פאַר די הוילע ווענט, פאַר די סירע שמוציקע ווענט, וואָס ווינטער פרירן זיי און זומער גייען זיי אָפּ אין ריטשקעס קויטיקן שווייס. אַזוי שטופּט זי אָפּ דעם טאָג — אָדער זי שפּילט, אָדער זי שלאָפט, ביז... ביז עלינקע קומט פון דער אַרבעט, קאָכט אָפּ אַ פּאָר קאַרטאָפל, עסן זיי דעמאָלט אָוונטברויט. אַ גאָלדענער בחור דער עליע! אַן אַנדערער אויף זײַן אָרט וואָלט געהאַט טענות הלמאי זי גרייט אים נישט צו אַ לעפל געקעכטס נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, ער נישט. ער געדענקט גוט די מאַמע פון דר׳היים, איר אויסזען, איר פּאַרנעם, דעם בודואַר אירן מיטן באַזונדערן ריח, וואָס האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן, זאָל ער איר נאָך פּירוואַרפן וואָס זי פּאָרעט זיך נישט צוליב אים בײַ דער פּליטע? און חוץ דעם האָט ער זיך שוין איין מאָל אָפּגעבריט — זי האָט געפּרוווט אַנומלט אָפּשאָבן אַ פישל, האָט זי זיך צעשניטן אַ פינגער און אַ לאַנגע צײַט געגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענער האַנט, לזכר דעם אַקצידענט וואָס האָט איר געטראָ־פן. אוודאי איז בעסער אַז מ׳קומט אַהיים און מ׳טרעפט אַן אָפּגע־קאָכט ביסל זופּ, שוין אָפּגערעדט פון אַן אויסגעוואַשן העמד, נאָר וואָס זאָל ער טאָן?

— מאַמאָטשקאַ, ווי פילסטו זיך הײַנט? קומט ער אַרײַן שטענ־דיק מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, בייגט זיך אָן און טוט איר אַ קוש אין האַנט.

— אַ דאַנק, עלינקע, בעסער, און זי גיט אים אַ קוש אין קאָפּ.

לאַפּנע, ווי מ׳זאָגט, נאָר האַלט פּאַסאָן!

צוריק געוועזן איז אַ קליין רחמנות געוועזן אויף זיי. ווערליק אַנדערע אַרויסגעשיקטע, האָבן זיי נאָך געלעבט און געלאַכט. קודם האָט עליע כּמעט דער ערשטער זיך אַרויסגעריסן אין ראַיאָן־צענטער, קיין קריוואָשיינאָ, תּיכּף אָנגעקומען אַרבעטן אַלס עלעק־טראָמאָנטיאָר און גלײַך באַקומען פֿון דער עלעקטראָסטאַנציע אַ וווינונג — אַ גרויס צימער מיט אַ באַזונדערן אַרײַנגאַנג. דאָס אַליין איז געווען אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג. לויט יענע באַגריפֿן האָט עס געהייסן אַ פּרעכטיקער אַפּאַרטאַמענט, אַן אומזיסטער דערצו, מיט אַן אַ שיעור פּריווילעגיעס, וואָס אַנדערע האָבן נישט געקענט אַפֿילו חלומען וועגן זיי. אָ... צו דעם האָט מען געדאַרפֿט האָבן גרויס זכות־אבות! איז אָבער געווען מלחמה־צײַט, אַלע יונגע מענער זענען געווען מאָביליזירט אין דער אַרמיי, האָט מען באַזונדערס נישט איבערגעקליבן און נישט געוואָרפֿן זיך אויך מיט די „אַרויסגעשיקטע", אַבי אַ געזונטער בחור, וואָס זאָל אַנלאָדן די שטיוול מיט לאַנגע שפּאָרן, אָנזאָטלען די פּלייצע מיטן נויטיקן קלאָפּערגעצײַג, פּאַרוואָרפֿן אויפֿן אַקסל אַ גרויסן ראָד עלעקטרישע קאַבעלן און קריכן אויף די סלופּעס פּאַרריכטן ווי עפּעס אַ שטרויכלונג אויף דער ליניע. האָט עלינקע אויסגענוצט זײַן ספּאָרטיווע אויסזען, זײַן רירעוודיקייט און טאַקע זײַנע קענ־טענישן אויף דעם געביט, קאָקעטירט מיט די לאַנגע, אויסגע־בויגענע ווי סערפּן, שפּאָרן און פֿון די הויכע טעלעגראַפֿנע סלופּעס געוויזן דער וועלט אַ גרויסע פֿײַג. ס׳האָבן נישט געפֿעלט אויך קיין זײַטיקע „כאַלטורעס", האָט ער טאַקע אַהיימגעבראַכט פּראָדוקטן מיט דער פֿולער האַנט.

ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן זיך באַווײַזן אויף די פּעקלעך פֿון בראַזיל, פֿון דער עלטערער שוועסטער, האָט עליע באַשלאָסן אַז דאָס איז עס, מערער קאָן ער אַזוי נישט לײַדן, גענומען זיך נאָכ־פֿרעגן צווישן „היימישן עולם" און געפֿונען אַ פּאַסיקע פֿרוי, וואָס זאָל זיי העלפֿן פֿירן די ווירטשאַפֿט און אין איין וועגס טאַקע אַכטונג געבן אויף דער מוטער, ריידן אַ ביסל מיט איר, זי פֿאַר־

ווײַלן, ס'זאָל איר נישט זײַן אַזוי אומעטיק, ביז ער קומט פֿאַרנאַכט אַהיים פֿון דער אַרבעט. אַזוי איז צו זיי געקומען פּרימע, פּרימע די דאָמבערעווענערין, און אײדער מ'האָט זיך אומגעקוקט האָט די שטוב דאָרט באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען. פּרימע איז געווען פֿון דעם סאָרט בריהס, וואָס האָבן געאַרבעט נישט נאָר מיט די הענט, נאָר אויך מיט די אויגן, דאָס הייסט — אײדער די הענט האָבן באַוויזן צוראַמען אויף איין אָרט, האָבן די אויגן שוין אויסגעקוקט אַ צווייט ווינקל, אַ נישט וויניקער פֿאַרלאָזטס און פֿאַרשלומפּערטס. דאָ, אָבער, האָט אַפֿילו די פֿלינקע פּרימע זיך פֿאַרלוירן, געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ געפּלעפּטע פֿון דעם זעלטענעם צירוף פֿון עשירות מיט שמוציקייט. נישט פֿון דעם גרויסאַרטיקן בעטגעוואַנט, אָדער פֿון די טײַערע קליידער, וואָס זענען געווען אָנגעוואָרפֿן אויף די שטולן און אויף די נישט צוגעקלי־בענע געלעגערס, איז זי איבערראַשט געוואָרן. ניין! זי האָט נישט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פֿון די זעקלעך קאַרטאָפֿליעס, פֿון די טאָרבעלעך גריץ און הירזש, וואָס זענען געלעגן אויפֿגעבונדענע און די גרויפּן זענען געווען צעשיט אויפֿן טיש, ס'האָט איר פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף די בינטלעך מייערן, בורי־קעס און רעטעכער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט און צו ביסלעך אַפֿילו אונטערגעפֿוילט אויפֿן דיל.

ווי אַ געניטער כירורג האָט זי, פֿון אונטער די פֿאַרכמורעטע ברעמען, אַרומגעכאַפּט מיט איר שאַרפֿן בליק דאָס צימער פֿון איין עק ביזן צווייטן און באַלד זיך אָנגעשטויסן אין מקור פֿון דער גאַנצער זאַראַזע. דעמאָלט האָט זי אויסגעקליבן דאָס פֿעסטערע פֿון די צוויי בענקלעך, אָן ווערטער עס אַרויסגעטראָגן אין דרויסן און עס אָווועקגעשטעלט אין שאָטן פֿונעם טאָפּאָל, וואָס איז גע־וואַקסן אַנטקעגן דער שטוב, אָנגענומען די באַראָנעסע אונטערן אָרעם און, נישט פֿרעגנדיק בײַ איר די הסכמה, זי אַרויסגעפֿירט מיט אַ ביסל שפּאָטישער צערעמאָניע, ווי מ'פֿירט אַ כּלה צו דער חופּה, און זי גראַציעז אַנידערגעזעצט אויפֿן דעם אויסגעבעטן שטול. זי האָט פֿאַר איר אָווועקגעשטעלט אַ טישל און אַפֿילו די

קאָרטן נישט פאַרגעסן, זאָל זי זיך פאַרווײַלן דאָרט אויף איר באַראָנעסישן שטייגער, אַבי זי זאָל זיך איר נישט פּלאָנטערן פאַר די פיס און נישט שטערן „מבער זײַן דעם חמץ״. דערנאָך ערשט האָט זי פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך צו דער עבודה. זי האָט געוואַשן און געפּוצט, געלופטערט, געשײַערט און אויסגערייכערט דעם פאַרדומפּטן ריח פון שטוב. ווען זיי זענען אין יענעם פאַרנאַכט שוין געזעסן בײַם טיש, געטרונקען טיי און פאַרביסן מיט די קאָרזשיקלעך, וואָס פרימע האָט, צווישן יאָ און ניין, אָפּגעבאַקן אין דער דוכאָווקע, האָט די באַראָנעסע נישט אויסגעהאַלטן און זי אַ פרעג געטאָן: זאָגט מיר נאָר, פרימע, פאַרוואָס האָט מען אײַך, אייגנטלעך, אַרויסגעשיקט?

— צוליב גלײַכגעוויכט, האָט זי אויפן אָרט באַקומען דעם ענטפער, צוליב דעם באַלאַנס, ס׳זאָלן זיך דאָ אין סיביר באַגעגענען מענטשן פון פאַרשידענע קאַליבערן, אַנדערש ווי וואָלט איר, אַ שטייגער, גענומען אַ פּרוו זי זאָל אײַך אָפּבאַקן אַזעלכע היימישע קאָרזשיקלעך? קיין סיביריאַטשקע וועט איר דאָך אין שטוב נישט אַרײַננעמען, קודם ווייסט זי נישט דעם סוד פון ייִדיש געבעקס והשנית קען זי נאָך, חלילה, איבער אַ נאַרישקייט לויפן אײַך מסרן, אַז איר האָט זי גאָר עקספּלואַטירט. דאָס וואָלט געפעלט, מ׳זאָל אײַך דאָרט פאַרשרײַבן, אין דעם „גוטן מקום״, אַז איר זענט אַן אַרויסגעשיקטע מיט אַ דינסט. נאָר דאָס זאָג איך, פאַרשטייט זיך, צוליב קאַטאָוועס, כּדי צו פאַרזיסן אַ ביסל דעם וואָרעם וואָס טאָטשעט מיך, פון דעסטוועגן, הלמאי איך האָב דערלעבט אויף דער עלטער צו זײַן אַ דינסט בײַ יענעם. דער אמת איז, אַז מיר זענען קיין מאָל קיין גבירים נישט געווען, בורזשויעס ווי זיי רופן אונדז אַלע דאָ, און ממילא נישט קיין עקספּלואַטאַטאָרס. אַליין, מיט די אייגענע הענט, געאַרבעט בײַם טוטין, ווי די מערהייט ייִדן בײַ אונדז אין שטעטל און ס׳האָט זיך געפירט אַ באַלעבאַטישע שטוב, נישט ערגער ווי בײַ אַנדערע. מ׳האָט זיך אַפילו אָנגעטאָן אַ כּוח און געשיקט קינדער לערנען אין דער פרעמד. ווי דען, אויסכאָוועט גראָבע יונגען? בײַ אַזאַ טאַטן ווי זיי האָבן

געהאַט? מײַן מאַן איז נאָך צוריק מיט אַריבער צוואַנציק יאָר געפֿאָרן קיין קעשענעוו אויף דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די ציוניסטן אין בעסאַראַביע. איר דאַרפֿט וויסן אַז איך שטאַם פֿון גאָר אַ קליין אָרט, דאָמבראָווען, וואָס וואָלט געוויס נישט זוכה געווען אַז מענטשן זאָלן עס אַ מאָל דערמאָנען, ווען נישט דער רב אונדזערער, הרב שטערנבערג, אַ גרויסער תּלמיד־חכם און אַ הײַנטצײַטיקער מענטש אין דער זעלבער צײַט, דער שײַנדליק נישט נאָר פֿון אונדזער שטעטל, נאָר אויך, מיר דאַכט, פֿון גאַנץ בעסאַ־ראַביע. דעם רב צירלסאָנס רעכטע האַנט. איר האָט, געוויס, געהערט וועגן זיי אַפֿילו בײַ אײַך אין ליטע. וואָס שײַך, אָבער, דעם איבעריקן, איז נישטאָ באַזונדערס מיט וואָס זיך אויסצושטעלן. איך צווייפֿל אויב אונדזער שטעטל האָט געציילט אַרום און אַרום אַנדערטהאַלבן טויזנט איינוווינער, כּולל אַפֿילו די ציגן, נאָר אַזוי־אָ, מיט די דריטהאַלבן גאַסן אירע, האָט דאָמבראָווען פֿאַרמאָגט, נישט ערגער פֿון אַנדערע בכּבֿודיקע שטעטלעך, אַוודאי צען פּאַרטייען — „צעירי־ציון" און „פּועלי־ציון", „מזרחי" און „רעוויזיאָניסטן", רעכטע און לינקע און אַלגעמיינע. פֿון די „באַסיאַקעס" וויל איך אַפֿילו נישט ריידן, איך האָב זיי אין גאַנצן פֿאַר קיין יִדן נישט גערעכנט. מיר, איך מיט מײַן מאַן, זענען געווען אַלגעמיינע ציו־ניסטן, אָבער איבערגעגעבענע מיט לײַב און לעבן. וואָס־זשע מיינט איר? האָבן די „ברידערלעך", די פֿײַנע יאַטן פֿונעם באָד־געסל, וואָס זענען מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן און געוואָרן די באַלעבאַטים פֿונעם גאַנצן עסק, געשפּרונגען פֿון דער הויט, געוואָלט דער־ווײַזן זייער טרײַשאַפֿט דער נײַער סאָוועטישער מאַכט און, נאָך מער ווי מ'האָט בײַ זיי געפֿרעגט, אָנגעהויבן אויפֿדעקן אַלע „סודות" פֿונעם שטעטל, ווער מיט וואָס האָט געזינדיקט און ווער, לויט זייער מיינונג, איז פּסול פֿאַרן נײַעם רעזשים. צווישן די ערשטע קרבנות איז, פֿאַרשטייט זיך, אַרײַנגעפֿאַלן מײַן מאַן, דער ציו־ניסט. מ'האָט אים אויסגערעכנט דאָרט אַלע זײַנע חטאים, אַז ער איז צוריק מיט יאָרן געפֿאָרן באַגעגענען סאָקאָלאָוון אין קעשענעוו און אין עטלעכע יאָר אַרום דעם ד"ר חיים ווייצמאַן, אַלץ, אַלץ

האָבן זיי געוווּסט, ביז צו די מינדסטע פּרטים און אַז בכלל איז אונדזער שטוב געווען דער צענטער, וווהין ס'זענען פאָרפאָרן שטענדיק די שליחים פון „קרן־היסוד". זיי האָבן אַפילו אים דער־מאָנט, די פאַרעכעס, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויסגעטאָן זײַן גאָלדענעם זייגער, אים אַוועקגעלייגט אויף דער טאַץ און, קוקנדיק אויף אים, האָבן אַלע אַראָפּגענעמען דאָס צירונג און געשפּענדעט אויף בויען דאָס לאַנד. מײַן מאַן האָט מען תּיכּף אײַנגעזעצט און מיך, ווי איר זעט, האָט מען שוין דער־נאָך צוגעפּגעספּוידעט מיט בכבודיקע קאַפּיטאַליסטן און מיט אַ ספּעץ־מאַרשרוט אָפּגעפירט קיין סיביר. אַ גליק נאָך וואָס די קינדער זענען גראָד אין דר'היים נישט געווען.

די באַראָנעסע איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל. זי האָט געקוקט אויף פרימען און זיך געחידושט — ווי קומט צו אַ קליינשטעטל־דיקער פרוי אַזאַ מין לעבנס־חכמה? אַזאַ דערפאַרונג? אַזוי פיל זעלבסשטענדיקייט? הײַנט איר חתוך־הדבור!

ווען עליע איז שפּעטער געקומען און געגאַפט פון די ענדערונ־גען בײַ זיי אין שטוב, האָט די באַראָנעסע זיך צו אים אָנגערופן: זײַ אַזוי גוט, עלינקע, און פיר אונטער די פרוי פרימע אַהיים, ס'איז שוין פינצטער אין דרויסן, זי זאָל, חלילה, נישט פאַלן.

✶

אין יענעם אין דער פרי, געדענקט פרימע, איז די באַראָנעסע געווען זייער גוט געשטימט, געזעסן מיט די ברילן אויף דער נאָז און איבערגעקליבן גריץ צו דער קאַשע, דערבײַ האָט זי געשמייכלט און דערציילט וועגן איר מוטער, ווי אַזוי זי פלעגט קלינגען יעדן טאָג און צום אַלעם ערשטן זי פרעגן אויפן טעלעפאָן צי זי האָט שוין געהאַט הײַנט דעם מאָגן. פרימע האָט זיך פאַרקרימט. בײַ זיי אין דאָמברעווען איז בײַ קיינעם קיין טעלעפאָן נישט געווען און ווען ער זאָל אַפילו יאָ געווען זײַן, איז דער „מאָגן" געווען אויסשליסלעך אַ פּערזענלעכער ענין און אַפילו מיטן דאָקטער האָט מען נישט שטענדיק גערן געוואָלט רעדן וועגן דעם. ביידע האָבן געלאַכט און יעדע בײַ זיך האָט געטראַכט, אַז דער צווייטער

פּעלט געוויס אַ קלעפּקע. פּלוצעם האָבן זיי דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דער דרויסנדיקער טיר. דאָס שיסעלע גרויפּן איז איר אַרויסגעשפּרונגען פון די הענט און זיך צעשיט אויפן דיל.

— וואָס איז מיט אײַך? האָט זי נאָר באַוויזן אַ פרעג טאָן און געגאַנגען עפענען די טיר.

— ווער פון אײַך איז דאָ באַראָן סימאָנאַ מאָיסייעוונאַ?

— איך, האָט די באַראָנעסע אַ דערציטערטע געענטפערט, מער מיט די אויגן ווי מיט דעם מויל, און איך, איז פרימע גלײַך אַרײַנגעפאַלן אין די רייד, איך בין אירע אַ קרובה, געקומען זי מבקר־חולה זײַן און איר אַ ביסל העלפן אין שטוב ביז זי וועט קומען צוריק צו די כּוחות.

— לאַדנאָ! — האָט דער עלטסטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַלץ איינס, בלײַבט דאָ אַלס עדות, מירן דורכפירן אַן אָביסק אין שטוב, אײַער זון איז אַרעסטירט.

— מײַן זון!? ס'קען אין דער וועלט נישט זײַן. איר האָט געוויס אַ טעות. מײַן זון... זיי האָבן אַפילו נישט געוואָלט זי אויסהערן, גלײַך זיך גענומען נישטערן אין אַלע ווינקלען, איבער־קערן און אויסטערעסען ווו אַ קעסטל, ווו אַ טשעמאָדאַן.

דער הימל איז פּלוצעם אַראָפּגעפאַלן איבער איר. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפאַלן אויפן פּלאַץ. פרימע האָט זי קוים אויפגעהויבן און צוגעפירט צום געלעגער. זי האָט געווישט מיט אַ האַנטעך די גרויסע טראָפּנס שווייס אויף איר שטערן און געזוכט צו פאַרשטעלן מיט זיך דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען הינטער אירע פּלייצעס.

פון יענעם טאָג האָט זי אָנגעהויבן ציטערן מיטן קאָפּ, צושאָקלען אַזוי, גלײַך ווי זי האַלט אין איין מסכּים זײַן מיט וואָס מ'זאָגט איר. פון יענעם טאָג האָט פרימע מורא געהאַט זי לאָזן אַליין און געבליבן נעכטיקן בײַ איר.

— הערט מיך אויס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, האָט פרימע אין עטלעכע טעג אַרום זיך אָנגענומען מיט האַרץ, אויסגעהוסט דעם האַלדז, ווי געוויינטלעך פאַר אַן ערנסטן שמועס, און אַרויס

מיט רייד. די זאַך איז... וואָס צײַטן בײַטן זיך און דאָס איז קיינער נישט בכּוח אויסצומײַדן, נאָר... דער מענטש, ווי מיר ווייסן, איז אַלע מאָל דאָס וואָס ער איז און נישט דאָס וואָס ער איז געווען, דעריבער, זאָג איך אײַך — ווײַזט אַ קונץ און בלײַבט די זעלבע שטאָלצע „באַראָנעסע" ווי איר זענט געווען אין די גוטע צײַטן, ווערט איר מיט דעם נישט נאָר זיך, נאָר אויך עלינקען אַרויסהעלפֿן.

זי האָט אויסגעהערט און אויף איר אופֿן פֿאַרשטאַנען. דעם אַנדערן טאָג האָט סימאָנאַ מאָיסייעווונאַ אַרויסגענומען איר ברוינעם קאָסטיום מיטן באַרכאַטענעם קעלנערל, אָנגעטאָן דעם הוט מיטן אַראַנזשעווע פֿעדערל פֿון הינטן, אַרויפֿגעצויגן די לײַקעווע הענטשקעס און זיך געלאָזט מיט אַ וויזיט צום נאַטשאַלניק נ.ק.וו.ד. — וווהין האָט איר זיך אַזוי אויסגעפּוצט שאַבייסע־נאַכט אין דער פֿרי, איז פֿרימע נשתּומם געוואָרן, וואָס פֿאַר אַ „ראש־השנה" איז אויף אײַך אָנגעפֿאַלן פּלוצעם אין מיטן תּמוז?

— מיר איז שווער מיט אײַך צו ריידן, פֿרימע, מיר וועלן קיין מאָל נישט פֿאַרשטיין ביזן סוף איינע די אַנדערע. בײַ אײַך אין דאָמבראָווען האָט מען זיך אויסגעפּוצט, ווײַזט אויס, נאָר אויף די יום־טובֿים, ווען מ'איז געגאַנגען אין שול אַרײַן, און איך, מײַן טײַערע, בין געווען נישט איין מאָל אויף פּריִיאָמען אַפֿילו בײַם גובערנאַטאָר.

— וועגן דאָמבראָווען, סימאָנאַ מאָיסייעווונאַ, לאָזט מיך שוין אָפּהיטן די זכרונות פֿאַר זיך, וואָס שייך, אָבער, דעם „עטיקעט", וואָס איר שטעכט מיר די אויגן מיט אים, בין איך אין אַ גרויסן ספֿק אויב דער קריוואָשיינער „גובערנאַטאָר" וועט איבערראַשט ווערן פֿון אײַער טואַלעט, באַזונדערס פֿונעם פֿעדערל אויפֿן הוט. אַזוי האָט זי געוואָרטשעט, זיך געבייזערט און בסוף נישט אָפּגע־טרעטן פֿון איר, מורא געהאַט זי צו לאָזן אַליין גיין איבער די גאַסן. אַזאַ אָנשיקעניש אויף מײַן קאָפּ, טאָמער איז מיר געווען ווייניק, האָט זי דעם גאַנצן וועג געברומקעט און פֿעסטער זי אָנגעגע־נומען אונטערן אָרעם.

מ'האָט זיי אַפֿילו אויף דער שוועל נישט אַרויפֿגעלאָזט, ס'איז

נישט געווען קיין אויפֿנאַם־טאָג. דערנאָך איז געווען אַן אויפֿנאַם־טאָג און מ׳האָט זיי במילא נישט אַרײַנגעלאָזט, נישט געוואָלט אַפֿילו אַ וואָרט זאָגן אין וואָס מ׳באַשולדיקט עלינקען און ווו ער געפֿינט זיך בכלל.

די באַראָנעסע האָט מיט אַ מאָל פֿאַרגעסן אין אַלע אירע פּאַדאַגרעס און רעוומאַטיזמען. אַלע אין דער פֿרי, ווי אַ פֿרומער ייִד גייט אין שול אַרײַן, אַזוי האָט זי געשפּאַנט אין דער „קאָמענ־דאַטור", מיט דער געטרײַער פֿרימע בײַ דער זײַט, און נישט געוואָלט וויסן, אַז די גאַנצע גאַס קוקט איר נאָך און דערקענט זי שוין פֿון דער ווײַטנס לויט דער שליאַפּע מיטן פֿעדערל.

פֿאַר דער צײַט האָט זי זיך שוין איבערגעקליבן צו פֿרימען אין איר פּיצל צימערל, געמוזט באַפֿרײַען די „גרויסע וווינונג" און זי אָפּגעבן דעם נײַעם עלעקטראָמאָנטיאָר, וואָס איז געקומען אויף עלינקעס אָרט. זי איז דווקא געווען אויף אַ פֿרייִאַם בײַם דירעק־טאָר פֿון דער עלעקטראָסטאַנציע און יענער האָט זי זייער שיין אויפֿגענומען, געהייסן זיצן, נאָר העלפֿן האָט ער איר מיט גאָר־נישט נישט געקענט. מיט דער נ.ק.וו.ד. פֿירט מען נישט בײַ אונדז קיין וויכוחים, זיי ווייסן וואָס זיי טוען און בכלל, אומזיסט זעצט מען בײַ אונדז קיין מענטשן נישט אײַן.

דערווײַל דאַרף מען עסן און די זאַפּאַסן קאַרטאָפֿליעס און גרויפּן האָבן זיך שוין פֿון לאַנג געענדיקט, האָט פֿרימע זיך געפֿור־נען אַ נײַע שטעלע בײַ אַ פּאָרל דאָקטוירים, עוואַקואירטע פֿון מאָסקווע, געפֿירט זיי די שטוב און אָפּגעשפּאָרט אַ ביסן אויך פֿאַר דער באַראָנעסע. די דאָקטערשע האָט איר נישט איין מאָל פֿאַר־געלייגט זי זאָל אין גאַנצן איבערגיין צו זיי וווינען און זײַן מיט זיי ווי איין משפּחה, ס׳וועט איר בײַ זיי גאָרנישט נישט פֿעלן. פֿרימע האָט זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב דאָ אַן עלנטע קרובֿה, וואָס נייטיקט זיך זייער אין מײַן הילף, אַזוי האָט זי אַלע מאָל געענטפֿערט און אַלע פֿאַרנאַכט אַהיימגעטראָגן אין קיישל אַ טעפּעלע געקעכטס פֿאַר דער באַראָנעסע.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט סימאָנאַ מאַיסייעוונאַ באַקומען

אַ „סווידאַניע״, דאָס הייסט, אַ דערלויבעניש זיך צו זען מיטן זון. ער האָט זיך געפונען אין דער תּפיסה אַסינאַ.

— מאַמאַטשקאַ, מײַן טײַערע מאַמאַטשקאַ, איז ער צו איר צוגעפאַלן, ווי אַזוי לעבסטו? ווי אַזוי קומסטו אויס דאָרטן איינע אַליין?

— איך בין נישט אַליין, איך ווױן צוזאַמען מיט פרימען.

— מ׳האָט בײַ דיר צוגענומען דאָס צימער?

— וואָס טויג מיר, עלינקע, אַזאַ גרויס צימער?

— מײַן אָרעמע מאַמאַטשקאַ!!!...

— זאָרג נישט פאַר מיר, איך נייטיק זיך נישט אין גאָרנישט, דו זאָלסט נאָר זײַן געזונט און אויסהאַלטן ביז גאָט וועט העלפן. פאַרליר זיך נישט, עלינקע האַלט זיך שטאַרק, גיב זיך נישט אונטער און דער עיקר... נישט חתמענען קיין שום פּאַפּירן, קיין שום פּראָטאָקאָלן מײַן איך, הערסט?

— איך האָב שוין געחתמעט... האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איך האָב דיך זייער געוואָלט זען, מאַמע, האָב איך געחתמעט.

ווען דער אָב האָט זיך „געשטעלט״, האָט מען עליען אַוועקגעפירט מיטן עטאַפּ קיין מאַגאַדאַן. פון דאָרט האָט זי נאָך באַוויזן צו באַקומען איין און איינציקן בריוו, דערנאָך איז זי קראַנק געוואָרן און אין אַ חודש אַרום געשטאָרבן.

פרימע האָט צווויסן געטאָן אַלע ייִדן, וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט אין קריוואָשיינאַ. ווען דער שליטן מיטן קאַסטן איז דורכגעפאָרן דורך די גאַסן און צענדליקער מענטשן זענען נאָכגעגאַנגען, נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן פראָסט, האָבן פאַרבײַגייערס זיך אָפּגעשטעלט, דורכגעלאָזט די לוויה און זיך נאָכגעפרעגט:

— קאַוואָ אָפּיאַט כאָראָניאַט עטי יאַוורעי? *

— קאַקויו־טאָ פרינצעסו איכניו, אילי קניאַגינו, קטאָ איך ראַזבעריאָט? **

---

* ווען זענען ווידער מקבר דאָרט די ייִדן?

** עפּעס אַ פּרינצעסן זייערע, צי גאָר אַ קעניגין, ווער קען זיי וויסן?

# אויף פרעמדע וועגן

איוואַן סטעפּאַנאָוויטש איז געווען אַ קנאַפּער בעל־דברן און דאָס ביסל וואָס ר׳האָט שוין יאָ געוואָלט זאָגן, האָט ער אַזוי לאַנג געקײַעט אין מויל ביז ס׳פּלעגן זיך אים מיט געוואַלד אַרויס־רײַסן פון צווישן די געדיכטע וואָנצעס שטיקלעך אָפּגעביסענע, אָפּגעגריזשעטע ווערטער, דאָס איבעריקע האָט ער אַראָפּגעשלונ־גען. אַזוי — ווען ער איז געווען ניכטער. פלעגט ער אָבער מאַכן אַ כּוסע, איז געווען פאַרפאַלן. דעמאָלט האָט ער שוין אין גאַנצן געמרוקעט און זיך נאָך געחידושט הלמאי מ׳פאַרשטייט אים נישט ווען ער רעדט, דאַכט זיך, קלאָרע דיבורים. דאָס באַמבלען מיט דער צונג האָט אים פאַרשאַפט שטילערהייט גענוג עגמת־נפש, נאָר פון דער אַנדערער זײַט האָט עס אים געדינט אַלס צייכן, אַז ער איז שוין „מלא״ און ס׳איז די העכסטע צײַט זיך לאָזן אַהיים. איוואַן סטעפּאַנאָוויטש איז נישט געווען פון די געשווױרענע טרינ־קערס, וואָס ענדיקן שטענדיק די הוליאַנקעס מיט וואַלגערן זיך אונטערן טיש, אָדער, נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, ערגעץ הינטער אַ פּלויט. חס וחלילה! קיינער האָט אים קיין מאָל אין אַזאַ צושטאַנד נישט געזען. מיט די לעצטע כּוחות זיך געוואַקלט, נאָר שטענדיק זיך דערשלעפּט צו זײַן טיר, צו זײַן געלעגער, און דאָ... דאָ האָט ער שוין געהערט די וועלט ווי די קאַץ. דאָ איז ער געווען קייסער. און ווי אַ קייסער האָט ער טאַקע אין פאָלנע אוביאָר, מיט דעם היטל אויפן קאָפּ און מיט די שטיוול אויף די פיס, זיך אַ וואָרף געטאָן גלײַך אויף דער ווײַס־געפּרעסטער אַזשורנער דעק פון זײַן בעט און... פּישי פּראָפּאַלאָ, מיט קײַן האַרמאַטן האָט מען אים שוין נישט געקאָנט אויפוועקן.

נו, און לוקעריאַ איסייעוונאַ ווו איז געווען, ווערט איר פרעגן? זי האָט דערווײַל געהאַלטן נאָך אין מיטן זינגען דאָס ליד וועגן יאַמשטשיק, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן אין סטעפּ און צוויי

באַסאָווע שטימען, פון ביידע זײַטן, האָבן איר אַזוי פײַן אונטער־געהאַלטן, אַזש דער מאָגערער לאָק אויפן שטערן האָט איר אָנגעהויבן שוויצן פון גרויס עקסטאַז און זיך צעגאַנגען אין אַ גלײַכער פּאַסמע געלע שטרויענע האָר. האָט מען טאַקע געדאַרפט האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן איבערצורײַסן אַזאַ האַרמאָנישן טריאָ און לויפן אַהיים אַראָפּנעמען די דעק פונעם בעט. טשאָרט ס׳ניי! זי וועט זי שוין מאָרגן ווידער אויסוואַשן און אויספּרעסן. אַ קליי־נער אומגליק. נישט דאָס ערשטע מאָל. וואָס איז מען נישט מקריב צוליב קונסט? און נישט אַזוי צוליב קונסט, ווי צוליב דעם פאַר־געניגן זיך צו פּילן כאַטש אויף אַ ווײַלע אין דער ראָלע פון אַ פּרימאַדאָנע? מ׳דאַרף וויסן, אַז זי איז געווען דאָרט די איינציקע צווישן די געסט, וואָס האָט געקענט אויף אויסנווייניק אַלע זיבעצן קופּלעטן פון דער באַלאַדע. זענען אַלע, דעריבער, געזעסן ווי פאַר־כּישופטע, זיך געהוידעט אין טאַקט פון ליד, געשלונגען די ווער־טער און זיך באַגאָסן מיט טרערן, גלײַך ווי זיי הערן עס צום ערשטן מאָל, גלײַך ווי לוקעריאַ איסייעוונאַ איז עס געווען דער לעבעדיקער עדות פון דער טרויעריקער געשיכטע און דאָס האָט ער מיט איר, דער יאַמשטשיק, איבערגעשיקט צו זײַן יונג ווײַב דעם רינג מיט די לעצטע געזעגענונגס־ווערטער. אַי דאַ לוקעריאַ איסייעוונאַ, ליובושקאַ נאַשאַ, איז מען געקראָכן זיך קושן מיט איר און איר אונטערגעטראָגן אַ פולע גלאָז סאַמאַגאָן. טרינק גע־זונטערהייט, דו דערפרייסט מיט דײַן זינגען אונדזערע צעבראָכענע הערצער. לוקעריאַ איסייעוונאַ האָט אַפילו אַ פּינטל מיטן אויג נישט געטאָן, אָכאָטנע אַרײַנגעגאָסן אין זיך דעם סאַמאַגאָן, וואָל־יונגעריש אַ קוש געטאָן דעם דנאַ פונעם גלעזל און אָפּגעצופט אַ פּיצל זויערע אוגערקע צום פאַרבײַסן. פון עטלעכע גלעזלעך איז זי קוים בגילופין געוואָרן, געשמייכלט און זיך געמוטשעט צוריק אויסלייגן דעם לאָק מיט דער הילף פון צוויי גרויסע שוואַרצע האָר־שפּילקעס. מיט דעם ביסל חיות האָט זי דערנאָך אָפּגעשטופּט די צײַט ביז דער צווייטער הוליאַנקע. דאָס איז געווען איר איינציק פאַרגעניגן. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט און וואַניאַ איז פאַר

די יאָרן „אויסגעוואַקסן" בײַ דער סאָוועטישער מאַכט און זיך דערשלאָגן צו אַ פּײַנעם פּאָסטן אין דער קאָנטאָר „סעלכאָזסנאַב", האָט ער שוין אויפֿגעהערט אַפֿילו אַראָפּקוקן צו איר, זי אין גאַנצן שוין נישט באַמערקט. דאָס הייסט, אַזוי פֿלעגן זיי זיך קיין מאָל נישט קריגן צווישן זיך, נאָר צו אָפֿט האָט ער אָנגעהויבן איר דער־מאָנען אַז די פּיס בײַ איר זענען ווי צוויי שפּיזלען און זיך אָפּגע־רוקט פֿון איר אין די נעכט, מחמת זי לעכערט אים די פּלייצע מיט אירע שפּיציקע עלנבויגנס. האָט זי מסתּמא געהאַט נישט קיין קליי־נעם ווייטיק דערפֿון און געזוכט זיך צו טיעשען פֿון דער זײַט. אַוודאי איז זי געווען צופֿרידן וואָס וואַניטשקאַ טראָגט זיך אַפּ באַציַיטנס אַהיים און לאָזט איר זיך פֿאַרוויַילן ווי איר געפֿעלט...

אַזוי האָט געטראָפֿן אין איינעם אַן 8טן מערץ, ווען ראַסיִאַ מאַטושקאַ צעוויוועט זיך פֿון איין עק ביזן אַנדערן און פֿײַערט מיט פּאָמפּע דעם טאָג פֿון די פֿרויען, איז איוואַן סטעפּאַנאָוויטש דער־קראָכן צו זײַן בעט און דאָס קעלבל האָט אים אויפֿגעגעסן דעם שניפּס. וועט איר דאָך פֿרעגן: מה לקעלבל בשמיני למרץ? איז די זאַך אַזעלכע: אין סיביר איז מערץ־חודש נאָך שטאַרקער ווינ־טער און ווײַל די קו בײַ זיי האָט זיך געקאַלבט ערשט צוריק מיט אַ פּאָר טעג, האָט מען דאָס פֿריש־געבוירענע קעלבעלע אַרײַנ־גענומען אין שטוב, ס'זאָל נישט פֿאַרפֿרוירן ווערן אין שטאַל. איז אָבער דער דין, אַז אַ קעלבל איז נישט קיין מענטש, עס שטעלט זיך באַלד אויף די פּיס און אין עטלעכע טעג אַרום לויפֿט עס שוין איבער דער שטוב און מאַכט טאַקע אַן שאָדן. איז דעם קעלבל מיט אַ מאָל טשיקאַווע געוואָרן דער רויטער שניפּס, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פֿון בעט, האָט עס אויפֿגעהערט שפּרינגען, אָנ־געשטעלט צוויי קעלבערישע אויגן און געוואָלט זיך דערוויסן וואָס איז עס אַזוינס. נאָר פֿון בלויז קוקן קומט גאָרנישט אַרויס, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם עק מיט זײַנע ווייכע פּוכקע ליפּן, גענומען שלעפּן צו זיך, און אָנגעהויבן קײַען. איז אָבער דער שניפּס פֿון דער צווייטער זײַט געווען פֿעסט אַרומגעבונדן אַרום איוואַן סטע־פּאַנאָוויטשעס האַלדז און זיך נישט נאָכגעגעבן. ער האָט זיך דאָרט

געשאָקלט אויפֿן בעט, געמרוקעט ווי זײַן טבע איז געווען, געמיינט אַפּנים אַז דאָס ווײַב טשעפּעט אים און לאָזט אים נישט שלאָפֿן. אַזוי האָט זיי געטראָפֿן לוקעריאַ איסייעוונאַ, ווען זי איז אַ צופֿרי־דענע אַהיים געקומען — זיי האָבן זיך ביידע געבוקט איינער צום צווייטן און ביידע געמרוקעט, איעדער אויף זײַן לשון. מיינט איר אַוודאי אַז זי איז איבערגעראַשט געוואָרן? ניין! זי האָט אָפּגע־טריבן דאָס קעלבל, אָנגענומען וואַניטשקען בײַ דער פּלייצע און אים אַ וואָלגער געטאָן מיטן פּנים צו דער וואַנט, אַפּירגעשלעפּט די צעקנייטשטע דעק, פּאַוואָלינקע זיך אויסגעטאָן און אַ שטראָלנ־דיקע זיך אויסגעצויגן אין בעט מיט ביידע הענט אויף דער קאָלדרע און... נאָר איין גאָט ווייסט דעם סוד פֿון דעם שמייכל אויף אירע ליפּן, מיט וועלכן זי איז באַלד אײַנגעשלאָפֿן.

✶

אַה! האָט אסתּרקע נישט געקאָנט קומען צו זיך פֿון התפּעלות, ווען אַזאַ געשיכטע טרעפֿט נישט אין טאָמסק, נאָר לאָמיר זאָגן, בײַ זיי אין זגוריצע? דאָס גאַנצע שטעטל, דאַכט זיך, וואָלט שוין געגאַנגען כּאָדראָם. און נישט מחמת ס׳האָבן געפּעלט דאָרט צרות מיט דאגות מכּל המינים, נאָר... וואָס שייך? ווײַל טאַקע אַזוי, האָט מען זיך אָן אַ שפּאַס און אָן אַ גלײַכוווערטל נישט געקאָנט באַגיין. דאָס לעבן וואָלט פּשוט אומעטיק און פּוסט געווען. אָט, למשל, האָט מען דערציילט, אַז צוריק מיט יאָרן האָט בײַ זיי אַ גאָנער אַ ביס געטאָן אַ יידן אין סאַמע אונטערחלק, אים אָנגע־כאַפּט מיטן שנאָבל און אים געמאַכט אַ לאָך אין די הויזן, נו... האָט מען עס פֿאַרשוויגן? אַוודאי נישט. אין יענעם טאָג, דער־ציילן די אַנאַלן, איז אין זגוריצע געגרינדעט געוואָרן די דינאַסטיע „גאָנערס״, שיִער נישט געזאָגט „כאַכענגאָנערן״, וואָס האָט נאָר געוויס ביז הײַנט אירע אָפּשפּראָצונגען, צעזייטע און צעשפּרייטע ווו נאָר די וועלט האָט אַן עק. נישט ערגער פֿון אַנדערע מלוכישע דינאַסטיעס.

דרייט זיך אסתּרקע אויפֿן געלעגער, ווײַל זיך דערגרונטעווען ווי אַזוי איז בעסער — וו׳זוי בײַ אונדז, צי וו׳זוי בײַ זיי? און קאָן

צו קיין אויספיר נישט קומען. לסוף באַשליסט זי, אַז ס׳איז נישט ערגער און נישט בעסער, נאָר פּשוט אַנדערש, און דאָס „אַנדערשע" איז שוין אוממעגלעך צו בײַטן. און מ׳דאַרף נישט משנה מנהג זײַן. און ווידער, טראַכט זי, איז אפשר בעסער אַזוי, וואָס ס׳איז דווקא פֿאַראַן דאָס „אַנדערשע", ווײַל גראָד דאָס קעגנזײַצלעכע בײַ מענטשן, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, דערנעענטערט אָפּט מאָל גיכער ווי דאָס האָמאָגענישע בײַ זיי. וואָס דאַרף זי ווײַט גיין? זי אַליין איז אַנטלאָפֿן פֿון דעם פֿאַרשאָלטענעם וואַלד, וווּהין זיי זענען געווען פֿאַרשיקט, געקומען קיין טאָמסק און די איינציקע ווערטפֿולע זאַך וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט און געבויעט דערויף איר גאַנצע האָפֿענונג, איז געווען אַן אַדרעס, אַן אַדרעס פֿון אַ ייִדישער משפּחה. איבער דעם אַדרעס האָט זי קיין אויג נישט צוגעמאַכט גאַנצע צוויי מעת־לעת, וויפֿל ס׳האָט געדויערט דאָס פֿאָרן מיטן קאַטער פֿון קריוואָשיינאָ ביז דער גרויסער שטאָט. געציטערט אַ גאַנצן וועג, געטאַפּט זיך בײַ דער בוזעם־קעשענע, אַלץ מורא געהאַט זי זאָל, חלילה, דעם אַדרעס נישט פֿאַרלירן. אַ ייִדישע שטוב אין טאָמסק! ווער איז געווען גלײַך צו איר? און וואָס האָט זיך דערנאָך אויסגעלאָזט? ביז הײַנט איז איר שווער דאָס דערמאָנען זיך אין די פּאָר חודשים וואָס זי האָט דאָרט געוווינט, און באַזונדערס אין די לעצטע עטלעכע טעג, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן רײַף ווערן בײַ איר דער געדאַנק, אַז זי מוז פֿון דער שטוב אַוועק, אַניט וועט זי דערשטיקט ווערן פֿון דער מרה־שחורה וואָס האָט דאָרט געהערשט כּסדר, פֿון דער לופֿט, וואָס איז געווען פֿאַרסמט מיט איבערגעטריבענער רחמנות און מיטלייד צו איר „ביטערן גורל". נאָ דיר גאָר אַ „ביטערן גורל", טאָמער איז איר געווען ווייניק. די צוויי ווערטער און דער אופֿן ווי זיי זענען געזאָגט געוואָרן, האָבן אַרויסגערופֿן בײַ איר ווייטיק, שווידער און עקל צו זיך אַליין. אַפֿילו אין וואַלד האָט זי געזוכט מיט אַלע כּוחות נישט אַראָפּלאָזן זיך צו דער מדרגה, מ׳זאָל אויף איר רחמנות האָבן. דאָס, האָט זי געוווּסט, וועט זײַן איר סוף. און דווקא דאָ, אין טאָמסק, ווו זי האָט געמיינט, אַז זי איז שוין אויף אַ שטיקל וועג

און וועט זיך צו ביסלעך שטעלן אויף די פיס, קומט אַ ייִדישע פרוי און פון גרויס מיטלייד, דאַרף מען פאַרשטיין, דערמאָנט זי איר אויף שריט און טריט אַז זי איז נעבעך אַן „עלנטע נשמה", אַן „אָרעמע יתומה" און נעמט בײַ איר צו דערמיט די רעכט אַפילו אַ שמייכל צו טאָן. זי איז שוין, ברוך־השם, אַ גענוג דערוואַקסע־נער מענטש און אַ גענוג אויסגעפּרוּווטע, ווערדליק אירע יאָרן, זי פאַרשטייט גוט די לאַגע, נאָר נישט דאָס איז זי אויסן געווען ווען זי האָט באַשלאָסן אַנטלויפן פון וואַלד. „ביטערער גורל"? פון וואַנעט נעמט זי אַז איר גורל איז שוין אַ פאַרחתמעטער און שטענדיק וועט ער זײַן דווקא אַ ביטערער? נאָר גיי שרײַ „אני שלמה", אַז זי איז אַ געפּענטעטע און מוז דערווײַל נאָך אָנקומען צו מענטשלעכן חסד. האָט זי פּשוט נישט געוואָגט דאָס מויל עפענען. ראַכיל מאַיסייעוונאַ איז געווען שוין אַ פרוי אין די פופציקער יאָרן, פאַרלוירן נישט לאַנג איר „האַרץ־פרײַנד", וואָס איז „אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט בײַ איר אויף די הענט" און פון איר איין־און־איינציקן זון האָט זי אויך קיין איבעריקן נחת נישט געשעפּט, דאָס איז געווען נומער איינס, והשנית האָט אסתּרקע געמוזט אַראָפּשלינגען אַלע פאַרדראָסן, ווײַל, נאָך אַלעמען, איז זי פאַרט געווען אַ גרויסער בעל־חוב, געדענקט די טובה וואָס מ'האָט איר געטאָן מיטן צושרײַבן זי צו דער קוואַרטיר, מיטן געבן איר אַ געלעגער און אַפילו אַ שטיקל ברויט. האָט זי געליטן, געשוויגן און געצאָלט דעם חוב מיט טאָג־טעגלעכער שווערער האָרעוואַניע. ראַכיל מאַיסייעוונאַ איז קיין נאָר נישט געווען. פאַר דער „וועלט" האָט זי טאַקע געזונגען דאָס לידל וועגן דער „יתומה נעבעך" און „אַ מענטש דאַרף זײַן אַ מענטש", נאָר בײַ זיך האָט זי גוט געוווּסט וועמען אויסצוקלײַבן אויף אַרײַנצונעמען צו זיך אין שטוב אַרײַן — אַ יונג געזונט מיידל און אומבאַדינגט אַן עלנטע, אַן אָנגעליטענע, ס'זאָלן איר נישט פליִען קיין פייגעלעך אין קאָפּ. בײַ דער שטוב האָט זי געהאַט אַ גרויסן גאָרטן מיט כּל מיני גרינוואַרג, באַזונדערס פּאָמידאָרן, און דאָס אַלץ האָט געפאָדערט אַ סך אַרבעט. אסתּרקע האָט פון קאַיאָר געטראָגן יעדן טאָג וואַסער פון דער

ווײַטער קערניצע, צו צוויי עמערס אויף אַ קאַראַמיסל און מיט דעם זעלבן קאַראַמיסל זיך דערנאָך געריסן אין מאַרק אַרײַן מיט צוויי גרויסע פולע קוישן פּאָמידאָרן צום פאַרקויפן. ראַכיל מאַיסייע־ווגע איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט דער האַנט־וואָג און מיט אַ גרויסן געלט־בײַטל אין די הענט.

אַרבעט האָט נישט געפעלט אין דער שטוב, מיט פאַרלייגטע הענט איז אסתּרקע קיין מאָל נישט געזעסן, נאָר איינס צום אַנדערן האָט זיך נישט אַנגעקערט — אַרבעט איז געווען אַרבעט און ברויט — ברויט, אויב דו האָסט עס נישט באַקומען אַליין, זעלבשטענדיק, אויף דײַן פּערזענלעכער ברויט־קאַרטע, ביסטו חשוב געווען כּמת, דאָס הייסט, אַז דו האָסט קיין שום רעכט נישט געהאַט דאָס ברויט אָנצורירן אַפילו מיט אַ פינגער. און דאָ נעמט ראַכיל מאַיסייעוונאַ יעדן טאָג דאָס מעסער אין די הענט און שנײַדט ברייט־האַרציק איבער אויף צווייען איר חלק ברויט! פון דער פּײַערלעכקייט, אָבער, בײַם צעשנײַדן דאָס ברויט, האָט אסתּרקען יעדן טאָג דער ביסן זיך געשטעלט פּאַפּעריק אין האַלדז. שיקט זיך איך וועל קאָנען לאַנג אַזוי אויסהאַלטן? שוין זשע בין איך אַזוי נידעריק געפאַלן? און אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען ראַכיל מאַיסייעוונאַ האָט זיך עפּעס צו פיל געוואָזיעט מיטן מעסער און אפשר האָט זיך איר בלויז אויסגעוויזן, נאָר אסתּרקע האָט מיט אַ מאָל אויסגעשטרעקט איר האַנט און זי אָפּגעהאַלטן פון איבערשנײַדן דאָס ברויט אויף צווייען.

— וואָס איז? וואָס איז געשען? איך האָב דיך מיט עפּעס באַליידיקט?

— חס וחלילה.

— וואָס־זשע האָסטו זיך אָנגעבלאָזן?

— ראַכיל מאַיסייעוונאַ, האָט זי מיט אַ מאָל דערהערט איר אייגן קול, איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן, אַז מאָרגן גיי איך מיר זוכן אַרבעט.

— אַזוי גאָר!? וואָס פּלוצעם, אויב ס'איז נישט קיין סעקרעט? ס'איז דיר שלעכט בײַ מיר? האָט ראַכיל מאַיסייעוונאַ אָנגעהויבן

שיטן אָן אויפהער, איך האָב דיך, דאַכט זיך, זשאַלייעט שטענדיק ווי אַן אייגענע מאַמע.

אסתּרקע האָט געשוויגן.

— מײַנסט ערגעץ אַנדערש ווּעסטו לעקן האָניק? הײַנטיקע צײַטן וואַרפט מען זיך נישט מיט אַ וואָרעמער און זאַטער שטוב, באַזונדערס ווען מ׳איז אַליין הויל און בלויז. און וועגן דעם האָסטו כאָטש אַ טראַכט געטאָן, אַז בכלל דאָס וווינען דײַנס דאָ אין טאַמסק איז אומלעגאַל און צו יעדער צײַט קאָן מען דיך צוריקשיקן אין „בימלעסבאָז"?

אסתּרקע האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אַרבעט!... אַרבעט האָט זיך איר פאַרגלוסט! האָט זי גענומען שפּאַנען איבערן צימער, רויט־אָנגעצונדן פון אויפרעגונג און נישט געקענט אײַנהאַלטן דעם ציטער פון די הענט. ווּוינען ערגעץ צווישן די גויִים און זיך אָפּלערנען פון זיי די שיינע שטיק זייערע. מ׳האָט באַשײַמפּערלעך געזען אַז דער ענין האָט איר זייער פאַרדראָסן, צעשטערט איר דעם אײַנגעשטעלטן לעבנס־שטייגער און אפשר אויך געוויסע „מצווה־פּלענער", וואָס זי האָט בסתר פאַרטראַכט בנוגע דער אָרעמער יתומה. ווער קאָן וויסן?

— זאָג מיר נאָר, האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ און אַרויסגעלייגט, אַזוי צו זאָגן, דעם לעצטן קאָזער אויפן טיש, דו טראַכסט אין אַן אמתן, אַז עמעצער וועט זיך ווּעלן אײַנשטעלן דאָס לעבן און דיך צונעמען אויף אַרבעט אין אַ מלוכה־אַנשטאַלט מיט אַזעלכע „שטאַלטנע" דאָקומענטן ווי דו האָסט?

אסתּרקע האָט זיך צעוויינט.

אויף מאָרגן אין דער פרי, פון דעסטוועגן, האָט זי אָנגעטאָן דאָס בעסערע קליידל, שיין זיך פאַרקעמט פאַרן שפּיגל און נאָך אין יענעם טאָג איז זי אָנגענומען געוואָרן אַלס בוכהאַלטערין אין דער קאָנטאָר „סעלכאָזסנאַב". לאָזט זיך אויס, אַז דער שד איז נישט אַזוי שוואַרץ ווי מ׳מאָלט אים, און, ווײַל זי האָט זיך אַזוי געשראָקן, איז מען דווקא נישט זייער איבערגעראַשט געוואָרן דאָרטן פון איר „טרייפענער" ביאָגראַפיע און געהייסן איר קומען

אַרבעטן. דאַרעמערט איז זי אויך געקומען צו דעם פּאַרל טשער־נאַאוסאַוו, איוואַן סטעפּאַנאַוויטש און לוקריאַ איסייעוונאַ, וואָס האָבן איר אָן איבעריקע רייד פאַרגעלייגט איבערגיין צו זיי ווױ־נען אין קליינעם אַלקערל ביז זי וועט מיט דער צײַט זיך דער־שלאָגן צו עפּעס בעסערס.

פרעגט זיך אַ פראַגע: איז וואָס אַז דאָס קעלבל האָט אים אויפגעפרעסן דעם שניפּס? איז וואָס אַז לוקריאַ איסייעוונאַ האָט ליב געהאַט אַ הוליע צו טאָן מן הצד? ס׳איז איר אָנגעגאַנגען? זי האָט זיך גערדאַרפט מיט זיי משדך זײַן?

— קום זעץ זיך צום טיש, האָט מען קיין מאָל נישט פאַרגעסן זי צו רופן, טשעם באַגאַטי טעם אי ראַדי, דאָס הייסט: — מיר טיילן מיט דיר גערן דאָס ביסל, וואָס מיר פאַרמאָגן און איר צוגערוקט אַ פולן טעלער הייסע געשמאַקע שטשי. מאַך זיך נישט נאַריש, איז מען פון איר נישט אָפּגעשטאַנען, ווען זי פלעגט פּרוּוון אָפּקומען מיט אַ דאַנק, לאָז זיך אָפּ פון די פוסטע נאַרישקייטן, בײַ אונדז איז אָן צערעמאָניעס, ווי אין פּסוק שטייט: — מ׳גיט... נעם, מ׳דערלאַנגט... אַנטלויף!

בײַ זיי האָט אסתּרקע געווינט אַריבער צוויי יאָר און טאַקע בײַ זיי אין שטוב האָט מען געפּראַוועט שפּעטער אויך איר באַשייד־ענע חתונה. איוואַן סטעפּאַנאַוויטש האָט אין יענעם טאָג געמאַכט אַ כּוסע נאָך אין דער פרי, נאָר ווי שיכּור ער איז נישט געווען, האָט ער פון דעסטוועגן געדענקט, אַז דאָס מאָל זיצט בײַ זײַן טיש נישט אַבי ווער, נאָר אַ „געהויבענע געזעלשאַפט", האָט ער גערדרייט זיך די וואָנצעס, גערדריקט די הענט אַפילו צו צוויי מאָל איינעם און דעם זעלבן, גענייגט זיך אָן אויפהער און געשמייכלט דערבײַ פילדיײַטיק — מיר פאַרשטייען אויך אָן ענין. ווי נאָר, אָבער, ער האָט באַמערקט אַז די „איידעלע לײַט" זענען גאַרנישט קיין טפּשים מכּוח איבערקערן אַ גלעזל, האָט ער פון גרויס התלהבות אויס־געלאָזט דעם באַוווסטן מרוקע זײַנעם, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, לויזער געמאַכט דעם שניפּס און אויף אַן אַנדער מין אופן גענומען לערנען מיט דעם יונגוואַרג אַ פּרק אין „ושמחת בחגיך".

לוקעריאַ איסייעוונאַ האָט זיך קאָנפוזיעט, געוואָלט אים אײַנשטילן, האָט ער זי, צו אַלעמענס איבערראַשונג, אַרומגעכאַפּט, זיך אַ דריי געטאָן מיט איר און, פאַר אַלע „טרוקענע" יאָרן, איר „אָפּגע־לאָזט" אַ הילכיקן קוש אויף די ליפּן.

גאָרקאָ... האָט שוין די פריילעכע קאָמפּאַניע לגמרי פאַר־לוירן דעם קאָפּ, געקושט זיך מיט וועמען ס'איז געקומען אונטער דער האַנט, נאָר מער פון אַלע האָט אײַנגעלייגט וועלטן דאָס עלטערע פּאָרל. זיי האָבן אין יענעם אויפדערנאַכט אויסגעגעבן די מיזינקע.

ראַכיל מאַיסייעוונאַ איז אויף דער חתונה נישט געקומען. נישט געקאָנט מוחל זײַן די אַבידע. זי האָט זיך נישט איבערגעבעטן אַפילו אין אַ יאָר אַרום, ווען אסתּרקע, שוין אַ באַפרײַטע און מיט אַ פּאַרריסענעם בויך, איז געקומען זיך געזעגענען מיט איר פאַרן אָפּפאָרן פון טאָמסק צו זיך קיין קעשענעוו.

— בלײַבט געזונט, ראַכיל מאַיסייעוונאַ, און טראָגט נישט אין האַרצן קיין בייזס אויף מיר.

— ס'זאָל מיר אַנטקעגן קומען, פאָטער אין הימל, כאָטש אַ העלפט פון דעם, וואָס כ'האָב אין דיר געטאָן.

— ריכטיק, האָט אסתּרקע שוין געקאָנט זיך פאַרגינען איר צו זאָגן, אַ גרויסן דאַנק אײַך און איר אויסגעשטרעקט די האַנט. ראַכיל מאַיסייעוונאַ האָט זיך שוין אַפילו אָנגעבויגן, בדעה געהאַט, אַפּנים, זיך צו קושן, נאָר תּיכּף זיך איבערגערעכנט, אויסגעגלײַכט און נאָר אַ דריק געטאָן איר די האַנט: פאָר געזונט און זיי מצליח!

דאָס איז עס, האָט אסתּרקע אָפּגעטאָטעמט פרײַער אַרויס־גייענדיק פון הויף. איר וועט שוין גאָרנישט נישט העלפן. אַזוי וועט זי שוין ענדיקן דאָס לעבן מיט פירן חשבונות און זאַמלען אַבידעס.

אויף דער גאַס האָט זי דאָך ווידער אַ מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, נאָר דאָס איינציקע, וואָס זי האָט נאָך באַוויזן צו זען איז געווען די האַנט, וואָס האָט אויף גיך פאַרצויגן דעם פאָרהאַנג.

אינטערעסאַנט, וועמעס „ביטערן גורל" האָט זי איצט דאָרט באַדויערט?...

# די באַגעגעניש

וויפל אסתרקע האָט אין יענעם אין דער פרי נישט געזוכט זיך צו פאַרנעמען מיט וואָס־ניט־איז, אַבי אָפּשטופּן די צײַט, איז זי לסוף ערשט אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל מיט אַ גאַנצער שעה פאַרן צוג. אומיסטן דורכגעלאָזט צוויי אויטאָבוסן, כּלומרשט איבערגע־פולטע, געוואָלט זיך אַליין איבערשפּיצן מיטן אויסרייד אַז דאָס מאָל, גראָדע, וויל זי פאָרן „ווי אַ מענטש", זי וויל פאָרן זיצנדיק און נישט הענגען, ווי שטענדיק, אין דער לופטן, נאָר אויך דער קונץ האָט נישט געהאָלפן און, איידער זי האָט באַוויזן זיך אָנידער־צוזעצן ווי ס׳געהער צו זײַן און אָנהייבן הנאה האָבן פון דער נסיעה, האָט זי שוין דערזען די גרויסע רויטע ציגל־געבײַדע מיט די שוואַרצע טשוגוננענע אותיות, אויסגעלייגטע אין אַ האַלב־קרײַז, טאָמסק־2 און, ווילסט יאָ — ווילסט נישט, געמוזט, במחילה, זיך אויפהייבן און אויסשטײַגן. דער שד, אָבער, פון אָנשטעל, וואָס האָט געפּיבערט אין איר נאָך פון פאַר טאָג, מחמת מורא זי זאָל נישט באַגעגענען איר באַשערטן ווי אַ נעבעכל, ווי אַ דערשלאָגענע, האָט זיך נאָך מער צעשפּילט אין איר, דווקא ווען דער שׂכל־הישר האָט אָנגע־הויבן זי ציִען בײַם אַרבל, זי זאָל וויניקער אַזוי זיך היצן, וויניקער פּילדערן, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך! האָט זי אים אויף צו להכעיס פאַרדרעט דעם קאָפּ, גיך דורכגעשניטן דעם וואַרטזאַל אויפן וואָקזאַל, ווי איינע וואָס לויפט אָן אַ נשמה, ווײַל זי הערט שוין דאָס פײַפן פון אָנקומענדיקן לאָקאָמאָטיוו, און אַרויס אויפן פּעראָן. דאָ האָט זי אַ פאַרשעמטע אײַנגעהאַלטן אירע טריט, זיך אַרומגע־קוקט צי קיינער האָט זי נישט געזען אין איר נאַרישן גאַנג און אויפגעהויבן די אויגן צום גרויסן וואַנטזייגער. דער אַלטער, וואָס האָט שוין אין זײַן לעבן דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס, האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַלע זײַנע קריצן, פּליאַמען און אָפּ־געריבענע צוועלף ציפערן, ווי איינער רעדט, איך בין דאָ מיט

גאָרנישט נישט שולדיק, מײַן אַרבעט איז גיין, גיי איך ווי ס'איז מיר אָנגעצייכנט פון אויבן, ווײַל טאָמער וועל איך אָנהייבן זיך אונטער־אײַלן, ווי דיר, למשל, גלוסט זיך איצט, וועט מען קיין סך שהיות מיט מיר נישט מאַכן און גלײַך מיר אַרויסוואַרפן אין סמיטניק. און כּדי זי זאָל אים בעסער פאַרשטיין, האָט דער גרויסער ווײַזער, אויפן אָפּגעבליאַקעוועטן ציפערבלאַט, געגעבן זיך אַ צעטרייסל, זיך אָנגענומען מיט כּוח און אַריבערגעשפּרונגען דאָס לעצטע שטרויעלע. פּונקט אַכט. אסתּרקע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע, פאַרשטאַנען דעם רמז.

וואָס־זשע טוט מען ווײַטער? זי האָט אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן ליידיקן פּעראָן, אַרויסגענומען פון טאַש דאָס שפּיגעלע און געוואָלט זיך אַן איבעריק מאָל באַטראַכטן, נאָר דאָס שפּיגעלע איז גיך פאַרהויכט געוואָרן פון פראָסט, האָט זי שוין געמוזט אויף אויסנווייניק אויסגלײַכן דאָס היטעלע אויפן קאָפּ, אויפשפּיליען און ענגער פאַרציִען דעם פוטערנעם קאָלנער אויף איר נײַעם מאַנטל־שינעל, די לעצטע מאָדע וואָס די מלחמה האָט אויפגעצוווּנגען אויף די נישט־איבעריק־פאַרמעגלעכע פּרויען־פּראַנטיכעס. אַלץ אין אָר־דענונג. זאָלן זיי לאַכן וויפל זיי ווילן, די חברטעס אירע, פון איר האָזענעם „זילבער־פוקס". זיי איז גוט צו לאַכן! גייען אָנגעטאָן גלײַך ווי זיי זענען אָקערשט געקומען פון ווילנע צי פון קאָוונע, נישט אָפּגעריסן און פאַרשוואַרצט געוואָרן ווי זי, אסתּרקע, אין דער טײַגע. גבירים האָבן מזל! זיי, גראַדע, האָט מען פאַרשלעפּט ווײַטער מיט דער באַרזשע, באַזעצט אין די דערפלעך לענגאויס דעם אָב ,און אויך דאָרט, דאַרף מען פאַרשטיין, האָבן טאַטע־מאַמע געשפּרייט די פליגל איבער זיי און אויסגעהיט פון שווערער אַרבעט. אַפילו דאָס אַרויסרוקן זיך, אין עטלעכע יאָר אַרום, קיין טאַמסק, אין דער „גרויס־שטאָט", האָט בײַ זיי געטראָגן אַן אַנדער כאַראַק־טער — זיי זענען געגאַנגען ווי אויף אַן אײַזערנער בריק, געקומען אויף אַלעם גרייטן, די „פּעטע" פּעקלעך פון זייערע קרובים פון אויסלאַנד האָבן געעפנט פאַר זיי אַלע טירן. זי, אסתּרקע, האָט דווקא אויך אייגענע ערגעץ אין אַמעריקע, נאָר זיי האָבן נישט

אײַנגעלייגט װעלטן זי אָפּצוזוכן און זי אַליין האָט נישט געדענקט דעם אַדרעס זייערן, האָט זי געמוזט זיך ראַטשקעװען מיט די לעצטע כּוחות און געהאַלטן אין איין „גנבענען גרענעצן". קודם איז זי אַנטלאָפן פון װאַלד קיין קריװאָשיינאַ, אין דעם ראַיאָן־צענטער, לאַנג נישט געקענט דאָרט דעם אָטעם אָפּכאַפּן, גוט זיך אַנגעבי־דעװעט ביז זי האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל מעמד און, װען זי האָט זיך אומגעקוקט װי זי האַלט אין דער װעלט, האָט זי װידער זיך אַנגענומען מיט מוט און אַנגעװענדט אירע טריט װײַטער. אַזוי איז זי געקומען קיין טאָמסק, מיט אַ מאָגער, כּמעט ליידיק רענצעלע אין דער האַנט, און מיט אַ פול האַרץ מיט פּחד, טאָמער, װי אַ זאַך מאַכט זיך, װעט מען זי כאַפּן און צוריקשיקן, און נישט קיין קרי־װאָשיינאַ, נאָר גלײַך אין דער טײַגע, אין דעם װיסטן „כימלעסכאָז". װוהין זי האָט אַנגעהערט פון לכתחילה.

איז גראָד, אָבער, דעמאָלט געװען סעפּטעמבער 1945 אויף דער װעלט און די לופט אַליין איז פאַרשיכּורט געװען פון גרויסן נצחון. װי זאַנגען נאָך אַ שװערן שלאַקסרעגן, האָבן אַלע מיט אַ מאָל אויפגעהויבן די קעפּ, זיך אַרומגעקוקט און גענומען צו ביסלעך אויפשטעלן צוריק דאָס איבערגעבליבענע נאָכן גרויסן חורבן. האָבן זיי דעריבער געשמייכלט מיט גלויבן און האָפענונג צו די „גאָל־דענע גליקן", װאָס די פּלאַקאַטן אויף די גאַסן האָבן צוגעזאָגט דעם לאַנד, אין די ראַמען פון דער ערשטער פרידלעכער פּיאַטי־ליעטקע. ביז די אַלע צוזאָגעכצער װעלן אַ מאָל מקוים װערן, דערװײַל האָט מען „הוליאַיעט". הוליאַיעט אָן חשבון און אָן אויסרעכענונג, ביז משוגעת. סאָמאָגאָן האָט זיך געגאָסן װי װאַסער אין די שטיבער װוּ מ׳האָט באַגעגנט די זעלנער, װאָס האָבן אַנגע־הויבן זיך באַפרײַען און אומקערן אַהיים, גאַנצע אָדער אויף קו־ליעס, און אויך דאָרט, װוּ װאָרטן איז שוין נישט געװען אויף װעמען. פון אומעטום האָבן זיך געטראָגן געזאַנגען איבערגע־פלאָכטענע מיט טרערן. טיר און טויער זענען געװען אָפן און כּל דכפין... קום אַרײַן און טייל מיט אונדז הא לחמא עניה דסיביר. אויף די טישן זענען געשטאַנען מאַקערטעס מיט הייסע ברױענדיקע

קאַרטאָפליעס, שיסלען מיט זויער־קרויט און פּרווו אַרײַנקומען אין אַזאַ שטוב און עפּעס נישט טועם זײַן, האָסטו זיך געקויפט אַ דם־שונא. און ווײַל דאָס האַרץ איז בײַ אַלעמען געווען איבערגעפּולט מיט האָפענונג און מיט מיטלײַד, האָט מען זיך דווקא יאָ אומגע־קוקט אויף דעם נפש, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט עלנט אַליין צווישן דעם ערב־רב פון אַרטיקע אײַנוווינער, עוואַקואירטע און סתּם אַנגעלאָפענע אין שטאָט אַרײַן זוכן גליקן, איר געהאָלפן זיך אײַנאָרדענען אויף אַרבעט און אויך אַ געלעגער איר געפונען בײַ אַ בעזדיעטנע עלטער פּאָר־פאָלק.

טשיקאַווע איז, אַז אַפילו אין דער „קאָמענדאַטור", אין דעם אַנשטאַלט וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער די אַרויסגעשיקטע, האָט מען זיך אויך געמאַכט כּלא־ידע פון די יונגע מיידלעך און יינגלעך, וואָס האָבן אַנגעהויבן שטעלן פּיס און אַנטלויפן פונעם „נאַרים" און נאָר אויפגעצווונגען אויף זיי קומען יעדן „פּערווע טשיסלאָ" (אָנהייב חודש) זיך אָפּמערקן, ווײַזן זיך, הייסט עס, אַז מ׳איז דאָ. נאַרישקייטן. וואָס האָט זיך עס שוין אַנגעזען? און אַפילו אַז מ׳האָט פּלוצעם, סתּם אַזוי, דיך אַרויסגערופן אין אַ פּשוטן מיטוואָך, און נישט גלאָט אַרויסגערופן, נאָר מיט אַ פּאָוויעסטקע, און די פּאָוויעסטקע איז געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ בלאַנק, וואָס האָט געטראָגן דעם שטעמפּל נ.ק.וו.ד., און דווקא נישט אויף דעם זעלבן טאָג, נאָר אויף מאָרגן, אָדער אַפילו איבערמאָרגן, כּדי דיר געבן גענוג צײַט אויסגעמאַטערט צו ווערן פון כּל מיני שוואַרצע מחשבות, איז דיר אַוודאי קאַלעמוטנע געוואָרן אויפן האַרצן, נאָר דער רצון פון לעבן, וואָס האָט זיך זײַנע פּאַרבאָרגענע, נישט אויס־געשעפּטע קוועלן, האָט דיר געגעבן כּוח אויך דאָס אויסצוהאַלטן און איבערקומען.

אויף אַזאַ סאָרט צוזאַמענטרעף, אין איינעם פון די לאַנגע און קוים באַלויכטענע קאָרידאָרן פון נ.ק.וו.ד. איז פאָרגעקומען זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט. צום אָנהייב איז יעדערער געזעסן אָפּגעזונדערט אין זײַן ווינקל, באַטראַכט כּלומרשט די סטעליע און, דער רוח ווייסט פאַר וואָס, נישט געוואָלט זיך אויסמישן מיט

די איבעריקע, איך, הייסט עס, בין איך און איר זענט אין גאַנצן עפּעס אַנדערש. ווען די צײַט, אָבער, האָט אָנגעהויבן זיך פּאַרציִען און נישט אויף קיין קאַטאַוועס און ס׳איז צו ביסלעך טונקל געוואָרן און דערנאָך טאַקע שפּעטע נאַכט און אַ הונט, זאָלט איר זאָגן, זאָל געווען אַרויסקומען זײַ פרעגן עפּעס, אָדער זאָגן אַ וואָרט, דעמאָלט האָבן שוין די נערוון בײַ קיינעם נישט אויסגעהאַלטן און מ׳איז בעסער געוואָרן.

— ביז ווען וועט מען אונדז דאָ האַלטן? וואָס זענען זיי אויסן דאָס מאָל?

— דאָס זעלבע וואָס שטענדיק. די באַוווּסטע שיטה זייערע — אײַנברעכן מענטשן.

און מיט אַ מאָל איז צו אַלעמען דערגאַנגען, אַז זיי געהערן אַלע צו דער זעלבער קאַטעגאָריע, צי זיי ווילן עס יאָ, צי ניין. האָט מען פאַרבויגן דעם האַנער און אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן איינער בײַם אַנדערן:

— פון וואַנעט קומט איר?

— פון קריוואָשיינאָ.

— ניין, איך מיין פון וואַנעט שטאַמט איר אויף אַן אמתן, דאָס הייסט פון וואַנעט האָט מען אײַך אַרויסגעשיקט?

— פון בעסאַראַביע.

— אַה... אַה...! און מיר זענען פון קאָוונע, האָט זי גלײַך צוגעגעבן אַן דעם מ׳זאָל זי פרעגן, און ס׳האָט געשפּרודלט מיט גדלות פון אירע רייד.

— זייער אײנגענעם. וואָס נאָך האָט זי געקאָנט זאָגן?

— בעלאַ איז פון ווילנע און שעליע, האָט זי זיך שיִער נישט פאַרנייגט, קומט פון ריגע.

— איז אַוודאי און אַוודאי!

אסתּרקע האָט אַ טראַכט געטאָן — זיי קומען פון ווילנע, פון ריגע! ווער ווייסט עס נישט וואָס ווילנע און ריגע שטעלן אַזויִנס פאָר מיט זיך? זי, אָבער, מוז אָנגעבן איר שטאָם פון בעסאַראַביע,

ווײַל פרווו זאָגן פון זגוריצע, וועלן זיי זי אָנקוקן, גלײַך ווי זי איז אַראָפּגעפאַלן פון אַן אַנדער פּלאַנעט.

אַזוי האָבן זיי געשלאָסן קענטשאַפט, ייִדישע חבר׳ה פון פּאַר־שידענע עקן לאַנד, דאָ, צווישן די גרויע פּאַררויכערטע ווענט פון טאָמסקער נ.ק.וו.ד. ערשט אַרום נײַן אַ זייגער אין דער פרי האָט אַ סערזשאַנט, אַ גוט אויסגעשלאָפענער און פריש אָפּגעראַזירטער, זיי איבערגעקוקט די דאָקומענטן, וואָס זענען באַשטאַנען פון איינצלנע בלעטלעך, נאָר מיט בולטע אותיות בײַם סאַמע אויבנאָן ס. פּ. (ספּעץ פּערעסעלענצעס), צוליב וואַזשנעקייט זיי געוואָרנט זהיר וזהיר זיך היטן דעם כּבוד און אויפפירן זיך ווי ס׳געהער צו זײַן, אַניט וועט מען זיי שיקן צוריק מיטן עטאַפּ, און זיי געהייסן גיין.

✶

אסתּרקע שפּאַנט איבערן פּעראָן און קנייטשט דעם שטערן — וואָס פּלוצעם האָט זי זיך דערמאָנט אין זיי? שיקט זיך אַז זי האָט איצט קיין בעסערס נישט וועגן וואָס צו טראַכטן? נאָר פון דער אַנדערער זײַט, ווען דען אויב נישט איצט, קאָן זי כאָטש אין געדאַנק זיך אָפּרעכענען מיט זיי פאַר די אָבידעס, וואָס זי איז נישט איין מאָל פון זיי אויסגעשטאַנען? דאַכט זיך — אַלע זענען זיי אַרײַנ־געפאַלן אין דער זעלבער נעץ, קאָכן זיך אין דעם זעלבן דרוק־טאָפּ, ווּוהין זשע געהערט נאָך דאָס האַלטן זיך גרויס? ווילן זיי, אָבער, בשום אופן נישט מוותר זײַן אויפן ייחוס. וואָס הייסט? בײַ זיי, שטרײַכן זיי אונטער, האָט מען אַרויסגעשיקט גרויסע קאַפּיטאַליסטן, גבירים אדירים, פאַבריקאַנטן, קאַרפּן־קעפּ! און פון מאָלדאַוויע?... נאָר וואָס מ׳האָט נישט געזאָגט — הוילע קבצניה. שטייט זיי, הייסט עס, פּשוט נישט אָן דער זיווג. זיי קאַליע געמאַכט דאָס געשעפט. כאָטש פאַל פאַר זיי כּורעים על חטא שחטאנו. הײַנט די בעסאַ־ראַבער ייִדישע שפּראַך!? טאַטע, מאַמע, פּישקע! פוי, פּישקע דערמאָנט דאָך אין השתנה! לאַכט מען אין די פויסטן און בײַ יעדער געלעגנהייט גיט מען צו פילן אַז, ווי אַזוי מ׳זאָל נישט דרייען, זענען די בעסאַראַבער פאַרט ייִדן פון צווייטן סאָרט. אויף דער טעמע פלעגן אָפּט אויסברעכן קריגערײַען, נאָר אַזוי האָט מען זיך

געקריגט און פון דעסטוועגן זיך געהאַלטן אין איינעם. אַ ברירה האָט מען געהאַט? קאַוואַלירן זענען געווען ווייניק און אויך די געציילטע, אויב זיי האָבן שוין יאָ געוווּסט וואָס ס'טוט זיך מיט זיי, האָבן זיי נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי געפינען זיך און נישט געקאָנט טראַכטן וועגן חתונה האָבן אין אַזעלכע אומ־שטאַנדן. און די מיידלשע יאָרן שטייען נישט אויף אַן אָרט, יאָ מלחמה, נישט מלחמה, זיי רוקן זיך אָן רחמנות, האָט מען געהאַלטן אַן אויג איינע אויף דער אַנדערער און זיך געטרייסט מיט „צרות רבים". נעמט אַזאַ אסתּרקע און, זיי אַלע אויף צו להכעיס, שפּרינגט זי דווקא אַרויס די ערשטע. ווער וואָלט זיך גערעכנט? און נאָך אויף אַזאַ מין ראָמאַנטישן אופן! ער האָט זי אָפּגעזוכט, איין גאָט ווייסט ווי־רעמערט, זי פאַרשיט אַ גאַנץ יאָר מיט בריוו, איר צוגעשיקט אַפילו אַ פּאָר פיינע פּעקלעך פון דייטשלאַנד און איצט, נאָכן דעמאָביליזירן זיך, קומט ער קיין טאָמסק צו פאַרבינדן זיין גורל מיט אירן. אַוודאי איז מען זי מקנא און מ'האַלט זיך אין איין נאָכ־פרעגן וועגן אים — ווי אַזוי ער זעט אויס און צי ער איז אויך אַזאַ קלוגער ווי זי (תּיכּף געביטן דעם טאָן) און בכלל פון וואַנעט איז ער?

— וואָס הייסט פון וואַנעט? פון בעסאַראַביע, פאַרשטייט זיך, פון זגוריצע. געהערט אַ מאָל וועגן אַזאַ קליין שטעטעלע זגוריצע? אָט דאָס איז עס! פון דאָרט שטאַמען מיר ביידע. זיין גאַנצע משפּחה איז אומגעקומען ביי די דייטשן און איך בין דער איינציקער נאָענ־טער מענטש, וואָס איז אים פאַרבליבן אויף דער וועלט. פאַרשטאַ־נען? אַלץ וואָלט געווען אין אָרדענונג ווען נישט דער „פאַרשטאַ־נען"? וווּהין געהערט דער פאַרשטאַנען, נאָר גלייך ווי זי רייצט זיך מיט זיי. בפירוש נישט איידל פון איר זייט, נאָר נישקשה, זיי וועלן עס אַראָפּשלינגען... וואַרט אויס, זי וועט נאָך אַ מאָל, ביי אַ געלעגנהייט, אַריינזאָגן דער שעליען אין טאַטנס־טאַטן אַריין, איר דערמאָנען, אַז מיט איר גאַנץ בלאָזן זיך און ריידן „נור דויטש", האָט זי, במחילה, קיין אַנונג נישט געהאַט ווער טאָמאַס מאַן איז און פויכטוואַנגערן האָט זי פאַרביטן גאָר מיט גאַלסוואָרסי.

אַ קאָמעדיע געווען! קוים זיך אײַנגעהאַלטן נישט אויסצושיסן אין אַ געלעכטער. אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט שוין נישט געוווּסט וווּהין זיך אַהינטאָן פֿאַר בושה, זי, אָבער, איז אַפֿילו רויט נישט געוואָרן, פֿאַרצויגן דאָס פּיסקעניו און פֿאַרגלאָנצט די אייגעלעך, ווי איינער רעדט — דערפֿאַר ווייס איך אַזוינס, וואָס איר אַלע צוזאַמען הייבט אַפֿילו נישט אָן צו וויסן. מסתּמא ווייסט זי טאַקע!

אסתּרקע שמייכלט זיך אונטער — איין גוטע זאַך דאָס קריגן זיך אין געדאַנק, קענסט אַרײַנזאָגן ועמען דו ווילסט און וויפֿל דו ווילסט, באַליידיקסט דערבײַ קיינעם נישט און בלײַבסט נאָך שטענדיק די גערעכטע. הײַנט דער קוראַזש וואָס קומט דיר צו פֿון דרינעם און די צײַט רוקט זיך דערווײַל אויך צו ביסלער. אַ צופֿרידענע גיט זי זיך אַ דריי אויס אויף די אָפּצאַסן און... ס׳איז איר מיט אַ מאָל פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. די טיר פֿון וואָקזאַל האָט ברייט זיך צעעפֿנט און אויפֿן פּעראָן האָט זיך אויסגעשיט אַ גאַנצע כאָפּטע מיליציאָנערן און אפֿשר טאַקע ענקאַוועדיסטן, ווער קאָן זיי אונטער־שיידן? דאָס האָט איר איצט אויסגעפֿעלט. אסתּרקע פֿילט ווי דאָס בלוט טרעט איר אָפּ פֿון האַרצן. דאַכט זיך מיט גאָרנישט זיך נישט פֿאַרזינדיקט, וואָס זשע ווילן זיי פֿון איר? אַפֿילו אויפֿן צענטן געדאַנק איז איר נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז זי קאָן וועמען פֿון זיי דאָ באַגעגענען. און זיי רעדן צווישן זיך אויף אַ הויך קול און לאַכן אַפֿילו, נאָר דאָס זאָגט נאָך גאָרנישט, בײַ איר אַז זי זעט אַ מיליציאָנער לאַכן איז עלעהיי זי זעט דעם מלאך־המוות שטשירען די ציין. און ווידער טראַכט זי: — אפֿשר מיינען זיי בכלל נישט זי, סתּם געקומען באַגע־גענען דעם מאָסקווער צוג און בשעת־מעשׂה זיך דרייען צווישן „עולם״, ווי זייער שטייגער איז, און אַכטונג געבן צי עמעצער לאַכט נישט ווען מ׳דאַרף וויינען, אָדער וויינט נישט ווען ס׳איז פּאַלאָזשענאַ צו לאַכן. ס׳איז נישט אַזוי פּשוט! מ׳מוז שטענדיק זײַן אויף דער וואָך. און ווײַל די אַרבעט איז זייער אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע און אַרום און אַרום „ווימלט און שוויבלט מיט שׂונאים״, דינגען זיי אָפּט צו „שמײַסערס״ און טאַקע פֿון צווישן די „שׂונאים״, זאָלן זיי, הייסט עס, זיך אָפּרײַסן די קעפּ איינער דעם צווייטן. פֿאַרשטייט

זי דאַרף אַן עסק, אסתּרקע, וואָס־זשע, אויב אַזוי, ווייל זי נישט פאַרשטיין, אַז נישט זי איז מען אויסן דאָס מאָל? זיי קוקן אויף איר? אויף וועמען דען זאָלן זיי קוקן אויב זי איז די איינציקע אויפן פּעראָן? שקאָצים שטאַרצן שטענדיק די אויגן אויף אַ מיידל, באַזונדערס ווען דאָס מיידל גייט אויסגעפּוצט און דרייט זיך אַרום איינע אַליין. מאַלע וואָס ס'קען זיי איינפאַלן! נאָר אסתּרקע, ווי איר קוקט זי אָן, איז נישט קיין מלופן־קינד, עפּעס האָט זי פּאַרט זיך אויסגעלערנט פאַר די יאָרן אין סיביר, דער שׂכל האָט איר נישט אָפּגענומען אין גאַנצן, דער קאָפּ טראַכט זיך זײַנס און די פיס... צו ביסלעך, צו ביסלעך, כּדי נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט, רוקן זיך נעענטער צו דער טיר און... אָפּ! זי איז שוין אינעווייניק. זאָלן זיי זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פון איר.

דער וואַרטזאַל האָט זיך אין צווישן אָנגעפּולט מיט מענטשן. די גרופּע קאָלכאָזניצעס, וועלכע זי האָט באַמערקט נאָך בײַם אָנקומען, זיצט נאָך אַלץ אויפן דיל, צעשפּרייט מיט אַלע זייערע קוישן און טאָרבעס און דער דעזשורנע דוכנט איבער זיי און קאָן מיט זיי גאָרנישט נישט טאָן. סינאַק, זאָגן זיי צו אים, וואָס אַרט דיך אַז מיר זיצן אויפן דיל? די באַנק איז פאַר אונדז צו האַרט. דאָס איז עס! מיט אַ וויץ און, דער עיקר, מיטן „סינאָק" לייזן זיי פיל פּראָבלעמען, וואָס אַ ייִדן וואָלט אַפילו נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן דעם. קודם וועט אַ ייִד זיך נישט ווילצלען מיט אַ גוי וואָס טראָגט אַ קאָבורע בײַם גאַרטל, אַפילו בנוגע פּשוטע ענינים, ווײַל מ'קאָן קיין מאָל נישט וויסן וואָס פון אַ נאַרישקייט קען זיך אַ מאָל צעקאָטשען, והשנית וועט אַ ייִד קיינעם פון זיי קיין מאָל נישט אָנרופן „סינאָק". וואָס פאַר אַ סינאָק איז ער אים אין מיצקע דרינען? פאַר אים איז יעדער „קנעפּל" אַ נאַטשאַלניק, ווײַל, לאָמיר זיך נישט נאַריש מאַכן, צו די אמתע גרויסע נאַטשאַלניקעס האָט ער דאָך אין גאַנצן קיין צוטריט נישט.

אסתּרקע האָט דווקא ליב זיך צוקוקן צו אַזעלכע סצענעס, זען מיט וואָס ס'וועט זיך ענדיקן. זיי האָבן טאָקע אויסגעפירט, די קאָלכאָזניצעס, און געבליבן ווײַטער זיצן אויפן „ווייכן" דיל. ס'איז

איר געוואָרן אַ ביסל פרײלעכער אויף דער נשמה. אַזאַ מענטש איז זי שוין. אַ גלײַך וואָרט, אַ געלונגענער וויץ, אַ שיינער משל, מאַכן זי אָפּט פאַרגעסן אין אַלע אירע צרות. דאָס מאָל, גראָדע, נישט אַזוי שטאַרק, דער ווייטיק איז געבליבן אַ ווייטיק. אַזוי איר פאַרשטערט די שמחה! אַנשטאָט זי זאָל שפּאַצירן שטאָלץ אויפן פערראָן און פילן זיך ווי אַ כּלה וואָס איז געקומען באַגעגענען איר חתן, מוז זי זיצן ווי אַ ניונקעלע, מורא האָבן די נאָז אַרויסצושטעקן און וואַרטן דער „עולם" זאָל זיך אַ לאָז טאָן אין דרויסן, זי זאָל זיך קאָנען אויסמישן מיטן המון. אַפילו ווען זי זעט זיי נישט, פילט זי זיי מיט אַלע אירע רמ"ח אֵברים. זיי האָבן געַנוג פאַרסמט איר דאָס בלוט. אפשר איצט, מיט זײַן קומען, וועט אויך קומען אַ סוף צו אירע לײַדן. הלוואי!

*

דער זאָל האָט אָנגעהויבן צו ביסלעך זיך אויסליידיקן. די טיר צום פערראָן האָט געהאַלטן אין איין עפענען זיך און פאַרמאַכן, נאָר אסתּרקע האָט נאָך אַלץ זיך נישט גערירט פון פּלאַץ, געוואָלט ס'זאָל דאָרט געדיכטער ווערן. אָן פינעף מינוט נײַן האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט, העכער אויפגעהויבן דעם קאָלנער און אַ טראַכט געטאָן: אויך דאָס וועט אַריבער!

— דער מאָסקווער צוג נומער אַזעלכער און אַזעלכער קומט איצט אָן אויף דער ערשטער פּלאַטפאָרמע. זײַט פאָרזיכטיק, ביר־גער, און היט אָפּ אָרדענונג.

ווער מיר פאָרזיכטיק, וואָס מיר אָרדענונג? ווי ים־כוואַליעס אין אַ גרויסן שטורעם האָבן אַלע זיך אַ לאָז געטאָן לויפן, שטופּן, ווער אַהער, ווער אַהין, און אסתּרקע בתוכם. זי האָט מיט אַ מאָל פאַרגעסן דעם פּחד, פאַרגעסן בכלל ווו זי איז אויף דער וועלט. ווען דער טײַוול אַליין שטעלט זיך אין וועג און העשעט אויף איר מיט פײַער־צונגען, וואָלט זי, מיר דאַכט, אים אָפּגעשאַרט מיט דער האַנט און געלאָפן ווײַטער. אַלע האָבן געהויבן די הענט, געשריגן צו די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשטעקט ביזן גאַרטל דורך די אָפענע פענצטער.

וואַניאַ! קאַליאַ! מישאַ! — האָבן זיך געטראָגן קולות פון אַלע זײַטן. אסתּרקע איז צעמישט געוואָרן. וואָס פּלוצעם שרײַען זיי מישאַ? זי האָט אויף אַ מינוט פאַרגעסן אַז ס'זענען פאַראַן נאָך מישעס אַ חוץ אירן, און דאָ האָט זי אים דערזען. ער איז געלאָפן צו איר פונעם צווייטן עק צוג און געפּאָכעט מיט דער שאַפּקע אין דער לופטן. אַלץ אַרום איז מיט אַ מאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן, נישט עקזיסטירט. זיי זענען זיך אַרויפגעפאַלן אויף די העלדזער און געוואָלט אָפּוואַשן מיט טרערן זייערע פאַרביטערטע, אָנגעווייטיקטע עלנטע הערצער.

— גענוג, אסתּרקע, גענוג! זי אָפּגעריסן פון זיך און זי באַטראַכט. אַלץ אין אָרדענונג! און ס'וועט ערשט זײַן אין אָרדע־נונג, ווען זען. איך שווער דיר בײַם אָנדענק פון אונדזערע אומ־געקומענע, אַז ס'וועט אונדז נאָך זײַן גוט.

אסתּרקע האָט מיט פאַרוויינטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף אים און ערשט דעמאָלט דערזען דעם גרויסן שראַם אויף זײַן רעכטער באַק.

— דאָס האָט מען מיך צורעכטגעמאַכט הינטער פּראַג. זיך אָפּגעוואַלגערט העכער אַ חודש אין די גאָספּיטעלער, נאָר נישט געזאָרגט, דאָקטוירים האָבן מיר צוגעזאָגט אַז מיט דער צײַט וועט דער שראַם בלייכער ווערן, זיך קוים אָנזען.

— אוי ביסטו נאַריש! וועגן דעם זאָרג איך? דער עיקר וואָס דו ביסט אַרויס אַ גאַנצער, מיט הענט און פיס, ווייסט וואָס? לאָמיר בעסער איצט נישט רעדן, ווײַל וואָס מיר זאָלן איצט נישט זאָגן וועט עס קלינגען נאַריש אַקעגן דעם גרויסן גליק אונדזערן. קום, לאָמיר בעסער אַהיימפאָרן.

פּלוצעם האָט זי זיך ווי אין עפּעס דערמאָנט און אָנגעהויבן זוכן מיט די אויגן. ווו זענען זיי אַהינגעקומען? גלײַך ווי די ערד האָט זיי אײַנגעשלונגען! און זי האָט איצט דווקא געוואָלט זיי זאָלן יאָ זײַן. זי האָט געוואָלט דורכשפּאַנען פאַר זיי אין די אויגן גע־אָרעמט מיט מישען, מיט מישען מיט זײַן גרויסן שראַם אויף דער רעכטער באַק. זאָלן זיי זען, די בלוטזויפּערס, אַז זי איז נישט דאָס

וואָס זיי האָבן געמיינט און אויך נישט קיין „שׂונא פון פאָלק״, ווי זיי האָבן געוואָלט איר אײַנרעדן. זאָלן זיי זען, די טעמפּע קעפּ, וואָס פאַר אַ געראָי זי פּירט געאָרעמט צו זיך אַהיים... נאָר ווו זענען זיי? גלײַך ווי דער נישט־גוטער האָט זיי אָפּגעלעקט מיט דער צונג. נו, אי טשאָרט ס׳וואָמי!

— אויף ווּעמען וואַרטן מיר? האָט מישע נישט פאַרשטאַנען.

— ניין, גאָרנישט, האָט אסתּרקע געוואָלט אָפּקומען דעם ענטפער, נאָר זעענדיק דעם פאַרדאַכט אין זײַנע אויגן, האָט זי אויפן אָרט באַשלאָסן קיין מאָל פאַר אים גאָרנישט נישט באַהאַלטן, נישט פאַרלייקענען און אין קורצן אים דערציילט וועגן דער קאָמ־פאַניע ענקאַוועדיסטן.

— ליובע מײַנע, וויפל דו האָסט זיך נעבעך בײַ זיי אָנגעבי־דעוועט!?

אַראָפּגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן און, אין מיטן העלן טאָג, פאַר אַלעמען אין די אויגן, זי ווידער צוגעדריקט צום האַרצן און פאַרחתמעט אירע ליפּן מיט אַ הייסן קוש.

# אין „זאַגס"

מישע האָט זיך אומגעקערט פון דער מלחמה מיט אַ גרויסן שראַם אויף דער רעכטער באַק, מיט אַ היפּש ביסל מעדאַלן אויף דער ברוסט און מיט אַ פּאַרטיי־בילעט אין דער סאַמע אינעווייניקסטער בוזעם־קעשענע. דאָס איז געווען זײַן גאַנץ פאַרמעגן, ווײַל אין דער פאַנירענער גרינער וואַליזע, וואָס מיטן גרויסן שלאָס, האָט ער נישט געהאַט מער ווי צוויי פּאָרלעך סאָלדאַטסקע גרעט, אַ נײַע גימנאַסטיאָרקע, אַן איבעריקע פּאָר הויזן און צוויי בערשטלעך מיט אַ פּושקעלע שוואַקס צו די שטיוול. די מתּנה אסתּרקען האָט ער געפירט באַזונדער, בײַ זיך, אָדער בעסער געזאָגט, אויף זיך, פאַרנייט מיט גראָבע מענערשע שטעך אין אַ טאָרבעלע אויף דער לינקער זײַט לײַבל. ער האָט עס מורא געהאַט צו האַלטן אין טשעמאָדאַן, זייער אָפט האָבן זיך לעצטנס געהערט פאַלן וועגן דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, וואָס מ'האָט זיי „אָפּגערייניקט", געלאָזט נקי, בשעת זיי זענען אַנטשלאָפן געוואָרן אין וועג אַהיים, געמיינט אַוודאי אַז זיי פירן פון דײַטשלאַנד מי יודע וואָס פאַר אַ מאַיאָנטקעס. דאָס הייסט, זייער פיל מיליטער־לײַט האָבן טאַקע זיך אומגעקערט מיט ווערטפולע טראָפייען, נאָר נישט מישע. ער איז נישט פעיק געווען צו אַזעלכע זאַכן. וויפל מאָל ס'איז אים דאָרט אויסגעקומען אַרײַן מיט די חברה אין אַ אַנגעפּראָפּטער שטוב, וואָס די איבערגעשראָקענע באַלעבאַטים האָבן זי אין אײַלעניש פאַרלאָזט, האָט ער נישט געקאָנט זיך צורירן מיט אַ פינגער צו גאָרנישט. ס'איז אים די גאַנצע צײַט געשטאַנען פאַר די אויגן זייער אייגענע שטוב, ווי אַזוי ר'האָט זי געזען בשעתן דורכגיין מיטן מיליטער בײַם באַפרײַען די געגנט. די שטוב איז געווען באַראַבעוועט אָן רחמנות, אַרויסגעריסן און צעטראָגן וואָס נאָר מ'האָט געקאָנט רירן פון אָרט, שלעפּן, געלאָזט נאָר דעם הוילן ציגלנעם סקעלעט, אָן דעם דאַך אַפילו, מיט לעכער אָנשטאָט טירן

און פענצטער. די שטוב האָט געקוקט אויף אים ווי אַ בלינדער מיט זײַנע אויסגעזעצטע אויגן און נישט דערקענט אים, איר איינציק לעבעדיק איבערגעבליבענעם באַלעבאָס. אַפילו דעם אַלטן אַקאַציע־בוים פאַר דער שטוב האָבן די באַרבאַרן אָפּגעהאַקט, געלאָזט נאָר אַ פּעניק שטאַרצן ווי אַ מצבה נאָך די אומגעקומענע. האָט זיך אים די האַנט נישט אויפגעהויבן עפּעס צו נעמען. שוין־זשע האָט ער זיך דערקײַקלט צו דער זעלבער שפּלדיקער מדרגה פּונקט ווי זיי? ווער די „זיי״ זענען געווען, האָט ער דײַטלעך נישט געוווּסט צו זאָגן. די גאַנצע וועלט איז אַראָפּ פון זינען, איז על אחת כמה וכמה דאַרף ער דאָס אַלץ אויף תשעה און נײַנציק כפּרות. ווען ר׳האָט, אָבער, שפּעטער מיט אַ צײַט, זיך דערוווּסט אַז אסתּרקע לעבט און געפינט זיך אין סיביר, האָט ער מיט אַ מאָל דערפּילט ווי עפּעס האָט זיך געביטן אין אים, זיך צעעפנט און ער האָט גענו־מען „פּיקן מיטן שנאָבל״, אויפהייבן שטרויעלעך כּדי צו בויען אַ נײַע נעסט צוזאַמען מיט אסתּרקען ווו ס׳וועט זיך לאָזן. אַזוי האָט ער אין אַ בריענדיקן פראָסט דורכגעשניטן, אין הוילן שינעל, מיט די אַרמייסקע שטיוול אויף די פיס, אַריבער פינף טויזנט קילאָ־מעטער פון סיבירער מאַגיסטראַל און אַ פאַרקאָוועטער אַרײַנ־געפאַלן אין אַ העלן סוף־דעצעמבער־טאָג גלײַך אין די הייסע אַרעמס פון זײַן באַשערטער.

ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען די האַרץ־קלאַפּענישן מיט די טרערן האָבן אָפּגעטרעטן דאָס אָרט דעם געפיל, אַז פון הײַנט אָן געהערן זיי איינע דעם אַנדערן, האָט מישע פאַרבויגן דאָס שעמעוודיקייט זײַנס, אַנגעהויבן אַראָפּציען פון זיך די לײַבלעך און איר אויסגעשטרעקט די מתּנה — אַ ראָזעווע טריקאָטאַזשנע בלוזע, אַ געבלימלט זשאַרזשעטן קליידל, אַ ווײַסן בערעט מיט אַ ווײַס טעשעלע און צוויי פּאָר פילדעפּערסעווע זאָקן. אַ פאַרמעגן! אסתּרקע האָט געהאַלטן אין איין איבערפירן איר בליק פון איין זאַך אויף דער צווייטער און נישט געקאָנט גלייבן אַז דאָס אַלץ איז וועגן איר איינער. זי האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווידער גענומען קושן, צערטלען.

— וואַרט, וואַרט אַ מינוט, דאָס איז נאָך נישט אַלץ, האָט ער שוין מעשׂה־גביר געמאַכט דעם אָנשטעל, זיך אײַנגעגריבלט מיט די פינגער אין אַ זײַטיק קעשענקעלע און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גאָלדן פינגערל, דערבײַ האָט ער איר געקוקט גלײַך אין די אויגן און, אָן ווערטער, איר עס אָנגעטאָן אויפן פינגער. צום סוף האָט ער ווי אַ קונצנמאַכער פאַמעלעך אַרויסגעצויגן פון דער שינעל־קעשענע אַ פּאַקעטל, אומיסטן זיך לאַנג געוואָזיעט בײַם צעבינדן די שטריקלעך, אַראָפּגענומען אײַן שיכט גאַזעט־פּאַפּיר, די צווייטע און פּײַערלעך איר אונטערגעטראָגן אַ פיין שעכטעלע מיט שאָקאָלאַד־קאָנפעטן.

— אוי, דאָס וועל איך פאַרקויפן אויף דער טאָלקוטשקע, האָט אסתּרקע אויסגעשאָסן אין איין אָטעם. ווערסט, פאַר אַ בעלן, זען וויפל איך וועל באַקומען פאַר זיי.

— אַנדערש נישט! האָט ער זיך ווי דערשראָקן. טראַכט אַפילו נישט וועגן אַזעלכן. דאָס זענען אַמעריקאַנער קאָנפעטן, פון די פּראָדוקטן, וואָס מיר האָבן זיי גערופן „דער צווייטער פראָנט”, מחמת אונדזערע מערבדיקע פאַרבינדעטע, אויף וועמעס הילף מיר האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן, האָבן לאַנג זיך געלאָזט וואַרטן, לאַנג זיך געיישובט און, אָנשטאָט באַמבעס דעם שׂונא, אונדז צוגעוואָרפן דערווײַל קאָנסערווירטע שפּײַז, ביז זיי האָבן סוף־כּל־סוף אָנגעגרײַפט פון דער צווייטער זײַט. ס'איז מיר געווען נישט גרינג אויסצובאַהאַלטן די קאָנפעטן, נישט אַזוי פאַר די חברה, ווי פאַר זיך אַליין. מיר זענען געווען ווי איין משפּחה, זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן, מיטן לעצטן צי מאַכאָרקע. נאָר די קאָנפעטן גראָדע האָב איך באַקומען אין דעם זעלבן טאָג מיט דער ידיעה, אַז דו לעבסט און געפינסט זיך אין טאָמסק, זענען זיי בײַ מיר פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מין סימבאָל און כ'האָב אַ נדר געטאָן, אַז איך וועל אומבאַדינגט אויסהאַלטן און אָפּהיטן די קאָנפעטן, וועט מיר קיין פּוליע נישט נעמען און איך וועל קומען בשלום צו דיר. ווילסטו זיי גאָר צום סוף פאַרקויפן? ס'קען אַפילו נישט געמאָלט

זײַן. דאָ האָבן מיר פּונקט דרײַסיק קאָנפּעטן, דאָס וועט זײַן אַ חלק פון אונדזער האָניק־חודש. צי ס'קומט אונדז נישט?

אסתּרקע האָט, דאַכט זיך, געשמייכלט, נאָר צוויי ריטשקעלעך טרערן האָבן זיך, אָן איר ווילן, געצויגן פון אירע אויגן. מיט אַ מאָל אַזוי פיל גליק! מישע האָט פּלוצעם איר אויסגעזען ווי דער לעגענדאַרער ריטער, וואָס איז בײַגעקומען אַלע שטרויכלונגען אויף זײַן לאַנגן און שווערן וועג צו איר, כּדי זי צו ראַטעווען און אַרויס־פירן פון דעם „פאַרשאָלטענעם שלאָס", ווו די מכשפה האָט זי פאַרשפּאַרט.

★

קיין גרויסן מיליטער־טשין האָט מישע נישט געהאַט, געווען, איבער גאָר, אַ סערזשאַנט. אַפילו נישט קיין סטאַרשי־סערזשאַנט. אַ קאַפּעלע העכער פון אַ פּשוטן סאָלדאַט. נאָר ווער האָט אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן, ווען ס'האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די דעמאָ־ביליזירטע זעלנער, ווער האָט געקוקט דעמאָלט אויף זייערע טשי־נען? אַלע זענען זיי געווען „גענערעלער". נישט סתּם דאָרט אָפי־צירן, נאָר גענערעלער. גענערעלער אָן עפּאָלעטן. און יעדער גענעראַל האָט שטאָלצירט מיט זײַנע מעדאַלן און געשמייכלט דערבײַ צו זײַן פרוי אָדער צו „זײַן מיידל", וואָס פלעגט זיך אים אויפהענגען, אָפט מאָל, אויף זײַן איינציק איבערגעבליבענער האַנט.

אסתּרקע האָט זיך אַ ביסל געשעמט, פאָרט נישט אויסגע־וואַקסן אויף סיבירער ערד, נאָר ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט זי זיך נעענטער צוגעטוליעט צו אים.

אַזוי זענען זיי, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, געקומען אין „זאַגס" אײַנגעבן די פּאַפּירן אויף צו פאַרשרײַבן זיך, אויב נישט כּדת, איז כּאָטש כּדין. אין אַזאַ פײַערלעכן פאַר זיי טאָג האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, דערמאָנט נישט איין מאָל די אומגעקומענע עלטערן זייערע, געלאָזט אַ טרער, נאָר באַלד האָבן זיי דערהערט די סעקרעטאַרין אויסרופן זייערע נעמען און גליקלעכע אויפגעשפּרונגען פון די ערטער.

אָפּגעשמייכלט צו מישען און צו זײַנע פּרעכטיקע דאָקומענטן,

האָט די באַאַמטין אַ וואָרף געטאָן איר בליק אויף דער כּלה, זען צי איז זי טאַקע ווערט אַרײַנצוכאַפּן אַזאַ גרעאַי פּאַר אַ מאַן און גענומען אין די הענט איר מאָגערן צווייבלעטלדיקן פּאַספּאָרט מיט די צוויי ריזיקע פעטע אותיות ס. פּ. (ספּעץ־פּערעסעלענקע) בײַם סאַמע אויבנאָן. דער שמייכל איז איר תּיכּף אַראָפּ פון פּנים, דאָס געזיכט האָט זיך איר אויסגעצויגן, די ליפּן צונויפגעצויגן און ס'האָט זיך דערהערט עפּעס ענלעכס אויף מ...דאַ, וואָס נאָר זי איינע האָט געוווּסט די טײַטש פון דעם קלאַנג. ווידער געעפנט די פּאַספּאָרטן און זיך פאַרטיפט אין אָנגעשריבענעם, נישט געטרויעט אַפּנים די אייגענע אויגן און ווידער זיי ביידע באַטראַכט, דאָס מאָל שוין אָן דעם פריערדיקן קאָזיאָנע שמייכעלע. בסוף האָט זי זיך אויפגעהויבן און געבעטן אַ ביסל צוּוואַרטן.

דאָס „ביסל" האָט זיך פאַרצויגן דווקא לענגער. מישע האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף אסתּרקעס און זי אַ דריק געטאָן — ס'איז גאָרנישט, מײַן טײַערע; נאַרישקייטן, באַלד וועט זי צוריקקומען און אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. וועסט זען. אין גיכן איז זי טאַקע צוריקגעקומען און געבראַכט מיט זיך צו פירן אַ גרעסערן עקספּערט אויף אַ באַראַטונג. יענער האָט גענומען די שלימזלדיקע דאָקומענטן אין האַנט, זיי באַטראַכט פון דרויסן און פון אינעווייניק, אַ קוק געטאָן אויף דעם מאָדנע פּאָרל, וואָס האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און וויל נאָר חתונה האָבן, נישט געקוקט אויף דעם תּהומדיקן אונטערשייד צווישן זייערע בירגערלעכע שטאַנדן, זיך אײַנגעגראָבן מיט אַלע פינף פינגער אין זײַן געדיכטער טשופּרינע און פאַרזשמורעט די אויגן מיט אַזאַ מינע, גלײַך ווי ער לייזט איצט איינע פון די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּראָבלעמען אין דער וועלט.

— עטאָ טיבע ניע שוטאָטשקי, מיט אַזעלכע זאַכן שפּילט מען זיך נישט, האָט ער נאָך אַ לאַנגן יישוב־הדעת אויסגעלאָזט און... געהייסן זיי קומען אין דרײַ טעג אַרום נאָך ענטפער.

מישע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טיש, געוואָלט אַפּנים עפּעס פּאָדערן, דערווײַז, נאָר אסתּרקע, די אָנגעבידעוועטע אסתּרקע, האָט אים געצויגן בײַם אָרבל: קום, איך בעט דיך, קום, לאָמיר גיין.

— דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז עפּעס וועט געשען אין דער לעצטער מינוט, אַז זיי וועלן געפינען אַ קרעציקל צו וואָס זיך צוצוטשעפּען, האָט זי געשיט אין גרויס אויפרעגונג אויפן וועג אַהיים. ס׳קען דאָך נישט געמאָלט זײַן זיי זאָלן דורכלאָזן פּשוט און פּראָסט אַזאַ אויסטערלישן פאַל, אַזאַ זיווג — אַ כהן מיט אַ גרושה!!

מישע האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און... אַ ספק אויב דאָס האָט ער זיך אַזוי צעלאַכט נאָר פון התפעלות וועגן, גיכער האָט ער מיט זײַן קײַכן געוואָלט צודעקן דעם פאַרדראָס, דעם ווייטיק, וואָס האָט אים שטילערהייט געמאַטערט. אַ כהן מיט אַ גרושה! כאַ... כאַ... כאַ! לאָווקע צוגעטראַכט! פון לאַנגווײַליקייט, אסתּרקע, אין דײַן מחיצה קען מען שוין נישט אויסגיין, ניין. ס׳וועט זיי, אָבער, העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. מיר זענען אויך נישט קיין מלופּם־קינדער, עפּעס פאַרשטייען מיר אויך אין די דריוונע אותיות. מיר׳ן זיך נישט לאָזן, פאַוואָליע די קאָץ! מיר׳ן נאָך זען ווער ס׳וועט זיגן צום סוף. אסתּרקען האָט געריסן דאָס האַרץ אויף אים, זי האָט זיך נעענטער צוגעטוליעט און געקוקט אים גלײַך אין די אויגן.

די שׂמחה איז געווען אַ פאַרשטערטע, ס׳האָבן נישט געהאָלפן דאָס חכמהן זיך און דאָס בלאָזן זיך.

אויפן דריטן טאָג איז מישע, אָן אסתּרקעס וויסן, אַליין גע־גאַנגען אין זאַגס, טאַפּן דעם באָדן, אַזוי צו זאָגן. ער האָט נישט געקאָנט אײַנזיצן אויף אָן אָרט און, חוץ דעם, האָט ער געוואָלט איר פאַרשפּאָרן איבעריקע שמערצן. די כּוונה איז בפירוש געווען אַ גוטע — טאָמער וועט ער זיך דערוויסן עפּעס גוטס, וועט ער איינס און צוויי קומען צו איר אויף דער אַרבעט און זי ברענגען צו פליען גלײַך צום פאַרטיקן. נאָר... מ׳האָט דאָך זיי קלאָר געהייסן קומען אין דרײַ טעג אַרום און נישט אויפן דריטן טאָג, האָט מען אים נישט אויפגענומען און ער האָט זיך אומגעקערט מיט גאָר־נישט. אסתּרקען האָט ער זיך נישט מודה געווען אין זײַן דורכפאַל, ער האָט איר נאָר געזאָגט אַז אויף מאָרגן האָט ער בדעה אַליין

צו גיין אין זאַגס, ער וויל אַרײַנגיין צום נאַטשאַלניק אַליין ריידן מיט אים פּערזענלעך און נישט מיט די דריוונע טשינאָווניקלעך. לאָזט זיך אויס... אַז יענער מומחה, וואָס די באַאַמטין האָט דעמאָלט געפירט אויפן בוקסיר, איז טאַקע, געווען במחילה, דער נאַטשאַלניק בכבודו ובעצמו און דאָס האָט ער אַזוי געקנייטשט דעם שטערן, נישט געקענט אײַנבײַסן די האַרבע קשיה, נישט געוווסט ווי אַזוי מ׳צעקײַעט די דאָזיקע סוגיה, וואָס איז קעגן דער מאַרקסיסטישער הלכה.

ער האָט אים דווקא זייער פרײַנטלעך אויפגענומען, דער נאַטשאַלניק, בײַ זיך אין קאַבינעט, פאַרבעטן זיצן, אים פאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס „קאַזבעק", נאָר אַז ס׳איז געקומען צום עצם ענין, האָט ער זיך אָנגעהויבן ווידער „קוועטשן" און אים געזאָגט אַז „קאָמפּליצירטע פראַגעס" פון דעם סאָרט מוז ער איבערפירן אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג און נישט נעמען די אַחריות אויף זיך אַליין. קיינער ווייסט נישט וואָס פון אַזאַ „קלייניקייט" קען זיך אַ מאָל צעפלאַקערן און גיי דערווײַז דעמאָלט, אַז דו ביסט גאָט די נשמה שולדיק. נאָר... מיכאַיל מאַיסייעוויטש, האָט ער זיך אויפגעהויבן און גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן מישען אין אַקסל, ס׳איז נאָך גאָרנישט פאַרפאַלן, גאָרנישט באַשלאָסן. נעמט זיך אָן מיט געדולד און וואַרט אויף דעם ענטפער פון צענטער.

— פון צענטער ? ? האָט מישען אַ דראָזש דורכגענומען. מ׳האָט די דאָקומענטן געשיקט קיין מאָסקווע ?

— ניין, איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. פון צענטער, מיין איך צו זאָגן פון אונדזער טאָמסקער צענטראַלן זאַגס. ס׳איז אַ באַזונדערער פאַל, מיכאַיל מאַיסייעוויטש ! פאַר מײַן לאַנגיאָריקן סטאַזש שטויס איך זיך אָן דאָס ערשטע מאָל אין אַזעלכן. איר ווייסט... ווי זאָל איך אײַך זאָגן ? צוריק מיט אַ צענדליק יאָרן וואָלט אַ קאָמוניסט נישט געסמייעט טראַכטן אַפילו וועגן אַזאַ זאַך, דאָס וואָלט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַרראַט פון ערשטער מדרגה: אַ קלייניקייט — אַ קאָמוניסט וויל זיך פאַרבינדן מיט אַ שונא פון פאָלק, אָדער אַפילו מיט דער טאָכטער פון אַזעלכע שונאים. איר

גיט זיך אָפּ חשבון מיט וואָס דאָס וואָלט געשמעקט? הײַנט, אָבער, נעמט מען אין באַטראַכט אַז איר זענט אַ פּאַרדינסטפולער דעמאָ־בילײזירטער פּראָנטאָוויק און בכלל... איז לײַכטער אַ ביסל געוואָרן וואָס שײך אַזעלכע ענינים. און דאָך... און דאָך וויל קיינער נישט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די דאָקומענטן מוזן דורכגיין דעם קאָנטראָל פון אַלע אינסטאַנצן. פאַרשטאַנען?

פּרווו זאָג אַז דו פאַרשטייסט נישט. מישע איז אַהיימגעגאַנגען אַ צעקאָכטער.

— ווי אַ בומעראַנג האָט עס מיך געטראָפן. איך בין אַרײַן אין דער פּאַרטיי אויסשליסלער כּדי דיך צו ראַטעווען, געמיינט אַז אַלע וועלן זיך דערשרעקן פאַר מײַן רויט ביכעלע, פאַלן פון די בענקלער, מיך בעטן: נעם זי און זײַט גליקלעך! ערשט מאַכן זיי מיר אַזעלכע שוועריקייטן, און פאַרוואָס? טאַקע ווײַל איך בין אַ קאָמוניסט. סאַראַ יאָלד איך בין געווען!

אַ גאַנצע נאַכט איז מישע נישט געשלאָפן, נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכן. זיך געדרייט פון איין זײַט אויף דער אַנדערער, אויפגעשטאַנען, געריבערט דורך אַנאַנד. פאַרטאָג־צו, ערשט, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן און דעמאָלט איז שוין בײַ אים פּאַרטיק געווען דער פּלאַן — גיין אויף אַ פּריִיאָם און נישט צו אַבי וועמען, נאָר טאַקע צום ערשטן סעקרעטאַר פון טאָמסקער אָבקאָם פּאַרטיי, דאָס הייסט צום באַלעבאָס פון גאַנץ טאָמסקער גובערניע.

ווען מישע האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, איז אסתּרקע געווען שוין אויף דער אַרבעט. די ערשטע זאַך — האָט ער זיך צעשמייכלט, גלײַך ווי דער נצחון איז שוין פאַרטיק בײַ אים אין קעשענע, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן, אַזש די בײַנער זײַנע האָבן אַ קנאַק געטאָן און מיט איין שפּרונג איז ער, פּאַ סאָלדאַטסקי, געווען שוין אויף די פיס. דערנאָך האָט ער זיך לאַנג געוואַשן, ראַזירט, געפּוצט די שטיוול און זיי געמאַכט ווי צוויי שפּיגעלעך. נישט פאַרגעסן אויך די מעדאַלן אָפּפרישן מיט דער באַרכאַטקע, אײַנגעשלונגען אויף איין פוס דעם פרישטיק, וואָס אסתּרקע האָט אים אײַנגעדעקט מיט אַ גראָבן האַנטער, אַרויסגענומען פון דער

באַהעלטעניש די לאַנגע פּראָשעניע, וואָס ער האָט בײַנאַכט אָנגע־שריבן אויף פינף זײַטלעך, און אַוועק אין אַבקאַם.

די פּראָשעניע האָט מען בײַ אים אויפגענומען און אים געגעבן אַ ריי ערשט אויף שפּעטער מיט זעקס וואָכן.

✶

אויף דער טעמע „זאַגס" האָבן זיי אינסטינקטיוו אויפגעהערט רעדן צווישן זיך, ובפרט נאָך אַז חוץ זיי ביידע איז די פּראַגע קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, ווײַל די „חתונה" ווי אַזעלכע, האָט מען שוין לאַנג געהאַט „אָפּגעשפּילט", תּיכּף נאָך מישעס קומען. איז געבליבן זיי זאָלן זיך פירן צווישן זיך און פאַר דער „וועלט", גלײַך ווי אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג און קיין שום פּראָבלעמען דערקוטשען זיי נישט. און צוריקגערעדט — וואָס איז דאָס פאַר אַ פּראָבלעם? צי מ׳וועט זיי יאָ פאַרשרײַבן, צי ניין, גאָרנישט וועט זיך פון דעם נישט בײַטן. אַזוי האָבן זיי געשפּילט די ראָל איינער פאַרן צווייטן, נישט געוואָלט אַרויסווײַזן אַז ס׳גרימט זיי געגוג דער ענין. אסתּרקע האָט פּשוט געוואָלט זײַן אַ „געזעצלעכע פרוי", נישט קיין שטרויענע און אויף אַ געזעצלעכן אופן פּטור ווערן סוף־כּל־סוף פון איר פלעק אין דער ביאָגראַפיע. מישע, ווידער, האָט זיך געפילט געט־ראָפן אין זײַן מענערישן האָנער. ט׳האָסטו דיר אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי! טאָקע כּדאַי געוועגן דער גאַנצער עסק. גוט נאָך וואָס קיינער פון זייערע באַקענטע און חברים האָבן וועגן דעם גאָרנישט נישט געוווּסט.

דערווײַל האָט מישע זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט און נײַע אינטערעסן האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ ביסל זײַנע געדאַנקען. די אויסערגעוויינלעכע באַציונג צו אים אויף דער אַרבעט האָט אים אויך אומגעקערט, אין אַ געוויסער מאָס, דאָס געפיל פון זעלבסט־ווירדע. אסתּרקע האָט אין האַרצן שטילערהייט געלאַכט פון זײַן טאָג־טעגלעכן מקפּיד זײַן בײַם פּוצן די שטיוול, נאָר זי האָט געשוויגן, געוועזן צופרידן וואָס ער האָט זיך באַרויִקט.

אין יענעם אין דער פרי איז ער זיך אַליין איבערגעגאַנגען אין פלײַסיקייט בײַם פּוצן זיך.

— וואָס לאַכסטו? האָט ער זײַטיק אַ פרעג געטאָן.

— ווער לאַכט? איך לאַך נישט. איך האָב נאָר מורא די שטיוול זאָלן נישט אָנהייבן לאַכן פון אַזוי פיל קיצלען זיי.

— נו, נו, דאַוואַי דאָס מאָל אָן שפּילקעס. הײַנט, פאַרגעס נישט, גיי איך צום גלאַוונאַטש־אָב־קאָם פּאַרטיי! די ציין קען מען זיך צעברעכן ביז מ׳רעדט אַרויס דעם גאַנצן טיטל. הײַנט וועט זײַן אַ רוח אין זײַן טאַטנס פּרעסטאַטנס טאַטע אַרײַן, טאָמער...

— קיין שום טאָמער. איך וויל אַפילו נישט הערן. בײַס זיך אָפּ די צונג.

ווען מ׳נעמט אָן פאַר אמת אַפילו נאָר אַ צענטל חלק פון דעם וואָס מישע האָט דערנאָך געהאַלטן אין אײַן שיטן און זיך אויס־שטעלן, וואָלט אויך אויסגעקומען בערך, אַז... דער ערשטער סעקרעטאַר איז קודם־כּל שיִער נישט אַראָפּגעפאַלן פון שטול, אַזוי האָט ער געאײַלט אויפשטיין און גיין אים אַנטקעגן, אים לאַנג געדריקט די האַנט ווי אַן אַלטער גוואַרדייעץ זײַן ייִנגערן ברודער, דעם פראָנטאָוויק, אים אָנגענומען בײַ דער טאַליע און אים צוגע־פירט צו אַ ברייטן באַקוועמען פאָטעל, מכבד געווען מיט אַ „קאַז־בעק״ און, איידער נאָך מישע האָט געעפנט דאָס מויל, האָט ער אים פאַרזיכערט אַז זײַן פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן אויפן בעסטן אופן, מיט טרערן אין די אויגן, אים געבעטן אַנשולדיקן זיי פאַר די אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס מ׳האָט אים פאַרשאַפט, נישט, פאַרשטייט זיך, צוליבן שלעכטן ווילן. נאָר פּשוט ווײַל מ׳דאַרף זײַן פאַרזיכטיק. דער שונא, אַזוי צו זאָגן, דרימלט נישט. דער סוף איז גוט!!

ער האָט אַזוי פיל געשיט, מישע, אַז אסתּרקע האָט שוין פּשוט איבערגעטראַכט, צי איז ער, חלילה, נישט גערירט געוואָרן פאַר גרויס פרייד. פון אומקערן זיך צוריק צו דער אַרבעט, האָט אַפילו קיין רייד נישט געקאָנט זײַן. ער האָט זי נישט געלאָזט אַפילו אַהיימ־גיין זיך איבערטאָן, זיך אויספּוצן, ווי ס׳קומט אַ כּלה איין מאָל אין לעבן.

— קיין שום איבערטאָן, קיין שום פּוצן. זיי קענען אונדז שוין דאָרט ווי אָפּגעשונדענע.

ס'האָבן נישט געהאָלפֿן קיין שום תּחנונים. דווקא די שטיי־לינקע בחורים, אַז ס'קומט זיי עפּעס אָן, ווייסן זיי קיין חכמות נישט, אויפֿן אָרט זאָל אַלץ געבוירן ווערן. הײַנט בײַם שיטן מיט גוזמאות, זענען זיי נאָך ערגער פֿון די פּאַטענטירטע שוויצערס. יענע ווייסן כאָטש אַ מאָס, די שטילע קאָנען אין גאַנצן זיך נישט אָפּשטעלן.

אין אַ שעה אַרום זענען זיי שוין געשטאַנען פֿאַר דער באַאַמ־טין, וואָס האָט דאָס מאָל ווידער אָנגעטאָן איר באַוווּסט קאַזיאָנע שמייכעלע, אָפּגעזאָגט וואָס ס'איז פֿאַלאַזשענאָ צו זאָגן אין אַזאַ פֿאַל, זיי באַגריסט מיטן „געזעגלעכן הײַראַט" און זיי אומגעקערט, שוין אָפּגעשטעמפּלטע לויט אַלע כּללים, זייערע פּילאָנגעליטענע פּאַספּאָרטן.

ערשט אין דרויסן האָבן זיי זיך צעקושט און אַנטלאָפֿן, גלײַך ווי מ'האָט זיך נאָך זיי געיאָגט מיט אַ פּאָלק סאָלדאַטן. די זאַך איז... וואָס זיי זענען שוין געווען נישט אַליין, אַ נײַ לעבן האָט אָנגעהויבן קלאַפּן און אויסשטעלן זײַנע פֿאָדערונגען אויף געזעצלעכע רעכט...

# גענענדעלע

אין לך אדם שאין לו שעה. די זאַך איז נאָר „די שעה" זאָל קומען אין דער ריכטיקער צייַט.

— — — — — — — — —

געניע איז געווען געניאַלנע מיאוס. דאָס איז נישט מייַן „המצאה", ניין, אַזוי פלעגט מען בייַ אונדז אַ מאָל אָפּלאַכן פון אַ מיאוס מיידל, וואָס האָט נאָך די העזה געהאַט זיך אויסצוטיילן מיט אַ שאַרפן „מאַנסבילשן" קאָפּ, מיט אַ געפּיקטער צונג, אָדער מיט בקי זייַן אין פאַרשידענע „קעגנשטאַנדן", וואָס שיינע מיידלעך פלעגן פון זיי אַנטלויפן ווי פון פייַער. שיינע מיידלעך! נישט יעדעס מיידל האָט געקענט זייַן אַ יפת־תואר, נאַריש צו רעדן, נאָר אַבי ס׳איז בייַ איר אַלץ געווען, אַזוי צו זאָגן, אויפן פּלאַץ, נישט בולט געווען מער ווי מ׳דאַרף און האַרמאָניש זיך צוגעפּאַסט צו די כּלל פּאַסטעמקעס, האָט זי שוין געקאַנט הייסן אַ חנעוודיק מיידל, אַ סימפּאַטישע, אַ שטאַלטנע, וואָס ס׳אי־ניט־איז, נאָר נישט אַרייַנפאַלן אין די מייַלער צו די אָפּלאַכערס מיט זייער חוזק־שמייכעלע און שפּאָט־געלעכטערל. וואָס דאַרפט איר מער — געווען בייַ אונדז אַ ייִד, מייַנע רייד זאָלן אים נישט זייַן צו שווער, האָט ער אַ מאָל אין מיטן דאַווענען, מיטן טלית אויף די פּלייצעס, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון אונדזער „שערי־ציון" און געזען פאַרבייַגיין צווי קורץ־געשוירענע מיידלעך פון די „אינטעליגענט־קעס", האָט ער זיך נישט געפּוילט און איינגערוימט אין אויער זייַן שכן, וואָס האָט געהאַלטן נאָך אין „אויסגיין שמונה־עשרה":

— איר זעט, ר׳ שמואל, איבער אַזעלכע זויערע מוידן איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש. און דאָס איז געווען אַ ייִד מיט אַן אייגענער „שטאָט" אין מזרח־וואַנט, וואָס האָט געדאַוונט שטענדיק מיטן ערשטן מנין, הייַנט וואָס איז שוין דאָ צו רעדן וועגן ווייַבער

און מיידלער, וואָס פון קנאה זענען זיי גרייט געווען דערטרענקען איינע די אַנדערע אין אַ לעפל וואַסער?

איז איר, נעבער, געווען זייער ביטער. די נאַטור האָט זיך ווי איזדעקעוועט איבער איר — אַ שמאָלער פּאַרוואַקסענער שטערן מיט צוויי קליינע מויז־גרויע אייגעלער, וואָס האָבן טאַקע ווי בײַ אַ מויז אַרויסגעקוקט שטענדיק מיט פאַרדאַכט פון אונטער די צוויי געדיכטע שטעכיקע ברעמען אירע. טאָמער וויניק, האָט זי נאָך פאַרמאָגט אַ פּאָר בראָדעווקעס, וואָס האָבן איר קיין חן אַוודאי נישט צוגעגעבן און אַן אייבערשטע ליפּ... צוויי מאָל גרעבער ווי ס׳האָט זיך געפּאָדערט. די ליפּ האָט שוין אין גאַנצן אַ תל געמאַכט פון דעם, וואָס מ׳האָט נאָך אפשר געקענט אָפּראַטעווען. פאַראַן געשוואָלענע ליפּעלער, וואָס בעטן זיך קושן, צו אירע ליפּן האָט מען געדאַרפט האָבן אַ קופּערנעם יצר־הרע. פון אַזאַ ליפּ ווי בײַ איר, פלעגט מען בײַ אונדז זאָגן, קען מען אויסציִען אַ בלעטל לאָקשן. אַ גאַנצ רחמנות געווען אויף איר, כאָטש זי איז געווען די בעסטע שילערין בײַ אונדז אין קלאַס און שטענדיק אַרײַנגע־כאַפּט די בעסטע „צענען״ סײַ פאַר די שריפטלעכע אַרבעטן, סײַ פאַרן בעל־פּה. וואָס איז געווען דאָס חריפות? ס׳האָט איר עמעצער אַ מאָל געשטערט צום לערנען? ס׳האָט זי עמעצער אַ מאָל באַגלייט אַהיים פון דער גימנאַזיע, זי פאַרהאַלטן אין וועג כּדי אַ שטיף טאָן מיט איר, אַ לאַך, אָדער כּדי אָפּצושטעלן מיט איר אַ באַגע־געניש אויף שפּעטער? קיינער האָט בײַ זיי קיין מאָל די שוועל נישט אַריבערגעטרעטן, קיינער האָט נישט געסווישטשעט אונטער איר גאַניקל, איז זי געזעסן און געקנעלט און דער געדאַנק איז איר געפלויגן צו די גליקלעכע מיידלעך, וואָס שפּאַצירן איצט מסתמא מיט זייערע פאַרערערס אויף דער טאָלעקע, אָדער בײַם טײַך, קושן זיך געוויס דאָרט בגנבה אונטער די ווערבעס און דאָס האַרץ... דאָס האַדץ איז איר צעשפּרונגען געוואָרן פון קנאה. דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַרײַן, האָט זי צוגעקוועטשט די שלייפן מיט די פינגער און אויסגעבליפּעט אויף אַ קול דעם לאַ־טײַנישן טעקסט — „אָמינאַ מעאַ מעקום פּאַרטאַ״, וואָס הייסט:

אַלץ וואָס איז מײַנס, טראָג איך מיט זיך. אויף מאָרגן איז זי געווען די איינציקע וואָס האָט געקנאַקט ווי אַ וואַסער אַלע כּללים, פאַר־פעסטיקטע מיט בײַשפּילן פונעם „אַקוזאַטיווּס קום אינפיניטיוואָ״ און די „צען״ האָט איר פאַרשאַפט גרויס נחת, ווײַל אַ האַלבער קלאַס האָט קוים באַקומען „פינף״. דאָס איז געווען איר טריומף. אין דער הפסקה האָט זי שוין דעמאָלט אַרויסגענומען מיט אַ באַזונ־דער פאַרגעניגן אירע צוויי גרויסע רעפטלעך ברויט מיט פּוטער און פּאָווידל, באַשיטע פון אויבן מיט געפּראַזשעטע ניס און זיך אײַנגעביסן אין זיי מיט אירע פאַדערשטע פערדישע ציין ווי אַ ווילדע חיה בײַסט זיך אײַן אין איר געפאַנג.

— געניע, ראַטעווע, פּיקוח נפש, גיב גיכער דײַן העפט איבער־צושרײַבן די אַלגעברע־איבונגען, איך האָב נישט באַוויזן אין דר׳היים זיי צו דערפירן ביזן סוף.

— בײַ דיר איז שטענדיק פּיקוח־נפש, קיין מאָל באַוויַזטו נישט, האָט זי געענטפערט מיט אַ פול מויל, אַז מ׳האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס זי זאָגט. לאָז מיך צו רו, איך וויל אָפּעסן מײַן פרישטיק.

— דײַן פרישטיק וועט אין ערגעץ נישט אַנטלויפן, גענענדעלע, דאָס האַרץ לאָזט דיך פּשוט נישט עמעצן אַ טובה טאָן. נישט אומזיסט ווײַכט מען דיך ווי אַ שלאַנג, אַ שלאַנג ביסטו טאַקע.

געניען האָט פאַרדראָסן מער דאָס אָנרופן זי גענענדל ווי דאָס פאַרגלײַכן זי צו אַ שלאַנג. אַ שלאַנג, האָט זי געוווּסט, איז זי נאָר בדרך־משל און גענענדל... דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש, דאָס איז איר שטראָף, וואָס אירע אייגענע טאַטע־מאַמע האָבן איר אָנ־געהאַנגען אויף אַ גאַנץ לעבן. אַ גליק האָט זי געטראָפן — זי הייסט נאָך דער באָבע גענענדל, וואָס איז געווען אַ כּשרה ייִדענע, אַ גוטע נשמה, אַ גרויסע חכמה, אַ צדקת, אַ... כ׳ווייס וואָס נאָך זי איז דאָרט געווען? זיי האָבן געמעגט אַ ביסל אַ טראַכט טאָן אויך וועגן איר, די עלטערן אירע, פאַרשטיין אַז הײַנטיקע צײַטן איז נישט אַזוי גרינג פאַר אַ מיידל זיך אַרומצוטראָגן מיט אַזאַ אַלט־מאָדישן נאָמען. אַלע צרות נעמען זיך איר פון דעם נאָמען. ווער וויל זיך אומקוקן אויף אַ מיידל וואָס הייסט גענענדל? ט׳איז,

למשל, איר געשוועסטער־קינד פון קעשענעוו, וואָס מ'האָט איר אויך אַ נאָמען געגעבן נאָך דער זעלבער באָבע, הייסט גאָר גע־נאַנדע'לאַ און ס'קלינגט אַזוי דעליקאַטנע, אַזוי פײַן ווי בײַ די עכטע אַריסטאָקראַטן. דאָס איז גערעדט וועגן קעשענעוו. דאָרט גייען אַרום בכלל סאַמע מאַלווינעס מיט הענריעטעס און גיי טרעף, פּאָר אַ בעלן, נאָר וועמען זיי הייסן. דאָ, אָבער, אין דעם קליינעם שטעטל, ווו יעדער איינער ווייסט אַלץ נישט נאָר וועגן דײַן באָבע, נאָר אויך, מיר דאַכט, וועגן דײַן באָבעס באָבע, איז פּרווו אומיסטן זיך נאָר אַרויסכאַפּן מיטן נאָמען גענאַנדעלאַ, וועט מען פון דיר מאַכן חוכא וטלולא און מ'וועט זײַן גערעכט, ווײַל... האָסט געהאַט אַ באָבע גענענדל? — געהאַט. זי איז געווען אַ כּשרה ייִדענע? — געווען. וואָס־זשע דולסטו אַ ספּאָדעק? בנאמנות!

אַן אַנדערע, זעסט אַזאַ פּאָלאַזשעניע און דו האָסט פּאַרט זיך דערשלאָגן מ'זאָל דיך רופן געניע, איז גיב נאָך אַ ביסל, ליג נישט ווי אַ הונט אויפן סמעטניק, ווײַז אַ מאָל אַ זשעסט און זאָג אונטער ווען עמעצער אין קלאַס טרענקט זיך בײַם טאָוול, קוקט און ווייסט נישט פון וואַנעט די הילף קען אים קומען, איז זאָג אונטער, זײַ אַ מענטש. וואָס האָסטו מורא, ס'וועט דיר ווייניקער בלײַבן? נישט בײַ געניען, לא מיט אַן אלף! יענע קוקט זיך אויס די אויגן אויף אַזאַ שטיקעלע אַרבעט. דעמאָלט וועט בײַ איר שׂמחת־תּורה און זי שטשערעט די פערדישע ציין אירע, פּראָוודעם זי פאַרגעסט נישט קיין מאָל צו פאַרשטעלן זיך דאָס מויל מיט דער דאָלאָניע. וו'זוי זאָל מען זי ליב האָבן?

✶

האָט, אָבער, דער רבונו־של־עולם געפּסקנט אַנדערש און ס'איז געשען דאָס אומגעריכטע. זיי זענען אויך אַרײַנגעפאַלן אין דער רשימה פון די „בורזשויעס" און, כאָטש די מוטער האָט זיך בײַ זיי געפּעלט ערשט צוריק מיט אַ האַלב יאָר, האָט קיינער זיך דער־מיט נישט געוואָלט רעכענען און די „צעבראַכענע" משפּחה איז אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע „קאַפּי־טאַליסטן" פון שטעטל. דעם פאָטער האָט מען, פאַרשטייט זיך,

תּיכּף פון זיי אָפּגעטיילט און ערגעץ אויף אַ סטאַנציע האָט אויך דער ברודער געמאַכט אַ ויברח, איז זי געבליבן איינע אַליין. אַזוי איז זי געקומען קיין סיביר, געטראָפן מיט אַלע אין איינעם אין דעם וויסטן „בימלעסכאַז״, נאָר וואָס? זי איז גלײַך אָנגעקומען אויפן 6־טן אוטשאַסטאָק, ווו דער מייסטער איז דעמאָלט גראָד געווען אַ ייִד.

— אַ מײַסטער אַ ייִד?

— יאָ, אַ מײַסטער אַ ייִד און נישט סתּם אַ ייִד, נאָר אַ פּוילישער בחור פון אַ צוויי, דרײַ און דרײַסיק יאָר, אַ הויכער, אַ שיינער, אַ געזונטער און גערופן האָט מען אים סאַלאָמאָן. בײַ אונדז, בעסאַראַבער, איז סאַלאָמאָן אַ נאָמען, בײַ זיי, בײַ די פּוילישע, איז סאַלאָמאָן גאָר אַ פאַמיליע און זײַן נאָמען איז געווען זוסמאַן, וואָס בײַ אונדז וואָלט פּונקט געגילט פאַר אַ פאַמיליע. אַלץ פאַרקערט. נאָר מילא, דאָס גראָדע קען איך אײַך מוחל זײַן, נעמט, אָבער, אַזאַ פּרעכטיקער פאַרשוין, אַ דריי־קאָפּ, אַ מזיק, וואָס ווערט נישט נשתּומם פאַר גאָרנישט אין דער וועלט, איז קנעפּל־פּיטעלקע אַפילו מיטן דירעקטאָר, שוין אָפּגערעדט פון די דריוונע נאַטשאַלניקלעך, וואָס אַלע זענען זיי געווען בײַ אים אין קעשענע, נעמט אַזאַ בחור און פאַרליבט זיך אין דער דאָזיקער געניע.

— נו?...

— וואָס נו?...

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איז דער חידוש ווען אַ בחור פאַרליבט זיך אין אַ מיידל?

— יאָ, אָבער געניע, האָב איך אײַך שוין געזאָגט, איז געווען מיאוס ווי דער טויט!

— דעריבער... גייען די קאַטשקעס באָרוועס? דאַרף זי שוין קיין מאָל נישט חתונה האָבן?

אַזוי־אַ האָט מען געהאַלטן אין איין שטוינען, נישט פאַרגינען, כּלומרשט שפּאַרן זיך. קיינער האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער מיינט עס טאַקע ערנסט און אויב אַפילו ערנסט, צי וועט די דאָזיקע ליבע בײַ אים מאריך ימים זײַן.

די איינציקע, וואָס האָט נישט געוואָלט וויסן צי ס'איז אויף לאַנג, צי ניין, איז געווען טאַקע געניע אַליין. איר אויסגעהונגערט מיידלש האַרץ האָט געבענקט נאָך אַ צערטל, נאָך אַ קוש ווי פאַרטריקנטע ערד לעכצט נאָך רעגן. האָט זי נישט געוואָלט זיך צוהערן צו די אַלע וואָרענישן, וואָס מ'האָט איר געוואָרנט און צו די אַלע עצות, וואָס „גוטע פריינד" האָבן איר געגעבן און זיך געצויגן צו אים מיט אַלע אירע נישט אויסגעקושטע און אויסגעצערטלטע גלידער, געצאַפּלט אין זיינע אָרעמס און נישט געקאָנט כאַפּן די זעט. ס'מעג זיין אַז ביים סאַמע אָנהייב האָט זי זיך גוט דערשראָקן, געמיינט אַז ס'איז אַ פּאַסטקע, פון דעם שׂטנס טרייפענע שטיק חוזק צו מאַכן פון איר, זי אַרויסשטעלן צו שפּאָט, שפּעטער, אָבער, האָט זי דערפילט אַז ס'הייבט זיך נישט אָן און ס'לאָזט זיך נישט אויס, אַז ס'שמעקט גאָר מיט עפּעס אַזעלעכס, וואָס זי האָט נאָך ביז איצט דעם טעם פון דעם נישט געוווסט, זענען די שפּיציקע ברעמען אירע מיט אַ מאָל ווייכער געוואָרן און נאָכגיביק זיך אויסגעלייגט אין צוויי אַפילו גאַנץ חנעוודיקע האַלב-קריַיזן. וויַיטער... בעסער. זי האָט אויפגעהערט זשיפּען, ענטפערן אים מיט קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער, זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים ווען ר'האָט זיך געווענדט צו איר, כאָטש דאָס האַרץ האָט איר דערביַי האַסטיק געקלאַפּט, שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר גרויס עמאָ־ציע. זי האָט לאַנג נישט געקאָנט פּועלן ביַי זיך אים קוקן גליַיך אין די אויגן. ביז... ביז אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך כּלומרשט צופעליק אָנגעשטויסן אין איר בשעת זי איז געגאַנגען אין וואַלד מיט אַ פּולן עמער זשיוויצע, זיך פאַרגנבעט הינטן-אַרום און זי אָנגעכאַפּט ביַי די פּלייצעס. אַ קליינע חכמה אין דער טיַיגע! ביז וואָס-ווען קען דער מענטש לאָזן די נשמה פאַר שרעק. סאַלאָמאָן האָט עס תּיכּף פאַרשטאַנען, האָט ער זי אַרומגענומען מיטביידע הענט און אַ קוש געגעבן גליַיך אין די ליפּן. ווען זי האָט אַ טבע פון חלשן, וואָלט זי געחלשט אויפן פּלאַץ, געניע האָט זיך באַגע־נוגנט מיט בלאַס ווערן און, ווי שטענדיק, גיך זיך פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער דלאָניע. אפשר איז געווען אין דעם אַ דאָזע מיידל־

שע שעמעוודיקייט, נאָר גיכער האָט זי פּשוט אינסטינקטיוו געוואָלט פאַרשטעלן די אייבערשטע ליפּ, גאָטס שטראָף, ער זאָל קיין חרטה נישט קריגן אויפן קוש. ניין, ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון חרטה, פאַרקערט, איידער זי האָט באַוויזן כאַפּן דעם אָטעם, האָט ער איר דערלאַנגט אַ צווייטן קוש און טאַקע אַ דריטן און דערנאָך ערשט זיך דערמאָנט, צוגענומען בײַ איר דעם שווערן עמער און זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען אַהיים, אויפן אוטשאַסטאָק. ער איז געגאַנגען פאַרויס מיטן עמער, זי אַ פּאָר שפּאַן הינטער אים און... גוט וואָס די סעטקע קעגן די קאָמאַרן האָט איר פאַרשטעלט דאָס פּנים, כאָטש קיין בלוט אויף רויט צו ווערן האָט זי נישט אַזוי שטאַרק פאַרמאָגט. איז וואָס פאַר אַ מיידל אויף איר אָרט וואָלט אָנגעהויבן זיך גריבלען, געוואָלט אויסרעכענען דעם אַנדערן עק, ווען ס'טרעפט זי אַזאַ גליק פלוצעם פון דער העלער הויט?

אין יענער נאַכט האָט זי קיין אויג נישט צוגעמאַכט, געטאַפּט זיך די ליפּ צי איז זי, אַ מאָל, נישט קלענער געוואָרן, אָדער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אין גאַנצן איסטשעזנעט. אַבי זי האָט געמיינט אַז די גרעסטע חכמה אין לעבן באַשטייט אין גוט לערנען. אוי, ווי נאַריש זי איז געווען! און פון דער אַנדערער זײַט, אַ ברירה האָט זי געהאַט? אויף אַלע באַנקעטן, שטענדיק און אומעטום איז זי געזעסן מן הצד — „אונטערגעשפּאַרט די וואַנט". קיינער האָט קיין מאָל נישט געפּרוּווט אַפילו אַ שטיף טאָן מיט איר, גלײַך ווי זי האָט נישט עקזיסטירט. קיינער האָט זי קיין מאָל נישט אײַנגעלאַדן טאַנצן, גלײַך ווי זי איז קיין מיידל נישט געווען און איר נשמה איז נישט אויסגעגאַנגען, געוואָלט אויך אַ מאָל זיך דרייען אין אַ וואַלס. אַלע מיידלעך פלעגן קאָקעטיש זיך פּאַכן מיט די ווייערס, נאָר זי איינע איז געזעסן אַ פאַרפרוירענע ווי אַ שטיק אײַז און, בכדי נישט אַרויסצורופן מיטלײַד בײַ די חברטעס, זיך פלומרשט פאַרטיפט אין עפּעס אַ ביכל, נאָר די אותיות האָבן איר געטאַנצט פאַר די אויגן נישט ערגער פון די פּאָרלעך אין זאַל. די „יפת־תואר" האָבן זי אַלע גערופן הינטער די אויגן און, ס'מעג זײַן, אַפילו אין די אויגן.

מיט איר האָט מען זיך נישט צערעמאָניעט. האָט זי זיך אויך געגוקמט אין זיי אויף איר אופן. דאָס אַלץ וועט סאַלאָמאָן קיין מאָל נישט וויסן, סײַדן עמעצער פון אירע אַמאָליקע „גוטע פרײַנד" וועט אים וועלן עפענען די אויגן. נאָר סאַלאָמאָן, אויף וויפל זי פאַרשטייט, איז נישט דער מענטש, וואָס זאָל זיך לאָזן עפעס אײַנרעדן, איבער־רעדן, ער אַליין קען וועמען דו ווילסט פאַררעדן די ציין. און ווײַטער... דאָ איז זי ענדלעך אַנטשלאָפן געוואָרן און אַ גליק נאָך וואָס די שכנה האָט זי אין דער פרי אויפגעוועקט, אַניט וואָלט זי געווען פאַרשלאָפן דעם „זופּ" און געגאַנגען הונגעריק צו דער אַרבעט.

★

דערנאָך... דערנאָך איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ פאַרנאַכט, ווען די שכנה מיט אירע קינדער זענען שוין געווען אין דר'היים פון דער אַרבעט, מיטגעבראַכט מיט זיך עפעס אַ צוויי, וואָס געניע האָט זיי געזען דאָס ערשטע מאָל און פאַר אַלע אין די אויגן איר אָנגעטאָן אַ גאָלדן פינגערל, אָפּגעזאָגט דעם „הרי־את" לויט אַלע כּללים און אַפילו צעקלאַפּט מיטן אָפּצאַס אַ טעפּעלע פון די ליימע־נע זשיוויצע־טעפּעלער. זי איז געוואָרן זײַן געזעצלעכע פרוי און אַלס אַזעלכע ממשיך געווען אַרבעטן בײַ דער זשיוויצע.

די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן שפּעטער. די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן ווען מ'האָט באַפרײַט די פּוילישע און זיי האָבן באַקומען רעכט פאַרלאָזן דעם וואַלד און זיך באַזעצן ווו זיי ווילן, ביז זיי וועלן קענען זיך אומקערן צו זיך קיין פּוילן. קיין גרויסן אויסוואַל האָבן זיי דערווײַל נישט געהאַט, ס'איז געווען מלחמה־צײַט און אַרומפאָרן איבערן לאַנד איז געווען נישט אַזוי פּשוט, נאָר לכל־הפּחות אַרויס פון דעם גיהנום האָבן זיי געקאָנט, האָט, אָבער, געניע נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן אויף דער האַנט. אַ מענטש אָן אַ פּאַספּאָרט איז קיין מענטש נישט געווען. דאָס פינגערל מיטן „הרי־את" איז גענוג געווען פאַר די ייִדישע שכנים, זיי זאָלן איר נישט דערגיין די יאָרן הלמאי זי וווינט נישט געזעצלעך מיט אַ מאַן, אין קאָמענדאַטור, אָבער, האָט מען זיך אויסגעלאַכט פון

זיי — שלאָפן צוזאַמען? פּאַזשאַלוסטאַ! וויפל איר ווילט. אַפילו אָן דעם פינגערל. דאָס איז קיינעמס נישט עסק. וואָס שייך, אָבער, דעם סאָוועטישן געזעץ, ביסטו פון היינט זוסמאַן דאַנילאָוויטש סאַלאָמאָן אַ פרײַער פּוילישער בירגער און זי איז געבליבן ווי געוועזן אַן אַרויסגעשיקטע, אַ ספּעץ־פּערעסעלענקע און האָט קיין שום געזעצלעכע רעכט נישט צו פאַרלאָזן דעם „כימלעסכאָז".

אין דעם נעגאַטיוון אורטייל האָט סאַלאָמאָן, מיט זײַן שאַרפן קאָפּ, אויפגעכאַפּט די פּאַרטקע, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט אומיסטן צי נישט אומיסטן געלאָזט עטוואָס אָפן, נאָר איינצײַטיק קונציק פאַרמאַסקירט אַזוי אַז... המבין יבין. האָט ער יאָ פאַרשטאַנען — ניטאָ קיין געזעצלעכע רעכט, וועלן מיר פּרוּוון אויף אַן אַנדער אופן.

צום אַלעם ערשטן האָט ער זיך באַפרײַט פון אַלע מאַטעריעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, איבערגעגעבן דעם פּאַרטרעטער זײַנעם די שליסלען, דעם אינווענטאַר און די איבעריקע אַטריבוטן פון דער בידנער ווירטשאַפט און זיי האָבן זיך אַרויסגעצויגן אויף דער „באַזע". געניע איז דעמאָלט געוועזן שוין אין פערטן חודש און פון די אַלע איבערלעבענישן נאָך גרינער געוואָרן ווי זי איז געוועזן. דאָס שוואַנגערן אירס האָט זיי איצט אויסגעפּעלט ווי אַ לאָך אין קאָפּ, נאָר וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן? האָבן זיי געמאַכט דעם אָנשטעל אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג אַז ביז זיי וועלן געהאָלפן ווערן, וועט דער רבונו־של־עולם זיי באַגליקן נאָך מיט אַ זון. דער זון, אָבער, האָט בשום אופן נישט געטאָרט געבוירן ווערן אין דער טײַגע, דאָס האָט סאַלאָמאָן פעסט באַשטימט, איז געבליבן נאָר געפינען אַ וועג געניען אַרויס־צורײַסן פון דאָרט. איז ער אַוועקגעגאַנגען צו פוס קיין ניקאָלסק, אַ גרויס דאָרף פון יענער זײַט אָב, ווו ס'איז געוועזן דער סעל־סאָוועט פון די אַלע קליינע דערפלעך אַרום, זיך צונויפגערעדט מיטן פּאָסט־מײַסטער, וואָס פלעגט פירן צוויי מאָל אַ וואָך די פּאָסט אין וואַלד אַרײַן און פאַר אַ שווייצאַרישן זייגער מיט אַן אָפּגעגילדט קייטעלע האָט ער אים געבראַכט צו פירן אין זײַן שליטן

געניען מיטן בויך, מיטן גאַנצן האַק און פּאַק, אײַנגעדעקט אין שטרוי און פאַרמאַסקירט פון אויבן מיט די פּאַסט־זעק, וואָס ער האָט געפירט פון די דערפער.

דעם ווינטער האָבן זיי זיך איבערגעמוטשעט אין ניקאָלסק און אין די אַרומיקע כוטערן, געביטן אַלץ די וווינונג, מ׳זאָל זיי נישט פּאַקן. ביי אַן אַלטער באָבקע אין שטוב האָט געניע פאַר דער צייט געבוירן אַ טויט קינד און, כאָטש דאָס קינד האָט זיי אַזוי אַרום אויפגעבונדן די הענט, האָט זי געהאַלטן אין איין וויינען אויף דעם ערשטלינג אירן, וואָס זי האָט געדאַרפט איבערלאָזן אין סיבירער ערד.

ווי נאָר זי איז געקומען אַ ביסל צו די כוחות און די נאַוויגאַציע אויפן אַב האָט זיך אָנגעהויבן, זענען זיי אַוועק מיט אַ קאַטער אין דער גרויסער שטאָט, קיין טאָמסק. דאָרט האָבן זיי פרייער אָפּגע־אָטעמט. געניע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שלימיסטרע קליי־דער, וואָס האָבן זי געדאַרפט פאַרשטעלן פאַר אַן אַלטער באָבע און זיך אַ ביסל אַרומגעקוקט ווו זי איז אין דער וועלט. אין גיכן האָט זי באַקומען אויך אַ פּאַספּאָרט. נישט קיין איבעריק כשרן, נאָר אַ פּאַספּאָרט, מיט מענטשן גלייך. אַ סברה אַז ר׳ סאַלאָמאָן איז טאָקע אין גיכן געוואָרן אַ מומחה אויף דעם געביט, זיך צונויפגעספּוידעט מיט נאָך אַ פּאָר אַזעלכע־זשע פּייַנע יונגעלייט, ספּעציאַליסטן פון דעם פאַך, געעפנט אַ געהיים־מאַסטערסקייע, ווו פאַר אַ שיינער סומע געלט האָט מען געקענט קריגן דאָקו־מענטן, יעדער לויט זיינע באַדערפענישן. אויף געניען האָט געצי־טערט די הויט. ווי קומט אַ בעסאַראַבער קליינשטעטלדיק מיידל צו אַזעלכע געשעפטן, צו אַזעלכע קאָמבינאַציעס? זי איז נישט גערן געווען דעם לוקסוס, מיט וועלכן ער האָט זי אַרומגערינגלט אין אַזאַ ביטערער שווערער צייט, ווען מענטשן האָבן פון זיך אַוועק־געגעבן דאָס לעצטע פאַר אַ לאַבן ברויט. מ׳דאַרף דעם אמת זאָגן — סאַלאָמאָן איז לחלוטין קיין קאַרגער נישט געווען, ווייַט נישט קיין שלעכטער מענטש, נישט איינער פון זיינע חברים האָט זיך „געוואָרעמט״ נעבן אים, געהאַט אים צו פאַרדאַנקען דאָס

לעבן. מיידלער אין טאָמסק האָבן געשטוינט, נישט געקענט פאַר־שטיין — וואָס האָט ער דערזען אין דער געניע, וואָס האַלט ער זיך מיט דער מיאוסער וועטשערע? האָט מען געפרוווט זיך דרייען פאַר אים, צוציען זײַן אויפמערקזאַמקייט. אַ נעבעכדיקער טאָג! נישט אַנדערש זי האָט אים אַ כּישוף אָנגעטאָן און אפשר, האָבן אַנדערע, מער ראַציאָנעלע, זיך משער געווען, אפשר דערמאָנט זי אים אין זײַנער אַ שוועסטער אָדער אַ געליבטע וואָס איז אומגעקומען? פאַרשידן האָט מען געטראַכט און מ׳איז געבליבן בײַם טראַכטן, נישט סאַלאָמאָנען האָט מען געקאָנט שלעפּן בײַ דער צונג.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז די נ.ק.וו.ד. איז געפאַלן אויפן סליאַד פון דער כּנופיה מיט די פאַלשע פּאַספּאָרטן און אַז אין גיכן וועט מען לייגן די האַנט אויף די פאַרברעכערס. אַ ביסל פאַרשפּעטיקט! די משפּחה סאַלאָמאָן האָט זיי שוין דעמאָלט געהערט ווי טראַטל די מגילה, פּוילן איז שוין געווען באַפרײַט און סאַלאָמאָן האָט נישט געוואַרט מ׳זאָל אים אַ סך בעטן, ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געשטעלט פּיס אַהיים. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז זיי זענען שוין אין וואַרשע און אַז סאַלאָמאָן האָט דאָרט תּיכּף געעפנט אַן אייגענע גלאָז־פאַבריק. מענטשן האָבן אַפילו דער־ציילט אַז ס׳האָט זיך באַקומען אַ בריוו פון אים אויך אין דער נ.ק.וו.ד. מיט אַ בילד פון זיי ביידע אויפן פאָן פון דער פאַבריק. ס׳קען זײַן אַזוי... אויף אים איז אַלצדינג געווען צו גלייבן, ער האָט ליב געהאַט אַזעלכע שטיקעלעך... יענעם צו צעפּיקן די גאַל. און ווידער... אפשר האָבן עס לצנים צונויפגעשטעלט כּדי זיך פריי־לעכער מאַכן אויף דער נשמה. אַ פאַקט איז, אַז ר׳האָט זיך זיי אויסגעגליטשט צווישן די פינגער, די אַנדערע צוויי שותּפים האָט מען טאַקע געכאַפּט און זיי האָבן שלעכט אָפּגעשניטן.

✶

אין פּוילן האָבן זיי זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן. גאָמולקעס רעזשים האָט זיי געטריבן ווײַטער, זענען זיי, אין עטלעכע יאָר

אַרום, עולה געווען קיין ישׂראל שוין מיט אַ פּאָרל יִינגעלער בײַ די הענט.

אין לאַנד האָט געניע, פֿאַר אַלעמען, אָפּיציעל געביטן זיך דעם נאָמען אויף גלית. לעגיטים! בכלל האָט זי אַ סך זאַכן זיך געביטן. הײַנט איז שוין שווער צו געפֿינען בײַ איר װעלכע־ס'איז שפּורן פֿון אַ מאָל. נאָר איין סאַלאָמאָן, װען ס'איז אים באַזונדערס אויפֿגעלייגט אויפֿן האַרצן, רופֿט ער זי גענענדעלע און ס'קלינגט איר דווקא אַזוי היימיש, אַזוי האַרציק, אַזוי טאַטע־מאַמעש, אַז טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן.

# דער פֿאַרטריבענער מלך

ביי זיין מאַמען האָט ער געהייסן לייבעלע־טאַטע, מיר האָבן אים גערופֿן ליאָווע און... ביי איר איז ער געווען נאָר ליאָווושקאַ און האָניק האָט געטריפֿט פֿון אירע ליפּן ביים אָנרופֿן דעם נאָמען. אַזוי בפֿרהסיא. צווישן פֿיר אויגן און בחדרי־חדרים, ווען זי האָט זיך געלעשטשעט און געפּיעשטשעט אין זיינע אָרעמס, האָט זי צו אים גערופֿן מיט גרויס תּאווה: מיין לייב, מיין מלך!

פֿון וואַנעט דער שיר־השירים־נוסח אין מויל ביי אַ סיבירער שיקסע, דאָס האָט מען געקאָנט זיך נאָר משער זיין. אין דעם באַשטייט, ווייזט אויס, דער כּוח פֿון דער בלינדער ליבע, וואָס צעברענט זיך פּלוצעם ווי אַ העליש פֿייער, רייסט אויס זשמוטן פֿון דעם לייבס גריווע, הייבט ער אָן צו ביסלעך מיאָוקען, קאַניוקען און זי... דאָס קעצעלע, שאַרפֿט זיך שוין די נעגל, ריטשעט אויף אַ פֿרעמד לשון און לייגט איין וועלטן, וויל מ'זאָל איר גלייבן, אַז זי איז אַ לייבעכע געוואָרן.

★

צום אָנהייב, ווי געוויינטלעך, האָט יעדערער געטראַכט וואָס ער האָט שוין דאָרט געוואָלט, מיט דער צייט, אָבער, האָט קיינער נישט געצווייפֿלט מער אין איר גרויסער ליבע צו אים. נאָך אַלעמען איז זי געווען נישט קיין מיאוסע און ווייט נישט קיין נאַרישע פֿרוי, חוץ וואָס זי האָט פֿאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן, נישט ווי מיר — היימלאָזע און רעכטלאָזע גלות־אַפּריכטער, וואָס זענען מקנא געווען יעדן, כאָטש עטוואָס איינגעאָרדנטן מענטשן. לודמילאַ ניקאָלייעוונאַ איז געווען נישט אַבי ווער, זי איז געווען די גלאַוונע קראַנקן־שוועסטער פֿונעם טאָמסקער סטאָמאַטאָלאָגישן אינסטיטוט, די פֿאַ־ראַנטוואָרטלעכע איבער דער גאַנצער אויסשטאַטונג פֿון דער צענט־ראַלער לאַבאָראַטאָריע און בכלל אָן אָנגעזעענע פּערזאָן אין שטאָט, מיט גרויסע פֿאַרבינדונגען אין די „הויכע פֿענצטער". אייביק זיך

געקהלט און שטענדיק אַנטייל גענומען אין ווו עפּעס אַ קאָמיטעט און אין ווו עפּעס אַ וויכטיקע פֿאַרזאַמלונג. און ער... וואָס? טאַקע אַ הויכער, טאַקע אַ שיינער, מ׳קען אַפילו זאָגן אַ קראַסאַוועץ און אַ ציינטעכניקער — אַ גרויסער פּאַכמאַן, אָבער פּאָרט אַן אַרויס־געשיקטער, אַן אַנטלאָפענער פון נאַרים און אויף דער האַנט בײַ אים נישט מער ווי אַן אָפּגעריבן בלעטל, אַן אַ לײַטישן שטעמפּל אַפילו, ס׳זאָל אים, בײַ אַ נויט, דינען פאַר אַ דאָקומענט. ווער וועט אַזעלכן צושרײַבן צו אַ קוואַרטיר און ווער וועט אַזעלכן אויפנעמען אויף אַרבעט? איז ער געשטאַנען ווי אַן עני ואביון בײַ די הויכע טרעפּ פונעם אינסטיטוט און לאַנג נישט געקאָנט פועלן בײַ זיך מאַכן דעם ערשטן טריט. דעמאָלט האָט זי אים דערזען און זײַן גורל איז באַשטימט געוואָרן. מיט איר פּיקסן־נעזעלע האָט זי באַלד דערפילט, אַז דאָ שמעקט נישט נאָר מיט העלפן אַ מענטשן זיך אײַנאָרדענען אויף אַרבעט, דאָ שמעקט מיט עפּעס מערערס, דאָ שטעקט אפשר איר לעצטער שאַנס צו אַראַנזשירן איר פּערזענלעכער לעבן. זי איז שוין נישט קיין יונגעטשקע געווען, לודמילא ניקאָ־לייעוונאַ, צעביטן שוין, ווי ס׳אי־ניט־איז, דעם פערטן צענדליק, זענען אירע אויסזיכטן אויפצושטעלן אַ משפחה געוואָרן וואָס אַ מאָל שוואַכער. די מלחמה האָט אַן רחמנות שיטער געמאַכט די רייען פון די קאַוואַלירן, פיל פון זיי אומגעקערט אינוואַלידן, וועמען אָן אַ האַנט, וועמען אָן אַ פוס, אָדער מיט נאָך ערגערע פּגמים, האָט זיך איר אַוודאי נישט געגלוסט פאַרבינדן זיך דאָס לעבן מיט אַ קאַליקע. פאַר די יונגע געזונטע מענער, אָבער, די מיט הענט און פיס, האָט זי שוין געהייסן אַן אַלט־געבאַקענע, אַן איבערגעזעצ־טענע. יענע האָבן זיך געשאַרפט די ציין אויף עפּעס ייִנגערס, אויף צאַפּלדיקערס פון איר.

האָט זי געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז ס׳איז איר אַזוי אויך גוט. זי פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן, באַקומט אַ גוטן געהאַלט, שוין אָפּ־גערעדט פון די זײַטיקע פאַרדינסטלעך, וואָס פאַלן איר צו בשתיקה און פאַרגרעסערן פילפאַכיק אירע הכנסות. אַי, זי איז אַליין?... גיט זי זיך יאַקאַש אַן עצה, נישט תמיד פאַסט זי תעניתים און, חוץ

דעם, ס'אַ צײַט אַזעלכע, זי איז נישט אײנע. נאָר חתונה האָבן, פֿון דעסטוועגן, האָט זי געוואָלט, אַזש דער רוח האָט זי גענומען. האָט גאָט אַלײן איר צוגעשיקט דעם בחור און אַ שעפּטשע געטאָן איר אויפֿן אויער — האָב שׂכל, זע פֿאַרשפּיל אים נישט. האָט זי אים געהאָלפֿן אָנקומען אַרבעטן אַלס צײנטעכניקער אין דער צענטראַ־לער לאַבאָראַטאָריע, אים פּראָטעזשירט די ערשטע צײַט, ביז אַלע האָבן זיך איבערצײַגט, אַז ער איז אַן ערשטקלאַסיקער מומחה אויף מאַכן צײן־פּראָטעזן און נאָך אַ גרעסערער ספּעציאַליסט בײַם מאַכן גאָלד מיט זײַנע גאָלדענע הענט. אין די צוויי גאָלדענע הענט זײַנע האָט זיך טאַקע לומדמילאַ ניקאָלײעוונאַ אין גיכן פֿאַרליבט ביז איבער די אויערן און ער, ליאָװושקאַ, האָט זי ליב באַקומען פֿאַר איר גרויסער ליבע צו אים.

אין גיכן האָט דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער לאַבאָראַטאָריע זיך אומגעקערט צוריק צו זיך קײן מאָסקווע און לעוו גאַווריליאָוויטש, אונדזער ליאָווע, האָט שוין, אַן באַזונדערע שוועריקײטן, פֿאַרנומען דעם וואַקאַנטן פּאָסטן.

★

די לעצטע, וואָס האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם „גרויסן ראָמאַן״, איז געווען זײַן אײגענע מאַמע. זי איז געוווּרע געוואָרן ווען ס'איז שוין געווען אַ באַשלאָסענע זאַך און ענדערן האָט מען שוין גאָר־נישט נישט געקאָנט. דאָס הײסט — קײנער האָט זיך נישט געקליבן עפּעס ענדערן, בײדע זענען זײ געווען גליקלעך און אַלע אַרום, חוץ זײַן מאַמען, פֿאַרשטײט זיך, האָבן געקוקט מיט אָפֿענע מײַלער אויף די צוויי משוגעים, וואָס האָבן פֿאַרלוירן די קעפּ פֿון גרויס הצלחה. זי, אַ שטײגער, האָט געלאָזט זיך אָפּהאָקן די אײבערשטע העלפֿט פֿון איר נאָמען און צוגעשטאַנען מ'זאָל זי מער נישט רופֿן לודמילאַ, נאָר אומבאַדינגט מילה, מילקה, ס'זאָל קלינגען ווי אַן עכט ייִדישער נאָמען. טאָמער ווײניק, האָט זי מבשׂר געווען בפֿני עם ועדה, אַז זי בײַט, בײַם פֿאַרשרײַבן זיך אין זאַגס, איר פֿאַמיליע פֿון פּאַוולאָוואַ (אַזאַ נאָבעלע, אַריסטאָקראַטישע רוסישע פֿאַמיליע) אויף זײַן ייִדישער פֿאַמיליע גרינמאַן. שײן פֿון איר זײַט!? ווען

זי קען ,דאַכט זיך, וואָלט זי זיך אַליין אַ קוש געטאָן אין באַק פאַר אַזאַ העראָישן טאַט. אַלע האָבן געגאַפט און מער פון אַלע ער, דער לעקיש. אַזאַ קרבן ברענגט מען נאָר אויפן מזבח פון גרויסער ליבע, און אויך ווײַט נישט יעדער פאַרליבטער וואָלט אײַנגעגאַנגען אויף אַזעלכן. אויב דאָס הייסט נישט ליבע, טאָ וואָס איז ליבע בכלל? אָנגעלאָדן מיט אַזעלכע אַרגומענטן, איז לייבעלע געקומען צו זײַן מאַמען איר מגלה זײַן דעם סוד.

זײַן מאַמע, שיפרע גרינמאַן פון פאַלעשט, איז פון דער „גוטער בשורה" געפּלעפט געוואָרן אויפן אָרט. זי האָט געקוקט אויף אים און נישט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. זי האָט געהערט ווערטער און נישט תּופס געווען וואָס ער איז אויסן מיט זיי. „הייסע ליבע, גרויסער קרבן"!! אַ וויסטער פינצטערער חלום צו מײַנע שונאימס קעפּ! וואָס טויג מיר איר קרבן? זי האָט געדאַרפט דעם קרבן אויף תשעה און נײַנציק כּפּרות. זי האָט נישט געוואָלט דעם קרבן און נישט געוואָלט הערן פון דער שיקסע, מיט אַלע אירע מעלות, וואָס ער האָט דאָרטן אויסגערעכנט. זי האָט נישט געוואָלט די שיקסע ווי אַ מענטש וויל נישט שטאַרבן. ער האָט גערעדט זײַנס און זי האָט געטראַכט צו אירן. פּלוצעם איז דערגאַנגען צו איר דער אומגליק אין זײַן גאַנצער גרייס, האָט זי אָנגעהויבן וויינען, ברעכן די הענט: פאַרוואָס קומט עס מיר? קאַרג בין איך געשטראָפט געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן, זײַן נע ונד, וואַלגערן זיך אויף פרעמדע שוועלן, דאַרף איך נאָך אַזאַ שאַנדע אויף מײַן ווײַסן קאָפּ? וויניק ווילע יידישע מיידלעך דאָ אין שטאָט, וואָס יעדע פון זיי וואָלט מיט פאַרגעניגן פאַר דיר חתונה געהאַט, האָסטו זיך אויסגעזוכט דווקא אַ גויע, צו מײַן וויסט מזל!

— מאַמע, מילה איז נישט קיין גויע...

— ווער דען איז זי, דעם שטעפּענעשטער רבס טאָכטער?

— מאַמאָטשקאַ, מילה איז אַן אינטעליגענטע פרוי, מיט ביל־דונג, מיט אַ גרויסן פאַרנעם און זי האָט מיר געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס. דו האָסט פאַרגעסן, מאַמע, ווי אומבאַהאָלפן מיר זענען געווען, ווען מיר זענען אַהער געקומען און נאָר אַ דאַנק

איר האָב איך דערגרייכט דעם מצב, אין וועלכן איך געפֿין זיך היינט.

— זאָל איר טאַקע גאָט אָפּצאָלן פֿאַר דעם אַלעמען כּפֿל כּפֿליים, נאָר וואָס קער זיך עס אָן מיט חתונה האָבן? לייבעלע־טאַטע, זון מײַנער, איך וויל דו זאָלסט מיך פֿאַרשטיין: דאָ רעדט זיך נישט וועגן מסחר, אָדער וועגן אַרבעטן צוזאַמען, אַפֿילו נישט וועגן שכנישע באַציונגען, דאָ שטעלט מען אין קאָן דאָס פֿאַמיליע־לעבן מיט אַלע געוווינהייטן, מיטן גאַנצן שטייגער, וואָס איז פֿיל שטאַרקער פֿון אונדז, צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט. וואַרט אויס אַ רגע, שלאָג מיר נישט איבער, איך בעט דיך. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? אַה... יאָ. איך האָב דיך געוואָלט פֿרעגן: וואָס פֿאַר אַ געמיינזאַמס האָסטו מיט איר, חוץ, פֿאַרשטייט זיך, די אַרבעט? ווי אַזוי שטעלסטו זיך פֿאָר אַ משפּחה־לעבן מיט איר, קינדער, וואָס וועלן געבוירן ווערן בײַ אייך? צי וועגן דעם האָסטו אַפֿילו קיין טראַכט נישט געטאָן? קינדער, וואָס וועלן זיך, אפֿשר, נאָך שעמען מיט זייער ייִדישן טאַטן, אָפּלייקענען שטיין און ביין זייער אָפּשטאַ־מונג פֿון ייִדן. קאַרג האָבן מיר זיך אָנגעזען מיט אַזעלכע בײַשפּילן? הייסע ליבע!! אַ מציאה אַ גרויסע! וואָס האָסטו אַזוי פֿאַרלוירן דעם קאָפּ? שוין דאַכט זיך נישט קיין פּיצעלע, געמעגט פֿאַרשטיין. הײַנט איז בײַ איר אַ הייסע ליבע צו דיר, ווײַל זי האָט נישט עפּעס בעסערס, און מאָרגן קען זי, מיט דעם זעלבן פֿלאַם, זיך פֿאַרליבן אין אַ צווייטן, וואָס וועט איר מער לוינען. דו גלייבסט זיי די גויים? נאָך האָסטו נישט געזען אויף וואָס זיי זענען פֿעיִק, ווען ס׳האַנדלט זיך אין אַ ייִדן? הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, דו ברענגסט נישט נאָר חרפּה אויף מײַן אַלטן קאָפּ, דו ברענגסט אַ גרויסן אומגליק זיך אַליין אין שטוב אַרײַן.

לייבעלען האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר דער מאַמען. ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט, אַזוי געשעצט, אַזוי זשאַליִעט, שטענדיק נאָר געזוכט איר פֿאַרלויפֿן די וועגן, זי פֿאַרזאָרגן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, אָפּזיצן שעהען מיט איר און אויסהערן אירע מעשׂיות פֿון אַ מאָל, נאָר ס׳קומט דאָך אַ צײַט, ווען מ׳מוז זיך אָפּרײַסן פֿון

דער מאַמען, ווי ווייַ דאָס זאָל נישט טאָן. אַזאַ קלוגע מאַמע, ווי ער האָט, און זי וויל נישט פאַרשטיין אַזאַ פּשוטע זאַך, אַז זיי האָבן זיך זייער ליב און ס'איז זיי זייער גוט צוזאַמען. נישט אומזיסט האָט ער אָפּגעשטופּט דעם דאָזיקן געשפּרעך מיט איר, ווי ווייַט ער האָט געקאָנט, מערער אָפּלייגן, אָבער, איז געווען שוין אוממיגלעך, די צייַט האָט אונטערגעטריבן, זיי האָבן זיך שוין געגרייט צו דער חתונה.

★

די חתונה איז פאַרגעקומען אין קאָנפערענץ־זאַל פונעם אינס־טיטוט און, כאָטש מיר זענען געווען, אַזוי־צו־זאָגן, חתנס־צד און זיך אויסגעפּוצט אין סאַמע בעסטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָבן מיר, פון דעסטוועגן, אויסגעזען דאָרט ווי אָרעמע קרובים בייַם עק טיש. מילא מיר, מ'שטיינס געזאָגט, חתנס־צד, נאָר דער חתן אַליין, מיר דאַכט, האָט אויך נישט געפילט זיך איבעריק היימיש בייַ זיך אַליין אויף דער חתונה. ער איז דווקא געווען אויסגעפּוצט אין פאָלנע פּאַראַד, די שטיוול האָבן געגלאַנצט ווי אָפּגעפּאָלי־טורטע, די גאַליפע־הויזן זענען געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסענע און די גימנאַסטיאָרקע, אונטערן בראַוון אַרמייסקע גאַרטל, איז געווען אָפּגעצויגן און בולט געמאַכט זייַן ברייטע ברוסט ווי בייַ אַן אמתן קאָמאַנדיר. ס'האָבן זיך נאָר געבעטן דאָרט אַ פּאָר מעדאַ־לן, כּדי צו מאַכן דעם געהעריקן אייַנדרוק, נאָר מאַלע וואָס ס'וואָלט זיך אים געוואָלט! ער וואָלט שוין, מיר דאַכט, אייַנגעגאַנגען אויף איין קליינעם מעדאַל אויך, אַבי ס'זאָל זיך דאָרטן עפּעס טעלע־בענדען, בלישטשען און ווייַזן, אַז ער איז אויך אַ שטיקל גענעראַל־מאַיאָר־כייַקל־פאַרעך. פאַרפאַלן. דאָס איז פון אים נישט אָפּהענ־גיק, דאָס איז אַ גאָט־זאַך. האָט ער פּשוט, פון צייַט צו צייַט, געשטשערעט די גרויסע ווייַסע געזונטע ציין זייַנע, אַ הירזשע געטאָן פון געלעכטער, מענטשן זאָלן זיך אומקוקן און באַמערקן, אַז ער איז דאָ, אויף דער חתונה, נישט עפּעס אַ ווייַטער קרוב, נאָר דער חתן בכבודו ובעצמו.

אונדז האָט שטילערהייט געריסן דאָס האַרץ אויף אים. מיר

האָבן געוווּסט, אַז נישט נאָר דער מעדאַל, וואָס האָט אים געפעלט, דערקוטשעט אים, פאַרשטערט אים די שׂמחה, ס'האָט אים געפעלט דאָ אַ ביסעלע מערערס, ס'האָט אים געפעלט זײַן מאַמע, דער סאַמע נאָענטסטער מענטש אויף דער וועלט, זײַן מאַמע, וואָס איז געבליבן אַליין אין דר'היים און וויינט איצט דאָרט, געוויס, אויף איר פינצ־טערן גורל. אַלע מאָל האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, כּלומרשט אָפּוואָרפן די האָר פונעם שטערן, נאָר גיכער האָט ער דערמיט, מסתּמא, געוואָלט אָפּטרײַבן דעם געוויסן־ביסן, וואָס האָט אים געגנאָגט ווי אַ וואָרעם. איז ער ווידער צוגעגאַנגען צו דער כּלה, זי אַרומגענומען בײַ דער טאַליע און צוגעדריקט צו זיך. זי האָט געשײַנט, זיך צעשמאָלצן פון גרויס תּענוג, געווען אויפן זיבעטן הימל. אַלע האָבן זי באַגריסט, זיך געקושט מיט איר און צוגעטראָגן איר טײַערע מתּנות. איר ווייסט דען וואָס פאַר אַ געסט דאָרט זענען געווען? די סמעטענע פון טאָמסק! סאַמע פּראָפעסאָרן. און אויב נישט גאַנצע פּראָפעסאָרן, איז קאַנדידאַטן אויף פּראָפעסאָרן, איז דאָצענטן, איז סתּם דאָקטוירים, דענטיסטן, צאַנרײַסערס למי־ניהם. זיי האָבן אָנגעפילט מיט זיך דעם גאַנצן אויבן־אָן, זיי האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן זאַל. ווי נישטיקע שטויבקריכערס האָבן מיר זיך געפילט צווישן זיי, מורא געהאַט אַז מיר פאַרנעמען מיט אונדזער נישטיקייט צו פיל פּלאַץ. דערפאַר האָבן זיי זיך שוין צעשפּרייט אין דעם זאַל טאַקע ווי בײַ זיך אין דר'היים, געראַשט, געפּילדערט, געהאַלטן אין איין קושן זיך און... געטרונקען. געטרונקען ביז משוגעת. אויף דער חתונה האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען מיט די אייגענע אויגן, וואָס הייסט טרינקען. נישט טרינקען... ממש גיסן! און ס'איז געווען וואָס צו גיסן. די טישן, לענג אויס די ווענט, האָבן זיך געבראָכן פון אַזוי פיל גוטס. דאָרט איז געווען ריינער זעקס און נײַנציקער ספּירט וועגן די מענער און עטוואָס צעפּירטער פאַר די דאַמען, פאַרפראָפּקעוועטע פלעשער ווײַן פון פאַרשידענע מאַרקעס (ווער קען זיי דען גע־דענקען אויסצורעכענען), גרויסע בוטלס מיט פאַרפּראַוועטן סאַ־מאַגאָן, סיוווּכע, סליוואָוויץ און טאָמער ווייניק, האָט מען ערשט

צום גלאַוונע טאָסט, ווען מ׳האָט באַגריסט מיטן „געזעצלעכן הייראַט״ דאָס „יונגע פּאָרל״, אָנגעגאָסן יעדן איינעם אַ פול גלעזל קאָניאַק. נישט צו באַגרײַפן!

כּלהס־צד האָט, ווי געזאָגט, געגאָסן, חתנס־צד האָט מערער געגעסן.

מיר האָבן אָנגעהויבן, פאַרשטייט זיך, פון דעם מאַרינירטן הערינג מיט די ציבילקעלער און מייערלער, גענומען זיך אין טעלערל צו אַ סאַרדינקע, אַ שפּראָט, נישט מבייש געווען אויך די קילקעס אין טאָמאַטן־סאָס. נישט יעדן טאָג מאַכט זיך אַזאַ חתונה, נישט יעדן טאָג זעסטו אַזעלכע דעליקאַטעסן, דאַרף מען נישט זײַן קיין חזיר, מ׳טאָר, אָבער, אויך קיין טיפּש נישט זײַן, מ׳דאַרף פון אַלעמען פאַרזוכן. האָבן מיר זיך, הייסט עס, באַלעקט און אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אַ שטיקל פון דעם פּיראָג מיט אָסעטרינע, פיש געבאַקענע אין אַ טייגעכץ. פיש! אַלץ הייסט פיש? פאַראַן פיש און פאַראַן פיש. אָסעטרינע, אויב איר ווילט וויסן, קער זיך שוין אָן, לויטן טעם, נאָענטע קרובים מיטן לויתן. פון וואַנעט איך ווייס? איך שטעל זיך פאָר. נאָר לאָמיר נישט פאַרקריכן צו ווײַט. ס׳איז געווען פּרימע שבפּרימע. יוצא מן הכּלל. מיר זענען דאָך נישט געוווינט, אַפילו, צו אַזעלכע מאכלים, בײַ אונדז איז דער גרעסטער יִחוס אַ שטיקל געפילטע פיש, איז נישט וואָס איך וויל, חלילה, פּוגע בכּבודם זײַן, נאָר דאָ... נעמסט אַ רעפּטל פיש, פאַרבאַקן אין געבלעטערט טייג און דאָס שמאַלץ רינט דיר איבער די ליפּן, וויל איך אײַך טאַקע זאָגן, אַז ס׳איז טעם גן־עדן. ווען איך שעם זיך נישט, נעם איך אַ צווייט שטיקל, נאָר... מ׳דאַרף האַלטן פּאַסאָן. דערפאַר, ווען ס׳איז געקומען צו די פליישקאָטלעטן, צו די געקנאָבלטע און געפּעפּערטע קאָטלעטן, וואָס האָבן געבעטן זיך אין מויל אַרײַן מיט זייער אויסזען, ריח און טעם, האָב איך שוין נישט אויסגעהאַלטן, דעמאָלט האָב איך זיי שוין אַלע געהאַט אויף אַ גוט אָרט. איר האָט בײַ אונדז צוגענומען אַזאַ בחור, אַזאַ צעדערבוים, מעגט איר באַצאָלן מיט אַן איבעריקן קאָטלעט, דער רוח וועט אײַך נישט נעמען, און איך האָב אויפגעגעסן גאַנצע

דרײַ שטיק. שיִער נישט צעזעצט געוואָרן און אויפגעגעסן. נאָך מיט צוגעזשאַרעטע קאַרטאָשקעלעך אַלס אַ גאַרניר און מיט אַ זויער אוגערקעלע, וואָס האָט געכרוסטיעט אונטער די ציין. אוף... שוין. דאָס איז עס, מער, ווען איך וויל אַפילו, האָב איך שוין קיין אָרט נישט געהאַט וווהין אַרײַנצושטופּן. פּאַר אַלע הונגעריקע יאָרן זיך אָנגעגעסן. חוץ דעם איז שוין נישט געווען אַזוי שטאַרק, וואָס ס׳זאָל רייצן מײַן אַפּעטיט. ראַקעס, למשל, ווען איר הרגעט מיר, ווען איך ווײַס אַז איך גיי אויס פון הונגער, וואָלט איך זיי אויך אין מויל נישט גענומען. ס׳איז נישט קיין יידיש מאכל. זאָלן זיי זיך קוויקן. מוחל. אויך דאָס זיסע געבעקס בײַ זיי, האָט געהאַט מײַן באַבעס טעם. זיסוואַרג האָט מען געדאַרפט עסן בײַ אונדז אין שטעטל אויף אַ חתונה. שׂרהלע דער סאַרווערינס פּײַנעם צוקער־לעקער, אויסגעקלאַפּטן האָניקלעקער, הײַנט איר פלאָדן, הײַנט איר באַקלאַוואַ! פאַרפאַלן די קי מיטן שטריק!...

איבערגעזעטיקטע מיט כל־טוב, האָבן מיר זיך אויך אויסגע־זוכט אַ שטיקל פּלאַץ אין זאַל און אָפּגעטאַנצט אונדזער חלק אונ־טערן אַקאָמפּאַנימענט פון דער גאַרמאָשקע. דער אַקאָרדיאָניסט איז לאַנג שוין געווען מלא, האָט ער געצויגן אַזאַ קאַקאָפאָניע, אַז קיינער האָט זיך שוין צו זײַן מוזיק נישט צוגעהערט און גע־האָפּקעט וו׳זוי ס׳האָט זיך געלאָזט. מ׳האָט געהוליעט ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן. קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. אַ חתונה... אַזוינס ווי אַזעלכעס.

★

טעג האָבן זיך געביטן מיט נעכט, זיך אויסגעשטעלט אין וואָכן און, אַבי ס׳האָבן זיך צונויפגענומען פיר וואָכן, איז אַוועק אַ חודש. דערנאָך נאָך איינער און נאָך איינער און, איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט איז אַריבער אַ יאָר. די געשעפטן בײַ זיי זענען געגאַנ־גען, ווײַזט אויס, נישט שלעכט, זיי האָבן זיך צוגעקויפט נײַ מעבל, געשיר און אַפילו אַ נײַ גאָלדן פינגערל מיט אַ טײַערן שטיין האָט זיך אין גיכן באַוויזן בײַ מילהן אויף דער האַנט. פאַר אונדז האָט זי דאָך נישט מורא געהאַט, האָט זי אונדז געזאָגט בסוד־סודות, אַז

דאָס איז אַן אמתער טאַפּאַז. זי איז זיכער געווען, אַפּנים, אַז ווי באַלד מיר זענען אַרויסגעשיקטע, ווייסן מיר אַ טאָלק אין צירונג. וואָס הייסט? טאַפּאַזן האָבן זיך בײַ אונדז געוואַלגערט ווי מיסט אויף די גאַסן. פון דאַנעט האָבן מיר געמאַכט דעם אויספיר, אַז דאָס איז נאָך גאָרנישט, עיקר צירונג ליגט ערשט מסתּמא בײַ איר פאַרשלאָסן אויף צען שלעסער, ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגן אָרט. ווען צוויי גאָלדשמידן ווי ליאָווע און מילה קומען זיך צונויף, איז אַלץ צום גלייבן.

אויך מכּוח זייער משפּחה־לעבן איז, דאַכט זיך, אַלץ געווען אין אָרדענונג, פאַר יעדן פאַל, פון דער זײַט האָט מען אַפילו קיין סימנים פון טרעשטשינעס נישט באַמערקט. מילה האָט זיך אָנגע־גאָסן מיט ווײַבערישן חן, זיך געהאַלטן ווי אַ גאַנצע גראַנד־דאַמע, שטענדיק מיט געשמאַק אָנגעטאָן, שיין פאַרקעמט און אויפגענו־מען געסט מיט דער ברייטער האַנט. אַפילו די מוטער, די אַלטע שיפרע, האָט געמוזט נאָכגעבן. אַ ברירה האָט זי געהאַט? פלעגט זי אַ מאָל אַרײַנקומען צו זיי און מילאָטשקאַ האָט איר צוגעטראָגן אַ פײַנע גלאָז טיי מיט אַ שטיקל געבעקס, איר צוגערוקט אַ שעלעכל ברוסניקאַ־אײַנגעמאַכטס און זי געבעטן זי זאָל זיך פילן באַקוועם ווי בײַ זיך אין שטוב. פאָטער אין הימל, האָט די אַלטע פאַרטרונקען מיט טיי די טרערן, וואָס האָבן זי געשטיקט, וואָס אַ שטייגער, וואָלט דיך געווען געאַרט, ווען דאָס זאָל געווען זײַן אַ ייִדיש קינד? אַזאַ זויבערקייט אין שטוב, אַזאַ באַלעבאָסטע, ווער וואָלט צו מיר גלײַך געווען? זיי פלעגן זי דערנאָך אונטערפירן אַהיים און בעטן זי אויף מאָרגן ווידער קומען. מילה האָט אַפילו נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן וויפל געזונט ס׳האָט געקאָסט דער מוטער, ביז זי האָט זיך באַשלאָסן אַריבערטרעטן זייער שוועל. און צוליב וואָס האָט זי עס געטאָן? כּדי די שיקסע זאָל לייבלען נישט דערגיין די יאָרן, נישט אויס־וואָרפן אים, אַז זײַן מאַמע איז אַ מרשעת, האָסט זי, וויל זי נישט קענען.

דאָס צווייטע יאָר איז אויך געווען אין אָרדענונג. ליאָווע האָט אַפילו באַקומען פונעם „גאָרזדראַוואָטדעל״ אַן אויסצייכענונג מיט

אַן אַטעסטאַט, אַז ער איז אַ פֿאַרדינסטפֿולער מײַסטער אויף מאַכן ציין־פּראָטעזן. דעם אַטעסטאַט האָט מען אויפֿגעהאַנגען אונטער אַ געראַמלט גלאָז אויף דער מזרח־וואַנט אין דער לאַבאָראַטאָריע און די צוויי קאָפּיעס האָט מען אויך אָנגעגלעזט און אויפֿגעהאַנגען — איינע בײַ זיך אין שטוב און די צווייטע בײַ דער מוטער, בײַ שיפֿרען, זאָל זי קוקן און שעפּן נחת.

אין אַ צײַט אַרום איז שווער קראַנק געוואָרן ווערא וולאַדימיר־ראָוונאַ, איינע פֿון די בעסטע דאַנטיסטקעס בײַ זיי אין אינסטיטוט און די באַרמהאַרציקע מילה האָט געטאָגט און גענעכטיקט נעבן איר אין שפּיטאָל. סאַוועליעוו איוואַן פּעטראָוויטש, וועראָטשקעס מאַן איז איר געווען זייער דאַנקבאַר פֿאַר דער גרויסער הילף, פֿאַר איר מסירות־נפֿש צו זײַן פֿרוי. ער איז געווען דאָצענט און אָנגעפֿירט מיט דער קאַטעדרע פֿון אַנאַטאָמיע אין מעדיצינישן אינסטיטוט, האָט ער זיך קוים צעריסן צווישן דער אַרבעט און דעם לויפֿן אין שפּיטאָל אַרײַן צו דער קראַנקער. ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי אָפּצודאַנקען לודמילאַ ניקאָלייעוונאַ פֿאַר איר געטרײַשאַפֿט. מילה האָט זיך געפֿונען באַליידיקט — וואָס הייסט אָפּדאַנקען? ווערא איז איר חברטע, איז דער חוב אירער, בײַ־שטיין וועראָטשקען אין די נויטן. נישט איין מאָל פֿלעגן זיי זיך באַגעגענען אין שפּיטאָל, נעבן דער קראַנקערס בעט, זיך פֿאַר־האַלטן דאָרט לענגער און סאַוועליעוו האָט שוין, פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעפֿירט דערנאָך מילאַן אַהיים, אַ פּאָר מאָל האָט ליאָווע דווקא פֿאַרגעלייגט קומען זי באַגעגענען, נאָר מילאַטשקאַ האָט אים פֿאַר־זיכערט, אַז ער דאַרף זיך נישט באַאומרויִקן, בײַטן זײַנע געוווינהייטן און זיך אָפּזאָגן פֿון דעם פֿאַרגעניגן ליגן פֿאַרנאַכט און לייענען אַ צײַטונג, אָדער אַ בוך. חוץ דעם גייט ער לעצטנס אָפּטער צו זײַן מאַ־מען, זי האָט אָנגעהויבן זיך קלאָגן אויף די פֿיס, כאַפּט ער זיך אַרײַן יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט, ברענגט איר וואָס זי דאַרף, טראָגט איר אָן פֿרישע וואַסער און וואַשט איר אַפֿילו אָפּ דעם דיל פֿאַר אַ נויט. לייבעלע איז אַ געטרײַער זון, די מאַמע איז נאָך אַלץ בײַ אים געהויבט און געקרוינט. שיפֿרע קוקט אים אין די אויגן, ווויל נישט פֿרעגן,

נאָר וויל זייער וויסן, צי אַלץ איז בײַ אים אין אָרדענונג. לייבעלע איז אַ מבין אויף דער מאַמעס קוק, נעמט ער זי אַרום מיט זײַנע געזונטע אָרעמס, אַזש זי זעט זיך קוים אַרויס פון דאָרט.

— אַלץ אין אָרדענונג, מאַמאַטשקאַ, אַלץ אין אָרדענונג! מילה איז אין שפּיטאָל נעבן איר חברטע, אַן אַנגעזעענע דאָקטערשע בײַ אונדז, נעבעך זייער קראַנק, ווײַטער וואָלט זי געקומען מיט מיר אַהער.

דער מאַמען האָט ער פאַרזיכערט, נאָר ער אַליין איז שוין נישט געווען אין גאַנצן זיכער בײַ זיך. גלײַך ווי מ'האָט זי לעצטנס אונטערגעביטן, מילהן. וווהין איז אַהינגעקומען דער פלאַם־פײַער, וואָס זי איז געווען, ווען ער פלעגט זיך נאָר צורירן צו איר? נײַע ווערטער איצט, תּירוצים יעדן טאָג — זי איז מיד, דער קאָפּ טוט איר ווייִ... מילא, זאָל זײַן אַזוי. נאָר אַ חשד האָט זיך, פון דעסטוועגן, פאַרגנבעט אין זײַן האַרץ, עפּעס איז אים אַרײַן אין דער נאָז. נאָר ער האָט געשוויגן. געפרעגט יעדן אָוונט, פון איבער דער צײַטונג, וואָס טוט וועראַ, אויסגעהערט איר ענטפער מיט אַלע פּרטים און פאַרגעזעצט ווײַטער לייענען.

— איך האָב דיר אײַנגעדעקט, דאָרט אין קיך, דעם אָוונטברויט אויפן טיש, איך מיין ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעקילט.

— אַ דאַנק, טײַערער, איך בין נישט הונגעריק. מיר האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט, מיטן וועג, צו איוואַן פּעטראָוויטשן, ער האָט געדאַרפט נעמען דאָרט אייניקע פּאַפּירן, האָבן מיר שוין איבערגעביסן אין איין וועגס.

ליאָווע האָט געשוויגן.

אַזוי אַ גאַנצן ווינטער. אין מײַ איז וועראַ וולאַדימיראָוונאַ געשטאָרבן. דער אינסטיטוט איז געגאַנגען כּאַדאָראָם. די פּאַמינקעס, נאָך דער לוויה, זענען פאַרגעקומען אין דעם זעלבן קאָנפערענץ־זאַל, ווו צוריק מיט פיר יאָר האָט מען געשפּילט זייער חתונה. לודמילאַ ניקאָלייעוונאַ איז געווען איצט אין אַ שוואַרץ עלעגאַנט קלייד, וואָס האָט אונטערגעשטרייכט איר שלאַנקע פיגור און זייער שיין זיך געפּאַסט צו איר בלאַס פּנים, אַן אַ טראָפּן שמינקע

דאָס מאָל, כּדי בולט צו מאַכן איר טיפן צער נאָך דער געשטאָר־בענער. איוואַן פּעטראָוויטש האָט פון איר נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט אָנגעפירט מיטן „פּאַראַד".

דערנאָך איז איוואַן פּעטראָוויטש געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנ־קומער צו זיי אין שטוב אַרײַן און מילאַטשקאַ האָט געגרייט גרוי־סאַרטיקע טישן אַפילו אין דער וואָכן. זי האָט נישט געזשאַלעוועט קיין טײַערע ווײַנען, פאַרשידענע דעליקאַטעסן, וואָס זי האָט גע־קריגן איין גאָט ווייסט ווו און בכלל איז אַוועק אַ פריילעך שטיקל צײַט. ווי דען? איוואַן פּעטראָוויטש איז געווען נעבעך אַזוי דער־שלאָגן, אַזוי איינזאַם אין זײַן גרויסער שיקאַרנער קוואַרטירע, האָט מען אים געדאַרפט אַ ביסל פאַרווײַלן, צעווייען זײַנע שוואַרצע מחשבות. האָט זי אים פאַרווײַלט אַזוי אַ גאַנץ יאָר. פאַרשידענע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבער דער שטאָט. ס׳קאָן נישט גע־מאָלט זײַן, אַז צו ליאָווען זענען די רכילותן נישט דערגאַנגען, נאָר ער האָט עס מיט גאָרנישט נישט אַרויסגעוויזן. געאַרבעט ווי אַ באַזעסענער פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, אומיסטן געאַרבעט אויבערשעהן, כּדי וואָס ווייניקער זיך געפינען אין שטוב. אויב ס׳זענען אַ מאָל פאַרגעקומען סצענעס צווישן זיי, און זיי זענען מסתּמא יאָ פאַרגעקומען, האָט קיינער וועגן דעם נישט געוווּסט גאָרנישט. שאַ, שטיל, ווי עס פּאַסט פאַר מענטשן פון הויכן גראַד.

★

די אויפבינדונג האָט זיך שוין נישט געלאָזט לאַנג בעטן. זי האָט שוין געשוועבט אין דער לופט. מ׳האָט ממש געפילט, אַז אָט־אָט וועט זי קומען, מ׳האָט נאָר נישט געוווּסט פון וואַנעט און ווי אַזוי. איז זי גאָר אָנגעקומען מיטן ווינט פון דער ווײַטנס, אַזש פון דער צווייטער יבשה. זי איז געקומען פון מאָסקווע, ווו ס׳האָט זיך דעמאָלט פאַרקאָכט די קאַשע מיט די ייִדישע דאָקטוירים, דער שרעקלעכער בילבול, וואָס האָט צעשמעטערט אין איין „שמע־ישראל" די לאַנגיאָריקע יסודות פון אמונה אין דער מעדיצין און אין אירע קאָריפייען, די פאַרדינסטפולע דאָקטוירים פונעם קרעמל

און פון די גרעסטע שפּיטעלער אין לאַנד. דער אויפריַיס איז געווען אין מאָסקווע און די ווידערקולות האָבן אָפּגעהילכט אין אַלע עקן פון דער רוסישער אימפּעריע. נישט געווען, מיר דאַכט, איין פאַרוואָרפן ווינקל, וווהין די געשיכטע מיט די דאָקטוירים, מיט די „רוצחים אין די וויַיסע כאַלאַטן", ווי מ׳האָט זיי תּיכּף אָנגערופן, זאָל נישט געווען דערגרייכן און איבערלאָזן אירע צעשמעטערונג־שפּורן. צירקולאַרן מיט באַפעלן האָבן זיך געטראָגן פונעם צענטער פיַיל אויסן בויגן און „קעפּ" זענען געפלויגן מיט מעטעאָרישער גיכקייט. יעדער מעדיצינישער אַנשטאַלט האָט געמוזט אויפן אָרט אָננעמען זיַינע מיטלען און תּיכּף אָפּגעבן דעם ראַפּאָרט, אַז ער האָט אויסגעפּילט זיַין חלק אין קאַמף מיט די שׂונאים פון פאָלק.

ליאָווען האָט מען אַרויסגערופן צום נאַטשאַלניק און דווקא זייער איידל, נאָר מיט אַ טאָן, וואָס האָט נישט געלאָזט קיין פּלאַץ װעגן וויכּוחים, אים פאַרגעלייגט איבערגעבן טאָקע אין דעם זעלבן טאָג די שליסלען פון דער לאַבאָראַטאָריע זיַין פּאַרטרעטערין, וואָס איז שוין געזעסן פון פריער אין קאַבינעט, געווען בלאַס, ווי די וואַנט און מורא געהאַט זיך מתוודה זיַין, אַז זי ווייסט נישט פון איר חיות. אויב ער וויל, האָט אים דער דירעקטאָר געזאָגט, קאָן ער בליַיבן אַרבעטן אַלס געוויינלעכער טעכניקער. ליאָווע האָט קוים געפונען די טיר אַרויסצוגיין.

אין דר׳היַים האָט ער אויסגעלאָזט דאָס האַרץ צו מילהן, געווען מלא טענות, הלמאי זי האָט נישט אָנגענומען זיַין צד ביַים נאַטשאַלניק, וואָס איז אירער אַן אַלטער גוטער פריַינד.

מילה האָט געשוויגן, קיין וואָרט אים נישט געענטפערט.

ליאָווע איז אַרויס פון די געדערעם. — נו, און דו אַליין, האָט מיט אים אַזש געוואָרפן פון כּעס, דו אַליין גלייבסט אויך אין די אַלע נאַרישקיַיטן, אין דעם בילבול, וואָס מ׳האָט אויסגעטראַכט אויף ייִדן ?

— וואָס הייסט אויסגעטראַכט, איז זי געוואָרן מלא רציחה, ווער האָט אויסגעטראַכט ? דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט אויס־

געטראַכט? דו ווייסט וואָס דו רעדסט? אַ גליק נאָך, וואָס קיינער הערט אונדז נישט, ווײַטער וואָלט מען דיך פאַרקאָוועט אין קייטן און איך וואָלט אויך קיין האַניק נישט געלעקט איבער דיר. וואָס אַ מענטשן פאַלט איַין? אַ בילבול גאָר!! אי־די־אָט!

ליאָווע איז געבליבן אַרבעטן ווי אַ צייכנטעכניקער. דאָס איז געווען זײַן פאַך, עפּעס אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט. חוץ דעם איז שווער געוואָרן בכלל אַ ייִדן אַנצוקומען אויף סײַ וואָס פאַר אַן אַרבעט. מ׳האָט דערזען דעם 5־טן פּאַראַגראַף, אַז דו ביסט אַ ייִד, הייסט עס, האָט מען דיר אומגעקערט דעם פּאַספּאָרט און נישט געוואָלט רעדן מיט דיר. אין יעדן ייִדן האָט מען געזען אַ שׂונא, אַ מאָנסטער, וואָס זוכט כּל מיני דרכים אָפּסמען, פאַרניכטן, אומברענגען די אומשולדיקע רוסישע שעפעלעך. אַ שווערע צײַט האָט זיך אָנגערוקט אויף ייִדן. מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן פּאָג־ראָמען, וועגן פאַרשיקן ייִדן אין באַשטימטע ווײַטע ראַיאָנען אויף עבודת־פּרך אין די שאַכטן. ייִדן האָבן מורא געהאַט אַרויסגיין פון שטוב אין די פאַרנאַכטן. אַ גליק וואָס ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און דער אמת איז אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער. די טימאַשטשוק, ימח שמה וזכרה, וואָס האָט בשעתּה באַקומען אַן אָרדען פאַר אויפדעקן דעם „קאָמפּלאָט", איז תּיכּף דעגראַדירט געוואָרן און געמשפּט געוואָרן. אין תּפיסה האָט מען איר באַלד געמאַכט די זאַך, זי זאָל נישט קענען אויסגעבן און אָנרופן די אמתע מחברים פון דעם בילבול. די שטורמישע כוואַליעס האָבן זיך טאַקע אָפּגע־שטעלט, נאָר די געליטענע האָבן פאַרגעזעצט טראָגן די שטראָף אויף זייערע פּלייצעס. אויף די פריערדיקע הויכע פּאָסטנס האָט מען שוין קיינעם פון די ייִדן צוריק נישט אויפגענומען.

ליאָווע האָט געאַרבעט אַזוי... אָפּצושטופּן די צײַט, אַן דעם אַמאָליקן רייץ, אָן דעם אַמאָליקן ברען. ער האָט געפילט, אַז אויך זײַן משפּחה־לעבן צעפאַלט זיך. ער האָט עס געוווּסט. ער האָט נאָר נישט געוווּסט און בשום אופן נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ סורפּריז זײַן מילאָטשקאַ גרייט אים נאָך צו.

אין יענעם טאָג איז ער, ווי שטענדיק, גאַנץ פרי אַוועקגע־

גאַנגען צו דער אַרבעט. מילה איז נאָך געשלאָפן, אָדער געמאַכט זיך שלאָפנדיק, האָט ער זי נישט אויפגעוועקט, שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. דער טאָג איז אויך דורכגעגאַנגען אַן באַזונדערע אויסנאַמען. דאָס וואָס ער האָט מילהן אַ גאַנצן טאָג נישט געזען, האָט אים לחלוטין נישט געווונדערט, אַוועק די צייַטן ווען זי פלעגט אַלע מאָל אַרייַנלויפן צו אים אויף דער אַרבעט, כאַפּן אַ קוש, אָדער געבן אַ קוש און אַנטלויפן. אָפּגעקילט זיך, פרעמד געוואָרן.

פאַרנאַכט איז ער נאָך, מיטן וועג, אַרייַנגעגאַנגען צו דער מוטער, זיך לאַנג דאָרט נישט פאַרהאַלטן און געעפנט מיטן שליסל די טיר פון זייַן שטוב. די שטוב איז געווען ליידיק ,אָבער ליידיק וואָס ליידיק הייסט. פון די קילימעס מיט די בילדער, מיט דער באַוווסטער שקאַטולקע, די אויף צען שלעסער, ווו, חוץ דעם צירונג, וואָס ער האָט פאַר די אַלע יאָרן איר אָנגעקויפט, האָט ער נאָך געהאַלטן דעם זאַפּאַס גאָלד, זייַן גאַנץ פאַרמעגן, פון דעם איז אָפּגערעדט, נאָר אַפילו דאָס גאַנצע מעבל האָט זי אַרויסגעפירט, אַפילו זייַנע פּערזענלעכע זאַכן, זייַנע קליידער, דעם נייַעם מאַקינטאָש זייַנעם, די העמדער, די שיך... אַלץ, אַלץ, אַ פּאָדעם האָט זי אים נישט געלאָזט. אין קיך איז געשטאַנען אַן אָפּגעריבענע טאַבורעטקע און אויף איר, אָנגעשפּאַרט אין אַ געפּיקעטער גלאָז, איז געווען אַ קאָנווערט, אַ בריוו צו אים. זי האָט אים געמעלדעט, אַז זי איז איבערגעגאַנגען וווינען צו איוואַן פּעטראָוויטשן. פּאַקטיש, האָט זי געשריבן, לעבן זיי שוין לאַנג ווי מאַן און ווייַב, ס'איז קיין סוד נישט פאַר קיינעם, נאָר ער איינער האָט פון דעם נישט געוווסט, אָדער געמאַכט זיך נישט וויסנדיק, וואָס איז אויף אַ האָר נישט בעסער. ווייַטער... ערגער. אויב דאָס לעבן איז דיר טייַער, האָט זי געשריבן מיט איר פּערלדיקן האַנטשריפט, זאָלסטו אַפילו נישט פּרווון אָנהייבן מיך פאַרפאָלגן. מייַן געוויסן איז ריין. איך האָב געטאָן פאַר דיר נישט ווייניקער ווי דו פאַר מיר. זענען מיר קוויט. דאָס אַלץ, וואָס איך האָב גענומען, געהערט צו מיר, אַז מיר וואָלסטו קיין מאָל צו דעם נישט געקומען. טאָמער, אָבער, וועט

דער נאַר זיך צעשפּילן אין דיר און דו וועסט יאָ גיין זיך קלאָגן אויף מיר, זאָלסטו וויסן, אַז איך וועל אויפדעקן אַלע דײַנע סודות, דערציילן ווו מ׳דאַרף וועגן די גרויסע קאָמבינאַציעס מיט גאָלד, וואָס דו האָסט קונציק דורכגעפירט און פאָלג מיך, אַז ס׳וועט זיך דיר נישט לוינען, דו וועסט באַצאָלן מיטן קאָפּ. זע, איך האָב דיך געוואָרנט. מיר וועט מען שטענדיק גלייבן גיכער ווי דיר.

ליאָווע האָט אַרויסגעלאָזט דעם בריוו פון זײַן האַנט. פּאַוואָ־לינקע האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, אָנגעכאַפּט דעם קאָפּ מיטביידע הענט און זיך געשאָקלט ווי אַן אבל, ווי אַ נשׂרף, ווען ס׳איז געבליבן נאָר דאָס אַש זיך צו שיטן אויפן קאָפּ. ער איז לאַנג אַזוי געזעסן, זייער לאַנג, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיט שלאַבעריקע טריט זיך געשלעפּט צוריק צו זײַן מאַמען.

## נו, שוין...

— סבתא, ס׳איז אמת, אַז דו ביסט געווען אין סיביר?
— אמת, מײַנע טײַערע, אמת!
— און ס׳איז דיר מסתמא קאַלט געווען?
— נאָר ווי אַזוי!!

— — — — — — — — — —

אַ צען־צוועלף קילאָמעטער נעענטער צום רבונו־של־עולם בײַט זיך שוין דאָס בילד לגמרי, אין גאַנצן אַן אַנדער וועלט — פרישע לופט, קלאָרע געדאַנקען און אַ שטאַרקער ווילן נישט דווקא אַראָפּקוקן פון אויבן און זען וואָס טוט זיך אונטן, נאָר אַרײַנקוקן טיפער אין זיך אַליין, דערמאָנען זיך אין די סאַמע דערשיטערנ־דיקסטע מאָמענטן, וואָס האָבן געלאָזט אַ טיפן אָפּדרוק אין דײַן לעבן און מאַכן טאַקע אַ שטיקל חשבון־הנפש, ווי געוויינטלעך בײַ אַ לאַנגער נסיעה, ווען דו ווייסט אַלע פּרטים בײַם לאָזן זיך אין וועג אַרײַן, נאָר קאָנסט נישט וויסן, וואָס ס׳קען אַ מאָל פּאַסירן ביזן אָנקומען אויפן אָרט.

מיר האָט געגליקט אַן אָרט נעבן פענצטער און, כאָטש איך האָב אַ ביסל מורא פאַר די פליעבצער, ס׳איז נישט פאַר מײַנע נערוון, פון דעסטוועגן, ווי אַזוי געפינט מען זיך אויף אַזאַ הייך און מ׳פאַררוקט נישט כאָטש איין מאָל דאָס פירהענגל ,כאַפּן אַ קוק וואָס טוט זיך עפּעס אין דרויסן? ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל, פאַרשטייט זיך, וואָס איך פלי מיט אַן עראָפּלאַן, ס׳איז, אָבער, דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך פלי קיין ישׂראל, האָב איך אַ טראַכט געטאָן — איך ווייס... אפשר זעען דאָ אויס די הימלישע וועגן אַנדערש ווי אין גלות? ווייס־איך־וואָס... דאָס זעלבע! אויבן די זון און אונטן די כמאַרעס, די אייביקע כמאַרעס. און די כמאַרעס דערמאָנען מיר תיכּף אין די סיבירער שנייען, אין די בערג שניי, וואָס איך האָב געבעכטעט אין זיי יאָרן לאַנג. פאַר׳צי איך גיך דאָס

פירהענגל. מוחל. איך ווייס, אָבער, גוט, אַז ס׳איז פֿאַרפֿאַלן. סיביר וועט מיך שוין פֿאַרפֿאָלגן אַ גאַנצן וועג. אומזיסט זיך צוגעגרייט פֿאַרשידענע טעמעס, פֿריילעכע געדאַנקען אויף צו פֿאַרנעמען דעם מוח ביזן אָנקומען אין לאַנד. די אַלטע וווּנד, כאָטש פֿון אויבן איז זי פֿאַרצויגן געוואָרן אין משך פֿון אַזוי פֿיל יאָרן, יאַטערט נאָך אַלץ בײַם מינדסטן צורירן זיך צו איר. דער פּחד איז געבליבן אַ פּחד און די צוויי ווערטער: נו, שוין... וואָס האָבן זיך אײַנגעביסן ווי אַ קליעשטש אין מײַן אונטערבאַוווסטזײַן, זאָג איך נאָך אַרויס, ביז הײַנט־צו־טאָג, אויף אַ קול, אָן דער מינדסטער כּוונה, אָן שום קאָנטראָל, בײַ יעדן שווערן פֿאַר מיר מצב, בײַ יעדער פֿאַרלעגנהייט.

★

אין יענער נאַכט האָב איך פֿעסט באַשלאָסן בײַ זיך, אַז אויב איך וועל, פֿון דעסטוועגן, אויסהאַלטן און זיך זען אַ מאָל אין דרויסן, פֿון יענער זײַט געבײַדע, הייסט עס, אַזוי נעם איך זיך תּיכּף דאָס לעבן. וויפֿל קען אַ מענטש לײַדן, האָב איך געטענהט צו זיך אַליין. איך בין דעמאָלט אַלט געווען קנאַפּע צוויי און צוואַנציק יאָר. זיך אויפֿהענגען, האָב איך געטראַכט, און קיינער וועט אַפֿילו נישט וויסן פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען, ווײַל איך האָב געגעבן אַן אונטערשריפֿט, אַז איך וועל קיינעם אין דער וועלט נישט דערציילן אַ וואָרט פֿון דעם וואָס זיי וועלן מיר זאָגן. טאָמער, אָבער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, וועל איך עס אויפֿנעמען גרינג און יאָ עמעצן מגלה־סוד זײַן, האָט ער געמאַכט צו מיר מיטן פֿינגער, זאָל איך געדענקען, איין מאָל פֿאַר אַלעמען, אַז די נ.ק.וו.ד. האָט אומעטום „אויגן" און „אויערן" און ס׳איז זייער שווער זיך אויסצודרייען פֿון זיי. דעריבער... ראָט ער מיר נישט זוכן זיי איבערצושפּיצן, ווײַל זייער האַנט וועט מיך דערגרייכן אין יעדן ווינקל און שטראָפֿן מיך שוין דעמאָלט אָן רחמנות. האָב איך געחתמעט, אַז איך וועל שווײַגן.

נאָך אַזאַ פֿײַערלעכער צערעמאָניע, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט בײַ זײַן מאַסיוון שרײַבטיש, אויסגעטאָן דאָס היטל און עס באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן, גלײַך ווי ער זעט עס דאָס ערשטע מאָל

(געוואָלט אַ פּנים געווינען צײַט כּדי צו פאָרמולירן שאַרפער זײַנע געדאַנקען), פאַררייכערט די ליולקע און צוגעשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע צום ווענטל פון שטול. בײַ אַזאַ אַרבעט איַלט מען זיך נישט און בכלל זוכט מען צוצוגעבן אַ ביסל דראַמאַטיזם דער אינטאַנאַציע און די באַוועגונגען. האָט ער זיך פּלוצעם אַ שטאַרקן בויג געטאָן איבערן טיש, מיר אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן און גערעדט קלאָרע דיבורים:

— מיר ווייסן וועגן דיר אַלץ... דו ביסט אַנטלאָפן, אָן אַ דער־לויבעניש, פונעם „כימלעסכאָז" און געקומען וווינען דאָ אין ראַיאָן, אַזוי האָט זיך דיר פאַרגלוסט. איין קלייניקייט האָסטו דערבײַ פאַרגעסן, אַז דאָס איז קעגן געזעץ, אַז דו ביסט באַגאַנגען דערמיט אַ גרויס פאַרברעכן. אייגנטלעך, האָט ער געפּיפּקעט אָן אויפהער, וואָלט איך נישט געדאַרפט פירן מיט דיר קיין געשפּרעכן, נאָר גלײַך דיך אָפּשיקן מיטן עטאַפּ צוריק אין וואַלד אַרײַן, דאָ האָט ער געמאַכט אַ פּאַוזע, געוואָלט זען דעם רושם וואָס זײַנע ווערטער האָבן געלאָזט אויף מיר, זיך אויסגעהוסט דעם האַלדז און פאַרגעזעצט — נאָר... מיר ווילן דווקא יאָ אַרײַנגיין אין דײַן לאַגע, קומען דיר, אַזוי־צו־זאָגן, אַנטקעגן און דיך יאָ לאָזן וווינען דאָ אין קריוואָשיינאָ, דערפאַר, אָבער, וועסטו מוזן אויך פון דײַן זײַט מיט עפּעס אונדז העלפן.

— איך אײַך העלפן, האָב איך נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס?

— מיט אַ קלייניקײַט. דו וועסט, מיט דער צײַט, קומען צווישן אײַערע מענטשן, די אַרויסגעשיקטע, זיך צוהערן וואָס זיי רעדן, צי זאָגן זיי זיך נישט אַרויס קעגן דער סאָוועטישער מאַכט, לאַכן נישט אָפּ פון איר, דערציילן נישט קיין אַנטיסאָוועטישע אַנעקדאָטן, אַלץ, אַלץ וועסטו פאַרגעדענקען און דערנאָך אינפאָרמירן וועגן דעם. דאָס איז אין גאַנצן. פאַרשטאַנען?

דאָס בלוט האָט מיר אָפּגעטרעטן פון האַרץ. ט׳האָסטו דיר דאָס אויסגעחלומטע קריוואָשיינאָ! אין וואַלד האָבן מיר כאָטש וועגן אַזעלכע זאַכן נישט געוווּסט, נישט מורא געהאַט איינער פאַרן צווייטן. ווער ס׳האָט געוואָלט האָט געשאָלטן, געזידלט, זיך אַראָפּ־

גערעדט פון האַרצן און נישט געטראַכט אַפילו, אַז עמעצער וועט אים מסרן. צו וועמען? צו די בײַמער? דאָ, אָבער, איז דער ראַיאָן־צענטער, מיט אַלע אַטריבוטן, וואָס אַ בכּבודיקער ראַיאָן איז באַשאָנקען מיט זיי און בראש וראשונה מיט אַ נ.ק.וו.ד., פאַרשטייט זיך. און די נ.ק.וו.ד. ווימלט און שווימלט, מיט אָן אַ שיעור לײדיק־גייערס, אומזיסטפרעסערס, וואָס ווילן כאַטש מיט עפּעס באַרעכטיקן זייער עקזיסטענץ, ווערבירן זיי מוסרים מערסטן טייל טאַקע פון צווישן די גערודפטע, דראָען זיי מיט צוריקשיקן אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט, דערשרעקן זיי זיך און שרײַבן אונטער, אַז זיי וועלן צושטעלן אינפאָרמאַציעס וועגן אַלעמען. ווער פון זיי ווערט, מיט דער צײַט, טאַקע אַ פּאַטענטאָווענער מוסר, אַנדערע, אָבער, מאַטערן זיך דערנאָך אַ גאַנץ לעבן מיט זייער געוויסנביסן. אינטערעסאַנט, ווער האָט מיך אויסגעגעבן? פון וואַנעט האָבן זיי זיך אַזוי גיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך אין קריוואָשיינאַ? פונעם „כימלעס־כאָז״ האָט זיי קיינער נישט צו וויסן געגעבן, אין דעם בין איך כמעט זיכער, דאָרט זענען זיי אַלע געליטענע, האָבן פײַנט די סאָוועטישע מאַכט, כאַטש מ׳רעדט קיין מאָל נישט אָפן וועגן דעם, האָבן פײַנט נאַטשאַלסטווע און נאָך מער פון נאַטשאַלסטווע האָבן זיי פײַנט מוסרים, דאָנאָסטשיקעס. אַ מוסר וואָלטן זיי אויפגעהאַנגען בײַ דער צונג. שטילערהייט זענען זיי אַפילו צופרידן ווען עמעצן גיט זיך אײַן אַרויסצורײַסן פון דאָרט. דאָ... איז אין גאַנצן עפּעס אַנדערש. דאָ דאַרף מען זײַן פאַרזיכטיק, האַלטן די צונג צווישן די ציין, ווענט האָבן דאָ אויערן, פאַר דעם אייגענעם ברודער, דאַכט זיך, דאַרף מען זיך היטן. גוט אַרײַנגעפאַלן, שוין איין מאָל גוט!

— פאַרשטאַנען?? האָט ער איבערגעחזרט שוין מיט כּעס.

איך האָב זיך אַזש אַ וואָרף געטאָן, זיך אויפגעכאַפּט פון מײַנע געדאַנקען.

— איז וואָס־זשע שווײַגסטו אויב אַזוי, צי ס׳האָט דיר אָפּגענומען דאָס לשון?

— איך קען דאָ קיינעם נישט, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין

ערשטן תּירוץ, איך ווין דאָ בײַ אַ סאָלדאַטקע, איר מאַן איז אומגע־קומען אויפֿן פֿראָנט און זי איז געבליבן מיט צוויי קינדער, העלף איך איר אין דער ווירטשאַפֿט. ווײַטער קען איך קיינעם נישט.

— קיינער הייסט דיר נישט שוין מאָרגן גאַנץ פֿרי קומען צו אונדז מיט נײַעסן. מיר גיבן דיר גענוג צײַט אַרומצוקוקן זיך. אָרדן זיך אײַן צו ערשט אויף אַרבעט, ווּעסטו זיך באַקענען מיט מענטשן, קומען צווישן זיי און טאַקע אַכטונג געבן בשעת־מעשׂה אויף זייערע שטימונגען.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גרויסע פּילפּאַרביקע קרײַזן האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען פֿאַר מײַנע אויגן. דאָס וועט זײַן מײַן סוף, האָב איך נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, זיך אַ וואַקל געגעבן און... זיך אויסגעצויגן אויפֿן דיל. איך האָב זיך אויפֿגע־כאַפּט פֿונעם שטאַרקן קלאַפּ, וואָס כ׳האָב געכאַפּט אין קאָפּ בײַם אומפֿאַלן. ער האָט גיך אַרײַנגערופֿן אַ מיטהעלפֿער אוןביידע האָבן זיי מיר געהאָלפֿן זיך אויפֿהייבן, מיר דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער און אַרויסגעפֿירט אין קאָרידאָר אויף אַ באַנק.

— או, פּאַסקודנאַיאַ באַבאַ, האָב איך, ווי דורך אַ נעפּל, געהערט זײַנע רייד, גיי האָב צו טאָן מיט אַזאַ קוואַטש, אַ קיסעליצע.

אויף דער באַנק אין קאָרידאָר בין איך אָפּגעזעסן ביז אין דער פֿרי. ס׳האָט מיט מיר געוואָרפֿן ווי אין פֿיבער, די ציין אין מויל האָבן מיר געקלונגען. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן זיך אויפֿצוהענגען.

אין דער פֿרי האָט ער מיך ווידער אַרײַנגערופֿן אין קאַבינעט, מיך נאָך אַ ביסל אָנגעסטראַשעט, צוגעזאָגט מיך נאָך אַרויסרופֿן און... אָפּגעלאָזט.

איך האָב זיך נישט אויפֿגעהאַנגען. די זון, וואָס האָט אין יענעם טאָג באַזונדערס העל געשײַנט און מײַנע נישט אויסגעלעבטע צוויי און צוואַנציק יאָר האָבן נישט דערלאָזט צו דעם.

מ׳האָט מיך מער אויף דער טעמע נישט גערופֿן, איך בין זיי, אַ פּנים נישט צוגעגאַנגען לויט זייערע סטאַנדאַרטן, און קיין מוסרטע בין איך נישט געוואָרן, נאָר אַ גרויסער פּחד איז אַרײַן

אין מיר און אין יעדן נ.ק.וו.־דיסט, וואָס איך פֿלעג דערנאָך צופֿעליק באַגעגענען אין גאַס, האָב איך געזען אַ שטאָפּעט נאָך מיר, פֿלעג איך זיך גיך אָפּטראָגן פֿון אָרט און האַלטן אין איין איבערחזרן: נו, שוין... נו, שוין...

★

סיביר האָט מיך געהאַלטן אין קלעם, ווען איך בין שוין אַפֿילו אין סיביר נישט געווען. יאָרן לאַנג האָבן מיך געמאַטערט די זעלבע חלומות, די זעלבע קאָשמאַרן, און איך פֿלעג זיך אויפֿכאַפּן אין שווערע אַנגסטן און נישט קאָנען צו זיך קומען. אַ מין קין־צייכן איז אויסגעקריצט געווען אין מײַן האַרץ, שטענדיק נאָר מורא געהאַט, מ׳זאָל זיך, חלילה, נישט דערוויסן ווער איך בין אין אַן אמתן. דער „סאָציאַלער פּלעק״ מײַנער האָט מיך געצוווּנגען דרײַסיק יאָר אַרבעטן אויף איין פּלאַץ און נישט זוכן איבערצוגיין אויף בעסערע באַדינגונגען און דאָס אַלץ נאָר כּדי אויסצומײַדן אַן איבעריק מאָל אַריבערטרעטן די שוועל פֿון אַ נײַער קאַדער־אָפּטיילונג. יעדער קאַדער־אָפּטיילונג איז פֿאַר מיר געווען אַ שטיקל נ.ק.וו.ד., ווו מ׳האָט געהאַט רעכט צו גריבלען זיך אין דײַנע ביאָגראַפֿישע פּרטים, שטעלן נישט קיין געוווּנטשענע פֿראַגעס און קוקן אויף דיר מיט פֿאַרדאַכט. בין איך מוחל געווען די גליקן און געזעסן אויף איין אָרט.

און דאָך אַזוי, איז מיר נאָך איין מאָל אויסגעקומען דורכצוגיין אַ שווערן אויספּרווו, דאָס איז געווען ממש פֿאַרן עולה זײַן קיין ישׂראל. צווישן די דאָקומענטן, וואָס כ׳האָב געדאַרפֿט צושטעלן אין „אָוויר״, האָט געמוזט זײַן אויך אַ צײַגעניש, אַז מײַנע עלטערן זענען געשטאָרבן, איך לאָז, הייסט עס, קיינעם נישט איבער דאָרט אַזעלכן, וועמען, לויטן געזעץ, בין איך מחויב צו געבן מאַטעריעלע שטיצע. האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע סעריע צרות — ווו נעמט מען אַזאַ צײַגעניש, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז מײַן טאַטע איז געשטאָרבן צוריק מיט אַריבער דרײַסיק יאָר אין לאַגער־איוודעל אויפֿן אוראַל און מײַן מאַמע איז נישט מיט קיין סך שפּעטער אומגעקומען אין די סיבירער וועלדער. חוץ דער שווערקייט פֿון דער־

גרייכן צו די ערטער און בכלל די שאַנסן וואָס כ׳האָב געהאַט אַרויסצובאַקומען פון דאָרט וועלכע ס׳אי־ניט־איז ספּראַוווקעס, איז חוץ דעם אַלעמען וואָלט זיך, זיכער, אויפגעדעקט מײַן סוד, אַז איך בין געווען צווישן די אַרויסגעשיקטע און דעמאָלט... וואָלט איך געקענט באַצײַטנס זיך אָפּגעזעגענען מיטן געדאַנק פון באַקומען אַ וויזע אַרויסצופאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד. פיל געוועזענע רעפּרע־סירטע האָט מען, אין יענער צײַט, אָפּגעזאָגט, מורא געהאַט אַז זיי וועלן אויפדעקן מלוכה־סודות. ס׳האָט מיר גאָרנישט נישט גע־האָלפן, איך האָב געמוזט נאָך איין מאָל זיך אָננעמען מיט כּוח און דורכגיין אַ משפּט מיט עדות, כּאילו מײַנע עלטערן זענען דערהר־געט געוואָרן אין וועג, בשעת זיי האָבן זיך עוואַקואירט, אָנהייב מלחמה, אין אַן עשאַלאָן, וואָס די דײַטשן האָבן באָמבאַרדירט. ווי אַזוי ס׳האָבן געקאָנט בלײַבן לעבעדיקע עדות בײַ אַזאַ אומקו־מעניש, דאָס האָט מיך מער באַאומרויקט ווי זיי, די שופטים. מײַנע צוויי עדות,ביידע זגוריעצער תּושבים פון אַ מאָל, וואָס האָבן גוט געוווּסט די גאַנצע געשיכטע, האָבן זיך אויסגעלאַכט פון מיר — וואָס ציטערסטו אַזוי פאַר יעדער קלייניקייט? ס׳איז אַ נײַעס בײַ זיי? זיי שטויסן זיך אָן טאָג־טעגלעך אין אַזעלכע פאַלן, קאָנען זיי די משפּטים ווי סעמעטשקעס. זיי נישט קיין נאַר, האָבן זיי גערעדט צו מיר, ערגער זיך נישט אַזוי. וועסט זען — אַלץ וועט זיך ענדיקן אויפן בעסטן אופן. איך האָב אויך געהאָפט אַזוי און געזוכט מיט אַלע כּוחות זיך צו באַרויִקן, נאָר אין די נעבכט... אוי די נעבכט, דעמאָלט האָט אַלץ אָנגענומען גאָר אַנדערע גרייסן און אַנדערע פאַרבן. וואָס טו איך, האָב איך זיך געדרייט אויפן געלעגער, טאָמער כאַפּט זיך איינער פון זיי אַרויס מיט אַן איבעריק וואָרט און, נישט ווילנדיק, פירט ער אַרויף דעם שופט אויף די שפּורן פון מײַן פאַרגאַנגנהײַט? איך בין נישט געשלאָפן דורך די נעבכט.

דאָס משפּטן מיט אַלע פאָרמאַליטעטן אַרום און אַרום האָבן געדויערט אפשר דרײַ מינוט, איך, אָבער, בין דערנאָך אָפּגעלעגן דרײַ טעג קראַנק מיט אַ נערוון־אויפטרייסלונג, קוים געקומען צו זיך. אַ גליק וואָס ס׳איז נישט געווען קיין צײַט פאַר פּיעשטשען

זיך, וואַלגערן זיך אין בעט. די באַדינגונגען האָבן אונטערגעטריבן — דאַוואַי, דאַוואַי!

*

די סטיוואַרדעסע האָט עפּעס איבערגעגעבן אויפֿן הילכער. איך האָב פֿאַרהערט וואָס. פּונקט דעמאָלט זענען מיר אויפֿגעשוווּמען אין זכּרון די ווערטער פֿון ליד — „פֿאָרט אַ ייִד קיין ארץ־ישׂראל מיט פּאַרווייַנטע אויגן". בין איך, הייסט עס, נישט די ערשטע און נישט די איינציקע, וואָס פֿאָרט קיין ישׂראל מיט טרערן אין די אויגן. טרערן, אָבער, האָבן אַ סגולה — זיי וואַשן אָפּ די פֿאַרצווייפֿלונג און רייניקן אָפּ דאָס פּלאַץ פֿאַר האָפֿענונג.

דער עראָפּלאַן האָט אַ העצקע געטאָן אַלע פּאַסאַזשירן אויף די שטולן. נו, שוין... דאַנקען גאָט, דאַכט זיך אָנגעקומען. אַזאַ מזל האָט ער שוין, אונדזער אַלטער ייִדישער גאָט, האָב איך נאָך אַ טראַכט געטאָן אין דער לעצטער מינוט, — וואָס עפּעס, קריגט מען זיך מיט אים און מ'וואַרפֿט אים דעם גט פֿאַר די פֿיס, רוקט ער, אָבער, אונטער אַ צוקערל, זאָלט איר זען, ווערט מען תּיכּף בעסער און מ'דאַנקט אים און מ'ליובעט אים און מ'זאָגט אים צו, אַז שוין... פֿון הײַנט־אָן וועט מען מער נישט זינדיקן, נישט מיטן מויל, נישט אַפֿילו מיט די געדאַנקען. איז ער מסכּים, אונדזער אֵל רחום וחנון. וואָס קען ער טאָן? און פֿון דער אַנדערער זײַט, טראַכט איך, וואָס גייט אים אַזוי שטאַרק אָן דאָרט אויבן, וואָס מיר זאָגן דאָ אונטן? ס'שטערט אים, חס־וחלילה, צו זײַן רום? ס'פֿאַרמינערט, חס־ושלום, זײַן כּוח? זאָג איך טאַקע: אויב ער איז „אַ מענטש", דער רבונו־של־עולם, דאַרף ער אויך מיט מיר נישט פֿירן קיין חשבונות, צונעמען מײַן דאַנק און מיר טאַקע ענטפֿערן — נישטאָ פֿאַר וואָס.

# אינהאַלט:


מײַן מאַמעס ניגון . . . . . . . . . 9
דער חתן־בוים . . . . . . . . 10
מקום מנוחה . . . . . . . . 22
דער „זקן" פון איוודעל־לאַג . . . . . . . 31
ברויט . . . . . . . . . 43
אַליין . . . . . . . . . 50
דער איבערברוך . . . . . . . . 63
דער געסילוקטער חוב . . . . . . . . 71
די גאַנטשאַרנע . . . . . . . . 83
מײַן ערשטער גרינס־גאָרטן . . . . . . . 97
וואַנדאַ . . . . . . . . . 110
פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ . . . . . . . . 120
אויפן פריסטאַן . . . . . . . . 128
די באַראַנעסע . . . . . . . . 135
אויף פרעמדע וועגן . . . . . . . . 146
די באַגעגעניש . . . . . . . . 156
אין „זאַגס" . . . . . . . . . 168
געגענדעלע . . . . . . . . . 179
דער פאַרטריבענער מלך . . . . . . . 191
נו, שוין... . . . . . . . . . 208